0-657-15653-1
NYJH99-B15853

63

892.4 Y14

Yaffe 511167

A dira

81458 Jy 1 - '35

892.4 Y14

Se 27 '35 C
MAR 13 '48
MAY 3 '58
Fe 13 '36
Ap 4 '36
NOV 21 '36
No 29 '38
JAN 11 '39
JAN 28 '39
MAR 16 '40
MAY 7 '40
JUN 27 '40

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/dire00yoff

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 15653

# A DIRE

**Yudl Yoffe**

*Permanent preservation of this book was made possible*
*In memory of Jacob Goldfarb*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יודל יאָפע

# א ד י ר ע

## דערציילונגען

8924
Y14

צענטרפאַרלאַג
מאָסקווע 1929

Printed in USSR

Главлит № А 41072 Заказ № 573 Тираж 3000 экз.
Книжная фабрика Центриздата Народов СССР. Москва, Шлюзовый пр., 6.

511167

# אַ דירע

## I

אין אַ פעסט סטאַביליזירטער צייט האָט זיך בערל קאזשראן געלאָזן אין מאָסקווע, — מיט דוואוירקען און ביידע קינדער. געהאַט אין קעשענע אַ קאָמאַנ־דירונג צו לערנען זיך, געפירט מיט זיך דאָס ביסל באַגאַזש פאַרן גאַנצן געזינדל. אָבער ניט געקוקט אַף דעם אַלעמען, איז מען געפאָרן לייכט, פרייליך, אָן אַ טראָפּעלע זאָרג פאָרויס — ווי מע וועט זיך איינאָרדענען מיטן געזינדל אין דער גרויסער שטאָט. און וואָס איז דאָ צו זאָרגן? בערל האָט געוואוסט, אַז די שטאָט איז אַ גרויסע, אָבער ניט קיין פרעמדע. אַן אייגענע איז זי, די שטאָט, אַ היים, אַ פּראָלעטאַרישע היים. איז מען געפאָרן אופגעלייגט, ווי אין אַ לאַנג געגאַר־טער היים.

געקומען איז מען אין מאָסקווע אין די לעצטע הייסע זומער־טעג. האָט בערל קאזשראן איבערגעשלעפט דאָס ביסל באַגאַזש אין היט־קאַמער אַריין, ניט פאַר־געסן גלייך קויפן אַ פּלאַן. שוין אין טראַמוואַי האָט ער אופגעזוכט אַלע גאַסן, וואָס ער האָט באַדאַרפט, און געטיילט זיך מיט דוואוירקען, — ווי נאָענט איינס פון דאָס אַנדערע איז.

און טאַקע אין די ערשטע דריי טעג האָט זיך בערל באַקאַנט מיט אַלע נויי־טיקע רינגען אין שטאָט, גאַסן, פּלעצער, אַפילע מיט געסלעך און טעמפּע ווינק־לען, און אַליין האָט באַ אים געהאַט דעם זיבעטן כיין. און רעזולטאַטן האָבן זיך אויך באַקומען פון זיין לויפן, וואָרום אים האָט זיך איינגעגעבן איינצואָרדענען די קינדער אין אַ מוסטער־הויז הינטער דער שטאָט. פאַר זיך אַ דירע האָט ער באַקומען אין דער אַלגעמיינער סטודענטן־וואוינונג. געבליבן איז נאָר איין שווערע פראַגע, וואו אָרדנט מען איין דוואוירעלען אַף דערווייל, ביז ער וועט דאָך געוויס באַקומען אַ צימער. געוועזן איז זי, דוואוירקע, פון וועג אַביסל מיד, און ער האָט זיך פאַר איר געפילט אַביסעלע שולדיק, ווייל זי, דוואוירקע, האָט גאָר קיין כיישעק ניט געהאַט צו פאָרן פון איר איינגעזעסן אָרט, וואו זי איז זייער צופרידן געווען מיט איר אַרבעט אין נאָדל־פאַריין און אין דעם פרויען־אָפּטייל. דאָס האָט ער זי לאַנג איינגערעדט צו פאָרן מיט אים, ווייל די פראַגע פון אַ דירע, האָט ער זי פאַרזיכערט, וועט געלייזט ווערן נאָך אין די ערשטע טעג.

עמעס, ער האָט נאָך ביז איצטער ניט פאַרלאָרן זיין זיכערקייט אין דעם, אָבער אַף די נאָענטסטע טעג, אַפילע וואָכן, איז עס אויסגעשלאָסן, און דוואוירקע איז אין דעם הינזיכט זייער קאַפריז. זי קאָן זיך אופהויבן און אַוועקפאָרן צוריק. און ער וואָלט זייער געוואָלט האָבן זי נעבן זיך. נאָר ס'איז דאָך טאַקע ניט גוט, אַז וואו זי טאָגט בעכטיקט זי נים.

דוואוירקע אַליין איז אויך ניט קיין נעכטיקע, און האָט אויך פאַר די ערשטע עטלעכע טעג דערוויזן אַ היפש ביסל אויסטאַפן די שטאָט. מיט אַ פאַרוויטלט פּאָנעם און בליצנדיקע אויגן איז זי געלאָפן און געקוקט, וואו מע האָט נאָר עפּעס ניים און משיקאַווע אַנטיקן געקאָגט אָנקוקן. זי האָט עס זייער אײלנדיק געטאָן. גלייך זי וואָלט עפּעס פאַרשפּעטיקן. און נאָך דריי טעג, וואָס זי האָט זיך מיט בערלען פאַרלאָרן און ניט געקענט אים אָפזוכן, האָט זי זיך מיט אים צו־זאַמענגעטראָפן אין אַ מוזיי פון גייער מאַירעוודיקער קונסט. זי האָט זיך שוין דאָרטן געהאַט היפש אָנגעקוואָלן — וואָס איז דאָס אַזוינס דער פּיקאַסאָ? כאַ, כאַ, גאָלע פּאַיאַצן, פּירעקעכדיקע, וואָס דערמאָנען איר אין שניידעריי אַ שפּיזארנע מיט צעבראָכענע מאַנעקענעם, כאַ, כאַ, כאַ.

אַ פּאָנעם האָט זי געהאַט אַ רונדס, מיט פאַרוויטלטע באַקן, און אויגן — פּערלמוטער מיט בלאָ, ווי גלימצערדיקע פּאַטשערקעס, ציין — ווייסע, שיטער־לעכע, וואו עס האָט זיך שטענדיק געקרייזלט אַ געלעכטער קיילעכדיק און דריבנע, ווי געריבענע פּאַרפל. און קיינער וואָלט ניט כווישעד געווען, אַז אָט דאָס שלאַנקע מיידל, וואָס גיט יעדעס מאָל אַ וואָרף מיט אירע שאַטענע געשוירענע האָר און פאַרבאַפּט זיי מיט אַ קעמל, אַז דאָס איז אַ מאַמע פון אַ זעקסיאָריקן זון, און נאָך איינעם האָט זי אַ פּיריאָריקן און איינעם באַגראָבן און נאָך, נאָך, פאַר וועלכע באַ איר איז פאַרבליבן אַ שטיקעלע איימע אין האַרצן...

און משיקאַווע איז, וואָס אין אָט דער פאַרביקער פרעמדקייט האָט זי גע־קוואָלן ביז טרערן, און אין האַרצן האָט געגאָגט. און דאַפּקע דאָ זיינען אין קאָפּ געקראָכן אַזעלכע רעאַלע געדאַנקען, וועגן דעם, ווי בערל איז אָנגעשטאַנען, זי זאָל פאָרן מיט אים אין מאָסקווע, וואָרום וויפל איז טאַקע אַ שיר צו זיצן ווי דער וואָרעם אין כריין און מיינען, אַז קיין זיסערס איז ניטאָ?

איז אָט מיט דעם האָט ער, בערל, זי געגומען. און ערשט ווייסט זי, אַז בערל וועט זיך אַסאַך טומלען און לערנען, און זי וועט אין פאַבריק נייען וועש, ווי זעלדקע די ווילנער. אַביסל געזעלשאַפטלעכע אָנלאָדונג וועט זי געווים האָבן. אָבער אויסער דעם וועט זי אינדערהיים מוזן פירן אַ באַלעבאַטישקייט. זונטיק וועט מען פאָרן צו די קינדער — גו, און בערל וועט זי אַלץ זוכן מיט זיינע פאַר־ליבטע אויגן; וועט זי זיך ראַנגלען און היטן און ניט אויסהיטן פון אבארטן, — אַז ניט, איז קיגדל. איז צי איז טאַקע ניט גלייכער געווען בלייבן לעבן ווי פריער באַזונדער, יעדערער אַף זיין אָרט געלעבט, געקעמפּט, געאַרבעט אי גוט, אי פריילעך. צי איז ניט גלייכער געווען?

האָבן אָבער פֿאַרבן אויך טרייסט פֿאַרמאָגט, און אין איר אַליין האָט זיך מער פֿרייד געגעפּטיקט איידער אומעט. ווייל אין סאַמע געפֿערלעכסטע טעג האָט איר האַרץ פֿון אצוועס ניט געוואוסט, און אָט די שטימונגען און געדאַנקען, וואָס האָבן דאָ צווישן פֿאַרבן דערוואַכט, זיינען געווען גאָר פֿרישע, אין אַ פֿאָריקער נאַכט איז עס אָנגעוואַקסן, ווי אַ קנוילכל, אונטער איר האַרצן. געשלאָפֿן איז זי די פֿאָריקע נאַכט מיט דער כאַווערטע זעלדקע אין איין בעט. טאַקע זעלדקע פֿון ווילנע, וואָס גערופֿן האָט מען זי די ווייצענע, ווייל געהאַט האָט זי אַ לייב פֿון לויטערן זעמל=מעל. מאַנדל=אויגן האָט זי געהאַט מיט רויטע האָר, און באַזונדער האָבן צום באָכערשן האַרץ גערעדט די פּאָר גרייפּעלעך אַף איר האַלדז. און געווען זיינען באָכערים פּעסטע, און זי מיט זיי האָט אין קאַמף זיך ניט אָפּגעשטעלט. און אויסגעקליבן האָט זי דעם סאַמע פּיצלדיקן און סאַמע שטייפֿן און איינגעשפּאַרטן — סאלאמאָנטשיק דעם שוסטער — פֿאַר אַ מאַן.

אין איין בעט מיט זעלדקען, האָבן זיי אין דערדאָזיקער נאַכט מערער גערעדט, נעלאַכט איידער געשלאָפֿן. און אַז די ווייצענע האָט שוין געהאַט איינגעשלאָפֿן, האָט זי, דוואוירקע, נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דעם, וואָס אין די גדעריים פֿון דער ווייצענער זעלדקען שלאָגט אַ נייַ לעבן. כאָטש זי האָט זיך אַלין געראַנגלט, געמאַכט אבארטן, ביז דאָס מאָל האָט זי דער דאָקטער אונטערגעפֿירט: ער האָט ניט געפֿונען, אַז זי שוואַנגערט, ער האָט עס צוזאַמענגעבונדן מיט אַ קראַנקייט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי שוואַנגערט יאָ, אָבער מאַכן עפּעס איז שוין שפּעט געווען. אָט אַזוי האָט זעלדקע דערציילט און ווייטער געקוואָלן — נו, איז וואָס מייגסטו, איז נאָך אַ קינד. אָט וועט זי אַוועק אין אורלויב אַף גאַנצע פֿיר כאַדאָשים, וועט זי געבוירן און דערנאָך טראָגן דאָס נעפֿעשל אין יאַסלע און אַזוי ווייטער. צו דעם נעפֿעשל דערלייגט מען ניט. אונדזער מאַכט באַזאָרגט עס מיט אַלדעסגוטס, גיט אַף דעם מער וויפֿל עס באַדאַרף. נאָר וואָרען, סאָלאָמאָנטשיק האָט מאָדנע אויגן באַקומען, אַז אָפּטמאָל שרעקן זי אָט די בליקן, און זי קאָן שוין אים, אַז ער וועט נאָך מאָגערער און אומרואיקער ווערן, און די ווינקל=ווירעלעך, און די צירקלען וועלן פֿאַלן פֿון זיינע פּיבערדיקע הענט, ווייל עס וועט אים ענגער און טומלדיקער ווערן צו לערנען און טאָן זיין אַרבעט, ווייל מע וועט איינעם דאַרפֿן טראָגן אין יאַסלע, אַ צווייטן — אין קינדער=גאָרטן, אַ דריטן — פֿירן אין אָנפֿאַנג=שול. און דערנאָכדעם צוריק. וועט ער קרעכצן, סאָלאָמאָנטשיק: זיין טאָג ווערט אים שווערער און קנאַפּער אַף אָפּצוטאָן די אַרבעט, וואָס ער איז מעכויעוו ווי אַ פּראָלעטאַריער, ווי אַ קאָמוניסט, ווייל לערנט ער אַף אַ אינזשענער, דאַרף ער אָרנטלעך לערנען, קענען און וויסן בעסער פֿאַרן פּרעמדן. און זי, די ווייצענע, וועט אַלץ ווייניקער קוועלן, ווייל זיצנדיק אין פֿאַבריק באַ דעם וועש=געניי, וועט זי טראַכטן, אַז עס איז גאָרניט גוטיק געווען, אַז איר סאָלאָמאָנטשיק דער שוסטער זאָל אַוועק אין אַרבפּאַק אָנהויבן פֿון אַלעף און שלעפּן זיך ביז אַ אינזשענער, און וואָס זי גלויבט ניט ביז איצטער. ווייל טאַקע וואָס וואָלט פֿעלן, ער זאָל זיין אַ שוסטער אין פֿאַבריק? זיי האָבן פֿריער

וואָרעם געקעמפט אַף די פראָנטן, ערשט וואָלט מען זודיק געלעבט, ס'איז דאָך דאָ אַ לעבן!.. איז פון אָט דעם אָ איז עס אָנגעוואקסן באַ דוואוירקען אַן אומרוקנווילכעלע אונטערן האַרצן. טאַקע צי איז עס אַ זאַך, אַז ער, בערל קאַזשדאַן זאָל זיך אַריינוואַרפן אין לערנען אַף דער עלטער? צי וועט עס טאַקע ניט פאַלן ווי אַ שווער געוויכט אַף איר נאַקן?

אָבער לאַנג האָט באַ איר זיך ניט געקענט האַלטן אָט די שטימונג, ווייל זי האָט זיך דערמאָנט, ווי ער, בערל קאַזשדאַן, כאַפּט זיינע צוויי יאַטן אַף זיך, אַז מע דאַרף, און קלאַפּט אָן אין וואַסער טיר מע דאַרף און אָרדנט זיי איין אַפן בעסטן אויפן. האָט זיך איר קוועלן געוואָלט און ניכער געפינען אים, קאַזשדאַנען, און פרעגן אים, וואָס הערט זיך וועגן אַ דירע, ווייל זי איז מיד, אָפּרוען וויל זי, און געניסן פון שוין אויסגעקעמפטן לעבן!

## II

ס'איז אַזוי געווען, אַז פונקט דעמאָלט, ווען דוואוירקע האָט באַשלאָסן זיך לאָזן זוכן איר בערלען, זיינען אין מוזיי אַריין מענטשן. איינער אַ הויכער, אַ שטייפער אין אַ מעשונגע-קאָליר-אָנטאָן, ניט העל און ניט טונקל, און אַ מאָדנער פאַסאָן: ניט קיין פידזשאַק, ניט קיין בלוזע, אָבער — דער קאָפּ הויך און די האָר שטעכיק. האָט ער געוואָרפן זודיקע בליקן און געמאָנט אַ מענטשן, וואָס זאָל געבן צו פאַרשטיין. אַזאַ מענטש מוז דאָך דאָ זיין. דאָ קומען שוין מער ניט קיין מאָראָזאָווס און שטשוקינס, דאָ קומען פּאָשעטע אַרבעטער.

האָבן מענטשן אַף אים געקוקט מיט דערעכערעץ, געשמייכלט. ווייל הויך האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ און שטעכיק די האָר און אויגן — פלאַם, אַ פּאָנעם אַ באַגייסטערטס, וואָס דערמאָנט אַזעלכן, וואָס קאָן זיך מויסערגעפעש זיין פאַר דעם, אין וואָס ער גלויבט. איז זי, דוואוירקע, אונטערגעלאָפן צו אים, ווי אַן אנטציקט מיידעלע, אָנגעכאַפּט אים פאַר די הענט און מיט אַ סימכע אויסגעשריען — קאַזשדאַן!

ער האָט זיך אויך שטאַרק, שטאַרק מיט איר דערפרייט, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָנגעטראָפן מיט אַ געליבטער, וואָס איז מעאייווערלעיאם געקומען. ער האָט זיך אַפילע פאַרמאָסטן אַ קוש טאָן זי גלייך אין די ליפן, האָט זי ניט געלאָזן, געלאַכט, געהאַלטן אים אונטער דער האַנט און גערופן — קום, קום, מיט מיר אַפן גאַס, איך וועל שוין דיר דערציילן, וואָס דאָ איז פאַראַנען, קום!

האָט ער שוין אַפילע פאַרגעסן אַרויסצונעמען דעם פלאַן פון קעשענע און אַ קוק טאָן, וואוהין זיי גייען. דער טאָג איז געווען היים און שטויביק. אָבער ערשט זיינען הויפנראַמערס געשטאַנען און מיט קישקעס געשפּריצט, געוואַשן אַספּאַלט און שטיינער און אָפּט אַפילע די פאַרבייגייער. זיינען זיי צווישן די שפּריצן דורכגעלאָפן. אַפן סאָבאָר-פלאַץ, וואו בלומען האָבן די לופט געווייכט און גערופט, איז כאַווער בערל קאַזשדאַן שוין גאָר-גאָר אַריין אין היספּאַילעס:

אַהאַ, וואָס פֿאַר די עטלעכע טעג האָט זיך באַ אים אָנגעזאַמלט צו דערציילן איר, דוואוירעלען, פֿון אַזעלכע מוזייען, וואָס ער לויפֿט עס דורך לעסאַטע פֿאַרביי מיט די אויגן, און ער קלייבט זיך עס שפּעטער אַלץ גענוען לערנען, ווייל ער האָלט עס פֿאַר נאַריש, וואָס אַנדערע כאַווערים לאָזן עס איבער פֿאַר דער בור־זשואַזער אינטעליגענץ — ניין, ווי באַקומט ער נאָר פֿאַר איר דערווייל אַ ווינקל, וואָלט ער זיך שוין געוואָרפֿן לערנען, ווייל אין סווערדלאָווקע מוז ער זיך אַביסל צוגרייטן. אָט זעט זיך פֿונדאַנען אַ מוזיי, איז דאָרטן איינמאָל אַ ביבליאָטעק, איז דאָרטן דאָ אַן עטנאָגראַפֿישע אָפּטיילונג, זעט מען דאָרטן דאָס גרויסע ראַטנ־לאַנד. האָט ער זיך ערשט פֿאַרמאָסטן דערציילן איר פֿונעם רויטן פּלאַץ מיט די העלדן־קוואָרים באַם קרעמל, וועגן דעם קלויסטערל פֿון וואַסיל בלאַזשעני. כאַ, כאַ, — האָט ער זיך ערשט פֿאַרמאָסטן טייטלען מיט די פֿינגער — קוק דאָ, קוק דאָרטן, ווי שיין איז דאָ דאָס נידעריקע הייזל מיטן שאַרפֿן דאַך אין דעקאַדענטישן סטיל געבויט, אויך אַ מוזיי. נאָר ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זי, דוואוירעלע, הערט אים ניט, אַז זי זיצט בלאַס פֿאַרביטערט — וואָס איז, וואָס איז, דוואוירעלע? און באַ איר איז דאָס קאָל הייזעריקלעך פֿאַרביטערט:

— יאָ, זי זעט שוין, אַז ער פֿאַרמעסט זיך גוט לערנען, ווי סאָלאָמאָנטשיק דער ווילנער. און זי וועט זיך ווי זעלדקע הויקערן אַפֿן וועןגעניי אין פֿאַבריק און פֿירן זיך אַ באַלעבאַטישקייט און ראַנגלען זיך מיט אים און היטן זיך און ניט איינהיטן זיך ווי זעלדקע... ניין, זי וויל עס ניט. דאָ איז זי איבעריק אין שטאָט, און דאָרטן דאַרף מען זי האָבן. און זי טוט אַרבעט, און זי האָט בעדייע אַוועק־פֿאָרן צוריק אין שטעטל אַף איר אַרבעט אין נאָדל־פֿאַריין.

ווער ווייס, מיט וואָס עס וואָלט זיך געקענט פֿאַרענדיקן אַזאַ קאַפּריז פֿון אַ דוואוירקען? באַ בערל קאזשדאַן האָט זיך אַף אַן עמעס אַ הויב געטאָן דער מויעך, ער האָט פֿלינק אַ כאַפּ געטאָן אַפֿן קאָפּ — וואָס האָט ער ניט אָפּגעטאָן, וואָס ער וואָלט געקאָנט און באַדאַרפֿט אָפּטאָן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז געטאָן האָט ער אַלץ, וואָס אין זיינע מעגלעכקייטן איז געווען:

ריישעס, איז אין זיין קאָמאַנדירונג ניט אַלץ געווען אין אָרדענונג. איז וויפֿל לויפֿעניש האָט ער געהאַט, ביז ער האָט עס געפֿויעלט און האָט עס דורכגעפֿירט. דערנאָך און דערהויפּט איז געגאַנגען דער אייסעק וועגן אַ דירע. האָט ער צום מאַזל געפֿונען אַ כאַווער אַ סעקרעטאַר אין אַ ראַיקאָם, זייער אַן ערנסטן און אַ פּרינציפּיעלן פּיינט פֿון פּאַפּירלעך שרייבן און פּראָטעקציעס געבן. האָט ער זיך אַף דעם כאַווער אַזוי אָנגעזעצט, אַז ער האָט פֿאַר דאָס בעסטע געפֿונען אָנ־שרייבן אַ צעטל און פּאָטער ווערן פֿון אים. און געשריבן אונטער זיין דיקטאָווקע, אַז דער כאַווער קאזשדאַן האָט צוויי קינדער מיט אַ ווייב, וואָס וואַלגערן זיך מאַמעש אַף דער גאַס, און מע מוז אים גלייך צושטעלן אַ צימער. עמעס, עס האָט ווייניק געהאָלפֿן, ווייל אין דירע־אָפּטיילונג טוט זיך כוישעך פֿון מענטשן, און אַלע האָבן צעטלעך, אָבער דער כאַווער, צו וועלכן דאָס צעטל איז געווען אַדרעסירט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר גאָר אַ גאָענטן כאַווער. האָט ער אים, בערל קאזשדאַן,

געהאַלטן פֿאַרביידע לאַצן און געדרעדט אים אין ביידע אויערן, וויל ער איז טויבלעך, דער כאַוועד פֿון דירה־אָפּטייל, און ער האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט — אַף געוויס, אַ דירה וועט זיין, נאָר ניט באַלד. עס איז פּאָשעט ניטאָ, — האָט ער טויב מיט די הענט צעפּירט — ניטאָ נאָך דערווייל.

איז וואָס נאָך האָט ער געקאָנט טאָן? ער איז די טעג געווען פערצן שאָ אַ טאָג אַף די פּיס. אָט האָט ער באַ זיך אַ צעטל. אויב זי וויל, דוואוירקע, אַרבעטן, קאָן זי גיין אַפילע מאָרגן אין פאַבריק, און אויב לערנען אין אַן אַרבפאַק, קען מען עס גריגג מאַכן, און ער וועט אויך קריגן אַרבעט, מע האָט צוגעזאָגט.

יאָ, טאַקע וועגן סאָלאָמאָנטשיקן, וואָס זי האָט דערמאָנט. ער האָט נאָך אין לעבן ניט באַגעגנט אַזאַ גליקלעכן מענטשן, ווי אָט דער פּיצלדיקער סאָלאָ־מאָנטשיק. דאַר און קוואַר און טאַנצט פֿאַר פרייד און רעדט פֿאַר צען, און דער־ציילט, ווי ער האָט עס אָנגעהויבן אין אַרבפאַק, און איצטער איז ער שוין באַלד אַ אינזשענער. אָט נאָך אַ פּאָר יאָר, און ער גייט סטאַזשירן, און מיט יעדן אַרויס־לאָז קומט צו אַלץ מער פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ, וואָס וועט זיך אַריינ־גיסן אין דער ווירטשאַפט, און מיט אַן אויג פֿון אַן עכטן באַלעבאָס וועט ער זען, אַז עס זאָל ווי געהעריק אופגעשטעלט ווערן די ווירטשאַפט אין דעם קאָמונים־טישן לאַנד.

האָט אָט דאָס מענטשעלע איפּ אַזוי אָנגעשטעקט מיט פרייד, אַז ער האָט אים געמוזט אָנכאַפּן באַ ביידע אַקסלען און טרייסלען אים און שרייען — ריכ־טיק, ריכטיק, כאַוועד, מיר דאַרפן געבן טוערס, נאָר טאַקע די בעסטע טוערס אַף אַלע געביטן. אָך, ווען ער קריגט נאָר אַף דערווייל פֿאַר דוואוירקען אַ ווינקל, וואָלט ער גלייך צוגעטראָטן צום לערנען, ווייל עס מאַנגלען אים אויך פּיס און הענט, אָט אַזוי וויל ער לערנען. נאָר אַ ווינקל פֿאַר דוואוירעלען עפּשער ווייסט ער?

עפּעס האָט זיך פֿאַרטראַכט דער כאַוועד סאָלאָמאָנטשיק, ווען ער האָט אים געפרעגט וועגן דעם. אָט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און געהאַכט האָט, אַז שוין זאָגט ער אים וועגן אַזאַ ווינקל פֿאַר דוואוירקען. אָבער ראַפּטום האָט זיך זיין פּאָנעם פֿאַרענדערט. עפּעס האָט ער געשטאַמלט וועגן דעם, וואָס איידער זיין זעלדע איז שוואַנגער געוואָרן, האָט געקענט זיין נאָך אַ מענטש דאָ אין שטוב. וואָס איז, מע איז ניט געווען? אָט טאַקע דערמאָלט איז געקומען צופּאָרן נאָסן האָניק־שטיין. ער קאָן דאָך נאָסענגען פֿון ווילנע, וואָס שניידער האָבן געגאַפּט פֿאַר זיינעם אַ שטאָך און גאַרישע מיידלעך האָבן שטענדיק געקוואָלן פֿון זיין סקעפּטישן שמייכעלע און פֿון זיינע פֿאַרדרייטע ווערטער מיט הינטערשפּיצלעך, און עפּשער טאַקע פֿון דעם וואָס ער האָט בישטיקע געשריבן דראַמעס,—און זיי, דוואוירל און זעלדקע, האָבן זיך דאָך טאַקע צו אים געקלעפּט ווי אַ בין צו האָניק, און ער האָט זיי קעסיידער געקוקט אין די אָפענע ציין — כע, כע, כע, און כי, כי, כי.

איז בערל קאַזשדאַן, וואָס האָט אַליין אויך ניט פּיינט צו זאָגן אַ פּאָר ווער־טער, געשפּרונגען פֿון הויט: גוואַלד, אָבער וואָס האָט עס צו אַ ווינקל פֿאַר דוואוירעלען? האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט יאָ אַ שייכעס, נאָר מע דאַרף

צואוואַרטן ביזן סאָף פון דער מאַיסע, ווייל דעם כאַווער סאָלאָמאָנטשיק האָט עס געקאָסט אַסאַך האַרצווייטיק. דער כאַווער האָניקשטיין איז געקומען פון יענער זייט גרענעץ, וואו ער האָט געפירט אַן אונטערערדישע אַרבעט און קאָם אַנטלאָפן מיטן לעבן. אָבער דאָ האָט ער זיך געטשוואַניעט—אין עמיגראַנטן־הויז וויל ער ניט, און אַרבעטן וויל ער נאָר אין פאַבריק. ער האַלט ניט, אַז אין די יאָרן קאָן מען אָנהויבן פון אַן אַרבפאַק און זיין אַ גוטער אינזשענער, ער גלויבט ניט אין דעם. אָפּרוען וויל ער גיין אין אַ פאַבריק, און ביז ער וועט האָבן אַ דירע, האָט ער זיך באַ זיי באַזעצט. און זעלדקע איז זייער קאָנטעט געווען מיטן גאַסט. האָניקשטיין האָט דאָך טאַקע געהאַט אַזוי פיל פרישינקע נייס פון יענער זייט, פון נאָענטע און כאַוויירים. ער, סאָלאָמאָנטשיק, האַלט ניט, אַז מיט נאָסענען קאָן זיין פריילעך. ער איז דאָך אַ מענטש אין זיך פאַרשלאָסן און האָט ליב אַליץ זאָגן פאַרקערט און קלוג שמייכלען מיט אַ סקעפּטיש קוקעלע אַף זאַכן, אָבער, זי, זעלדקע —נו, יעדערער האָט זיך זיין גוסט...

צו דוואָוירעלעם ווינקל האָט עס אַליץ קיין שאַיכעס ניט געהאַט, אָבער ער זעט, אַז דער כאַווער סאָלאָמאָנטשיק בוינט נידעריק דעם קאָפּ, און זיין בליק שוואַרץ, און זיין פּאָנעם ערדיק, און עפּעס ביטער האָט ער געשמייכלט:

— מיר זיינען טאַקע אַלע קאָמוניסטן, אָבער לעסאָטע האָט יעדערער זיין גוסט. דער כאַווער נאָסן האָניקשטיין האַלט, אַז מיט אַ ווייב דאַרף מען זיין פונדערווייטנס, די ליבע זאָל זיך ציען לענגער, און ער וועט זיך דערווייל דרייען ווי אַ האָן צווישן הינער... יאָ, אַוועקגעזעסן איז ער היפּש, נאָסן, און צום סאָף האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַ קאָמיוניסטקעלע, געמאַכט זי פאַר אַ ווייב און אַוועק אַף יאָרן. אָט אַ סוואָרע ביז איצטער האָט ער זי ניט געזען, און נאָר אַריינ־געשריבן דער שווינער אַ קאָמענאַרישן בריוו, אַז אויב זי וועט אידישן זיין קינד, וועט ער זיך אָפּזאָגן פון דעם קינד מיט דער מאַמען צוזאַמען. אָט אַזאַ גוסט האָט ער, זיצן און שמייכלען צו זעלדקען אין די אָוונטן און דערציילן איר אָט די אַלע מאַיסעס... גיין, ער, סאָלאָמאָנטשיק, איז ניט אַזעלכער. ער איז זיך מוידע, ער האָט זיך מיט זעלדקען קיינמאָל ניט צעשיידט. אַף פראָנטן, אומעטום איז זעלדקע ניט ווייט געווען און אויך געקעמפט און אויך געבידעוועט. צוזאַמען איז פאַרט בעסער. נאָר אָט דאָס דריטע קינד, אַף וועלכן זיי וואַרטן אָט, אָט, האָט אַביסל אים דאָס לעבן פאַרביטערט, אַז ער ווייס טאַקע ניט פונוואַנען דאָס האָט זיך גענומען. טאַקע, ער איז דאָך מיט זעלדקען זייער פאָרזיכטיק אין די איניאָנים, און דאָ נאָך דער דאָקטער מיט זיין טאָעס. צוויי קינדער באַ זייערע באַדינגונגען איז איבערגענוג...

— נו און ווייטער — האָט בערל געפרעגט. נאָר יענער האָט ניט געהערט און פאָרגעזעצט:

— געלעבט האָט זיך יענע צייט גאַנץ גוט. אורלויב אַ כוידעשדיקן האָט זי געהאַט, זעלדקע. די קינדער זיינען אין קאָלאָניע, פאָרן זיי הינטער דער שטאָט. ער, נאָסן, מרומבלט זיך אונטער דער נאָז, לייענט פאַר אַמאָל זיינע געשריפטן,

וואָס וועלן קיינמאָל ניט געדרוקט זיין, און זעלדקע, מאַמעש ווי אַ מיידעלע, קוועלט פון זיינע שטיק. ס'האָט אים, סאָלאָמאָנטשיקן, עמעס געפרייט, טאַקע, ווייניק איז זי בייגעווען? אי קאַמף, אי עפּידעמיע, אי הונגער. זאָל זי זיך פרייען. אָבער ער מוז זיך מוידע זיין, אַז אָט דעם גאָסענען האָט ער פיינט פאַר זיין סקעפּטישן שמייכל און געמאַכטער קאַלטקייט... ער ווייס נאָר שמייכלען און זאָגן וויצן אַזעלכע. און זי איז לעבעדיק, פריש, שפּרינגט ווי אַ ציג און קוועלט...

האָט ער, בערל, נאָך ניט גוט צעקייט, אין וואָס גייט דאָ דער איגיען. האָט זיך סאָלאָמאָנטשיק אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן: נו, אָט האָסטו אכאטנע מאַרק, אָט אַהער איז דער קרעמל מיטן „גום", מיט דעם מאָסקווער טייך, און אַהער איז טווערסקאיא, און זיי געזונט, איך וועל לויפן. ווייל נאָך אַ ווײַלע דאַרף מען שוין לויפן נאָך די קינדער. האָט שוין בערל זיך אַף אים אָנגעשטעלט, ווי עס דאַרף צו זיין:

— טאַקע, דו בעבעסט, צי דו רעדסט? פאַרענדיק, אַז דו האָסט אָנגעהויבן, און וואָס פאַר אַ שאַיכעס האָט עס מיט אַ ווינקל פאַר דוואוירקען?

האָט זיך דאָס קליין פענעמל אָנגעצונדן, עפּעס האָט ער זיך געקנייטשט ווי אַ בלאָז-זעקל:

— איך זאָג דאָך דיר, אַז פריער איז באַ אונדז אויך געווען ארט פאַר נאָך אַ מענטשן. אָבער אָט דאַרף זי זיך צעבינדן, און פונוואַנען און וואָס האָט זיך גענומען דאָס אָנשיקעניש? יאָ, דעם כאַווער גאָסן זעט מען זעלטן, נאָר געהערט האָט ער, אַז גאָסן האָט באַקומען אַ צימער און וואַרט אַף זיין ווייבעלע, וואָס דאַרף קומען פון אויסלאַנד. אָט דאָס האָט ער געהערט, און אַז אַדרעס פון פאַב-ריק קאָן ער אים, בערלען, זאָגן...

איז אָט פון אָט דעם מין באַגעגעניש האָט עס בערל באַהאַרפּט מאַכן אויס-פירן, צי זאָל ער גיין צו גאָסענען זען פאַר דוואוירקען אַ ווינקל, צי ניט? וואָרום דער קלייגער סאָלאָמאָנטשיק האָט אים פון אָנהויב אָנגעשטאָפּט מיט סימכע און דערנאָך פול געמאַכט מיט בייזע מאַכשאָוועס וועגן גאָסענען. אָבער דעם עמעס זאָגנדיק איז אים די גאַנצע מאַיסע אַרויס פון איין אויער, ווייל אין צווייטן אויער האָט אים געדויבעט:

— דער כאַווער גאָסן פון ווילגע האָט אַ צימער איינער אַליין, ווייל ער וואַרט אַף זיין ווייבל. איז ווער ווייס, וויפל ער קאָן נאָך וואַרטן? יאָ, ער האָט זיך גאָר-ניט געפּוילט און איז אַוועק אין פאַבריק צו דעם כאַווער גאָסענען. ער האָט זיך לאַנג געריסן אין טאַבעל-שטיבל, מע זאָל אים אַריינלאָזן — יאָ, ער דאַרף טאַקע אין קאָנטאָר, צו ווועמען? — וועט ער שוין דאָרטן זאָגן, און ער האָט געפּויעלט. אָבער האָרטן אין קאָנטאָר איז ער ניט גוט אַריינגעפאַלן, ווייל אין דעם טאָג איז געווען אָפּגעדרוקט אַ קאָרעספּאָנדענצל אַפן דירעקטער, און געשריבן האָט עס טאַקע דער כאַווער גאָסן, און עס האָט אים געוואַרט אַ רעכטע שוויצבאָד. נאָר ער האָט געהאַט אַ מעווע זאָגן: אַ דאַיגע מייגע, — און שמייכלען. ער האָט אין פאַבריק ניט פאַרגומען קיין שום באַזונדער אָרט, אַ „ריאַדאָוואָי", וואָס איז גע-

זעסן און געאַרבעט, און אַז דער דירעקטער האָט זיך געוואָרפן ווי אַ קאַראָכעם און געזידלט זיך ווי אַ כאַזער־הענדלער, האָט ער איינער אים געזאָגט: כאַווער, מיט אַזאַ קאָמוניזם וועלן מיר ווייט ניט פאַרפאָרן. נאָר אַזוי ווי דאָ איז ניט גוט דיסקוטירן באַ דער אַרבעט, וועל איך אָנפרעגן וועגן דעם אין אונדזער פּרעסע, צי ס'איז גוט אַזוי. האָט ער אָנגעשריבן. היינט אינדערפרי איז שוין דאָס געווען אָפּגעדרוקט אין צייטונג, און אַרבעטער האָבן עס שוין באַוויזן אַ קוק צו טאָן ביז דער אַרבעט, און די לופט איז אָנגעפילט געווען מיט גאַז, איין שוועבעלע—און עס ציגדט זיך אָן.

איז ער, בערל קאזשדאַן, געווען דאָס שוועבעלע. זיין אַריינגרייסן זיך אין קאָנטאָר, ניט ווסנדיק וואָס צו זאָגן, און זיין נאָכפרעגן זיך אַפן כאַווער נאָסן האָניקשטיין, האָט אַריינגעוואָרפן אין כשאַד אַ קאָנטאָר, אַז דאָס קאָן זיין גע־בונדן מיט דער קאָרעספאָנדענץ — האָט מען אים פיין געבעטן זיצן, און מע האָט גלייך וועגן אים מוידיע געווען אין פאַבקאָם, אין קעמערל, און טאַקע אַליין דעם דירעקטער. און עס איז געוואָרן אַן איינגעלאָף, אַ טומל, און דער דירעקטער, וואָס האָט זיך געהאַלטן דעם פרימאָרגן קאַלטבלוטיק, האָט זיך פאַרלאָרן און גענומען שרייען, טופּן מיט די פיס, אַז ער וועט דערווייזן, וואָס הייסט מעסירעס, און אַז ער וועט ניט דערלויבן קיינע שנאָרער צו קריכן אין פאַבריק אַריין, פאַר וועלכער ער איינער טראָגט פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איז שוין אַפילע אַזאַ האָפּעררדיקער פאַרשוין, ווי בערל קאזשדאַן, געוואָרן אַביסל באָטל, — ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ פּאַפּירלעך, וואָס פאַר אַ מאַנדאַטן מאָנט מען פון אים? האָט ער געשלעפּט פּאַפּירלעך פון דירע־אָפּטיילונג צוזאַמען מיטן פאַרטיי־בילעט, און מענטשן האָבן געלייענט און געגלאָצט מיט די אויגן — אָבער וואָס ווילט איר דאָ טאָן? האָט צום גליק דער גלאָק געקלונגען שטאַרק מיט אַ טומל, און אַרבעטער האָבן געאיילט צו מיטאָג, און אין קאָנטאָר איז געוואָרן פול, און צווישן אַלעמען איז אויך געקומען דער כאַווער נאָסן האָניקשטיין.

— האַ, כאַווער קאזשדאַן! ווי קומסטו דאָ, פונוואַנען? האָט זיך קאזשדאַן ווי פון הינערפלעט אופגעכאַפּט, אין ביידע הענט מיט פּאַפּירלעך האָט ער זיך געוואָרפן האָניקשטיינען אַפן האַלדז. און אַלע צוזאַמען מיט פאַבקאָם און קאָמ־קעמערל זיינען איידעס געווען, ווי די צוויי יונגען האָבן זיך דאָס גענומען טשמאָקען ווי צוויי פאַרליבטע. איז אָט באַ יענער מיטאָג־שאָ האָט ער זיך עס דערוואוסט, אַז דער כאַווער נאָסן האָט טאַקע אַ צימער, וואָס שטייט ליידיק, טאַקע וואָס ליידיק איז, אָן אַ בעט, אָן אַ גאַרנישט. ער האָט שוין נאָכמאָל דערלאַנגט אַ מעלדונג, מע זאָל אים געבן עפּעס אויסשטאַטונג. מע האָט צוגעזאָגט, און מע איילט זיך ניט געבן, און זי, זיין קליין ווייבעלע, איילט זיך אויך ניט קומען. ער האָט מוירע, צי איז דאָרטן ניט פאָרגעקומען אַן אַרעסט, ווייל זייער גאַנצע קאָרעספאָנדענץ האָט זיך ראַפּטום איבערגעריסן. און נאָר: ער אַליין וואוינט דערווייל באַ אַ כאַ־ווער, וואָס האָט נאָר אַ גוטע וואוינונג, און וואַרט אויך אַף זיין געזינד פון יענער זייט גרענעץ.

דאָס אַלץ איז געווען אַזוי גוט און אַזוי אומגעריכט, מאַמעש בסורעם. אָבער פאַרוואָס האָט זיך אים דער קאָפּ אַף הינטן געדרייט, ווען ער איז אַוועק פון דעם כאַווער נאָסן? אים האָט אַלץ געדוכט, אַז דער כאַווער נאָסן לאַכט אים דריבנענקע אין פּאָטיליצע — פאַרוואָס ניט, ברענג זי, דוואוירקען, איך האָב זי טאַקע לאַנג ניט געזען... און פאַר די אויגן איז אומגעשוואוּמען סאָלאָמאָנטשיקס שאָטן, וואָס דרייט זיך און קרעכצט — ער האָט זיך דאָך אַזוי געהיט, און ער ווייס ניט, פונ־וואַנען האָט זיך גענומען דער דריטער אין איר בויך. טאַקע נאָר אַן אָנשיקעניש, ווייל דער כאַווער נאָסן האָניקשטיין האָט אַ גוסט האַלטן זיך מיט אַ ווייב פונ־דערהווייטן...

## III

איז זי געזעסן, דוואוירקע, זייער אַ פאַרביטערטע, אַ קאַפּריזנע — זי וויל דאָ ניט בלייבן, זי וויל פאָרן צוריק. גענוג מאָסקווע. אומעטום דאַרפן זיין מענטשן. האָרט, אין דאָרעם פילט זי זיך גוט, און קיין אַרבעט פעלט איר אויך ניט. און ער האָט טאַקע באַמערקט רעדער אונטער אירע אויגן און געוואוּסט, אַז דאָס איז פון איינגעמידטקייט, אַז איר גאַנצער קאַפּריז דער איצטיקער גנמט זיך פון דעם, וואָס זי איז פּאָשעט ניט אויסגעשלאָפן, אַז אַ גאַנצע צייט איז מען אין גאַס און אַף די פיס. אָבער איין זאַך האָט אים געוואונדערט — ווי קומט עס, וואָס זי ווייס ניט, אַז נאָסן האָניקשטיין איז דאָ אין מאָסקווע? ניט שוין האָט איר די ווייצענע זעלדקע וועגן דעם גאָרניט דערציילט? אין ביידע פאַלן איז עס פאַרדעכטיק — אויב יענע האָט עס טאַקע ניט דערציילט, איז אין דעם טאַקע עפּעס דאָ... און אַז דוואוירקע ווייס און מאַכט זיך ניטווויסנדיק, איז פאַרוואָס זאָל ער איר דאַרפן זאָגן וועגן דעם, פאַרוואָס?

אָבער גלייך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אַזעלכעס איז ניט אין זיין טעווע, אַז אָנגעבונדן האָט עס אים סאָלאָמאָנטשיק, וואָס שטייט צעשראָקן פּאָשעט פאַר אַ דריט קינד, און אַז פאַר אים איז פרעמד גאָר אַזאַ נימעסער געדאַנק וועגן דוואוירעלען. האָט ער זי מיט פאַרליבטע אויגן גענומען פאַר די הענט און געזאָגט מיט זיין גאַנצער אופגעלייגטקייט: דו ווייסט, דוואוירעלע, וועמען איך האָב געזען היינט? — נאָסן האָניקשטיין. פונקט אַזאַ ווי געווען, ניט געמיגערט אַ האָר. קום, אַז דו ווילסט וועלן מיר צוגיין צו אים נאָך דער אַרבעט.

איז יענער פאַרנאַכט געווען אַ האַרבסטיק־נאָגנדיקער, און דוואוירקע האָט זיך געפרייט מיט די ליכטיקע קאָרידאָרן און די סאַך מאַרמאָרנע טרעפּ, אַף וועלכע זי איז ווי אַ מיידעלע געלאָפן, אַפילע אַף דער מאַשינע זיך ניט געוואָלט אופהויבן, ווייל אין די ווענט־שפּיגלען האָט זי זיך אינגאַנצן געזען אַ לייכטע, און אירע פיס גלימשן זיך איבער גלימצערדיקן קאַכל־פּאַרקעט, און דאָס האַרץ ווערט פול, וואָס אָט דאָ וואוינען עס אירע כאַווירים. אַן עמעם זאָגנדיק, האָט זי נאָך אַזעלעכס ניט געזען. אָט דאָס אַליין פּאַרגיטיקט שוין דעם גרויסן קאַמף.

און באַ דער זייט גייט ער, בערל קאַזשדאַן, און גיט איר דערקלערונגען, וואָס דאָס
איז אַזעלעכס פאַר אַ הויז, אין וועלכן עס וואוינען בלויז אַרבעטער און ראַטן=
אָנגעשטעלטע. איז ווייס זי ניט, אין וועלכן בוך האָט ער עס, בערל, אויסגעלייענט,
ווייל ער דערציילט עס ווי פון א בוך, אָבער אירע אויערן הערן און פרייען זיך,
און דאָס האַרץ שלאָגט ראַשיק. אָט איז ער שוין, דער זעקסטער שטאָק, און די
ציפער איז פון אַסאַך הונדערטער, און ער באַמערקט איר, אַז דאָס איז גאָר ניט
קיין סאָף, אַז דאָ געפינט זיך אַ שטעטל מענטשן אין פולער באַקוועמלעכקייט,
און אַז דאָ, וואו ס'האָבן זיך געוואוילטיקט אין אַלעם גוטן די סאַמע צעיושעטע
גווירימלעך, וואוינען איצטער דאָ די בעסטע אַרבעטער און קעמפער.

איז קלינגט ער אָן, און זי שטייט הינטער אים אַביסל צעטומלט. עמעצער
עפנט און לאָזט זיי דורך. אַ פאָדערצימערל און אַ צווייט צימערל פאַר קליידער.
און אַז מע צענעמט די פאָרטיערע, און זי גייט אַריין, איז ווי אין אַ טעאַטער:
אַזוי ליכטיק, און וואָסערע ווענט! — מיט קאַרניזן, מיט אַזויפיל בילדער באַ=
האַנגען—פון אַלע פירערס, און אַזאַ אויסשטאַטונג, וואָס שפיגלט, ווי דער דיל
שפיגלט. און דער מענטש איז דערזעלביקער, אַ נידעריקער און אַ קענטלעכער,
און אַ נאָדל אין לאַץ, און אַ פינגערהוט אַפן פינגער און אַ שער ליגט אַ פאָשע=
טע. ווערט איר היימיש פון דעם און גוט, און זי שיסט אויס ראַפּטום
אַ געלעכטער — אָט דאָס זייט איר דער גראַף, כאַ, כאַ, כאַ, און זי לאָזט זיך
לויפן אַלץ אַרומקוקן. אָט הינטער אַ שווערער באַרדאָ=פאָרטיערע איז אַ שלאָף=
ביידער, און דאָרטן איז אַ ביידערל מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, מיט אַ וואַנע,
אַפילע אַ גאַז=פלימקע, וואָס ער, בערל קאַזשדאַן, ווייס, ווי מע ציגדט עס אָן,
גלייך באַ זיין טאַטן האָט ער עס געזען. אַלץ ווייסט ער, בערל קאַזשדאַן, און אַלץ
מיט היספּאַילעס און אַף זיכער. ווייסט ער, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט
שוין סייכל האָבן בויען זייגע הייזער נאָך אַ בעסערן מוסטער. דערווייל זיצן נאָך
זייער קנאַפּ אין באַקוועמלעכע הייזער, ווייל די בורזשואַזיע האָט גאָר זיך געהאַט
אינזינען. פאַרדריסט איר דאָס, דוואוירעלען, וואָס שטענדיק רעדט ער אַסאַך,
בערל קאַזשדאַן, און דער, וואָס איז דאָ איינער אין אָט דער וואוינונג, רעדט קנאַפּ.
עפּעס שמייכלט ער מיט אַ געניטן קוק, ווייל אינדערעמעסן ווייס ער אַסאַך וועגן
דעם, וואָס עס הייסט בויען סאָציאַליזם. אָבער מיטן אויג פון אַ שניפּעשעקער
קאָן מען עס גאָר ניט דערלאַנגען, און ער שמייכלט פילבאַדייטנדיק: דערווייל
טומלען מיר זיך וועגן אַ ווייסן רובטשיקל. היינט אין פאַבריק האָט זיך אַביסל
געטומלט וועגן אַ ווייסינקן רובטשיקל. די מאַשינערס האָבן זיך געכאַפּט, אַז אַף
אַ קעשענע פאַלט אַ מינוס, און הונדערט קעשענעס איז מער פון אָנדערהאַלבן
שאָ, און דאָס וועט פעלן אין זייער ביודזשעט. איז דער דירעקטער אַרויס פון די
קיילים און אויפגעהויבן אַ קאָל, ווייל ער האַלט, אַז אין דעם אַלעמען איז שולדיק
נאָסן האָגיקשטיין, וואָס דעמאָראַליזירט די אַרבעטער און רייסט אַרונטער דעם
אַווטאָריטעט פון דער פאַרטיי, וואָס האָט אים געשטעלט פאַר אַ דירעקטער,
מיט דעם, וואָס ער שרייבט מעסירעס אין די צייטונגען. איז טאַקע דאָס קעמערל

געשטאַנען אַ צעטומלטס, און אַפּילע אַ כּאַוועד פון ראַיקאָס האָט איינגעפונען, אַז האַניקשטיין קאָן זיין אַ גוטער קעמפער אין אונטערערד, אָבער ער האָט אַ שלעכטן צוגאַנג צו אונגדזער וויו׳משאַפּט-בויאונג און אַפּילע אים אַן אויסרייד געמאַכט. אָבער די אַרבעטער האָבן דאָך פּאָרט אויסגערעכנט, וויפל מינוט ס׳וועט זיי פעלן צוליבן רובמשיקל, און אין צייטונג איז אַוועק אַ צווייטער בריוו, ווי אַ די-רעקטער הויבט הענט צוליב אַ ריכטיקער טאַינע... איז אָט פונדאַנען, אַז מע קוקט, זעט מען שטאַרק ווייט שניפּעשעקער לעבן און קאַמף. אַזוי קליין זעט עס אויס יענער קאַמף, מאַמעש אַ פּינטעלע קעגן דאָס גרויסע, וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער וויפל דאַרף מען נאָך דאָ בּאַ אונדז אָפּטאָן, אַז אַ וויסיגק שטריכעלע אין שטאָף זאָל ניט אַ שווינדל טאָן אין די אויגן און ניט צעציען זיך אין אַזויפיל מינוטן און מאַקע ניט ווירקן אַפן אַרבעטערם ביודזשעט.

זיינען אָבער אָט די אַלע מאַיסעס ניט געקראָכן דוואווירעלען אין קאָפּ, אַזוי פאַרכאַפּט איז זי געווען מיט דער דירע. אָבער דערפאַר האָט עס פאַרכאַפּט דעם כאַוועד קאַזשדאַן, ווייל אין זיין קאָפּ האָט זיך עס אסאציאירט מיט נאָך אַ ווייַסינק שטריכעלע אין אַ גראַנאַט-ענגלישן שעוויאָט, ווייל דערמאָנט האָט ער זיך ראַפּטום אַפן באַקאַנטן כאַוועד, וואָס ער האָט באַגעגנט אַף דער אילינקע, אַ קליין צעטראָגן מענטשעלע מיט גאָלדענע ברילן אַף די אָנגעקנייטשטע אויגן, און אַפן קאָפּ אַ העלער הוט, און שיך געלע, דזשים, טיטן עמעסן אנצוג, אַ ווייס שטרי-כעלע אין ענגלישן שעוויאָט. האָט אים אָט דער אַלטער באַקאַנטער בלויז צוגע-פירט ביזן אילינקע-טויער, אָבער באַוויזן האָט ער פאַר דער פאָר מינוט אַ גוזמע דערציילן און מאַכן זייער טרויעריקע אויספירן:

— אַז אייגנטלעך, וואָס האָט זיך געענדערט, אַז ניט פאַרן גאַנווענען, נאָר פאַרן שלעכט גאַנווענען מישפּעט מען, כּי, כּי, כּי, — האָט ער קאַוואָנעדיק גע-כיכיקעט. זעט, אָט די אַלע, וואָס טראָגן זיך אַף די גייאינקע מאַשינעס, איז וויפל האָט איר צווישן זיי גאַנאָווים, וואָס טוען ריין זייער זאַך, כּי, כּי, כּי.

— אָבער פונוואַנען נעמט ער עס — האָט זיך בערל געקאָכט. אויב ער קאָן דאָס באַשטעטיקן, פאַרוואָס זאָל ער עס ניט איבערגעבן וואוהין מע דאַרף. אויב ער מיינט מיט אַן עמעס, אַז די געפּעאו קאָן אַזעלעכס פאַרזען?

האָט דאָס קליינע מענטשעלע פאַריסן זיין צו גרויסן קאָפּ מיט נאָך אַ גרע-סערן הוט און דעמאָניש געשמייכלט אים אין פּאָנעם:

— אַהאַ, איך זע נאָך אייך, אַז איר קומט ערשט פון „האָצע-פּלאָץ“ אַ שטאַרק באַגייסטערטער און פאַר אַן עמעס וואָרט קאָנט איר יענעם איינשלינגען. איז לאָזט אייך דינגען. ריישעס, פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך דאַרף דאָס גיין אַלעמען אַרויסגעבן. וואָלט עס געווען מיין ספּעציאַליטעט, וואָלט איך דאָך גע-דינגט אין געפּעאו, כּי, כּי, כּי. און דערצו האָט איר ביכלאַל אַ גרויסן טאָעס, אויב איר מיינט, אַז מע גייט און מע גיט עס יענעם אַרוים און פּאָטער, כּי, כּי. איר זייט אַ צו ערלעכער רעוואָלוציאָנער, כאַוועד, אויב איר מיינט אַזוי, האָט צייט, דערמאָנט נאָר אַ וואָרט, דאָס און יענץ, וועט מען אייך נעמען פאַרן קנעפּל

אַ קוק טאָן אייך אין די אויגן, אַז דער מאַמעס מילך זאָל אייך אײַנפאַלן, און איר זייט ניט זיכער, אַז מע וועט שוין ניט אויסקראַצן אַף אייך אַן אַלט כעטעלע, אַזאַ מיקראָסקאָפּיש אַוולעלע, כי, כי, כי. שאַט, איר געדענקט דעמאָלט אַפֿן דאַמפּער, וואָס מיר האָבן זיך צוזאַמען עוואַקואירט, איז דאָרטן געווען אַזאַ ערלעכער מענואוול, וואָס האָט גראד דורכגעמאַכט דעם האָניק=כוידעש מיט זיין ווייבל. ברויט האָט געקאָסט טייער, און אים האָט זיך דעמאָלט פאַרגלוסט אַ שטיקעלע לעקעך, האָט ער פאַרכאַפּט מיט זיך פונעם באַגאַזש, וואָס ער האָט געהיט, אַ צוויי זעקלעך מיט קלעצלעך פאָדעם, און געטאָן האָט ער ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ לע=יוצלעך. האָט זיך עס געטאָן אַביסל, געקלונגען האָט די מאַיסע אַף אַ גאַנצן זעקסט=ביילעק וועלט. אַ מאַיסע מיט אַ פּראָצעס פון גאַנצע צוויי זעק קלעצלעך פאָדעם, כע, כע, כע. אָבער איר ווייסט דאָך, וויפל זעק מיט רענדלעך מע האָט דעמאָלט געשלעפּט פאַר אַלעמען אין די אויגן, אָדער אָט אָ קוקט אָן דעם אידישן רעסטאָראַן, וואו עס עסן אידעלעך קאָשער=עסן, גיט, זייט מויכל, באַ זיי אַ פרעג, וויפל פאַר=לעבט אַזאַ קאָשערער ספּעץ, כי, כי, כי.

איז ער אַוועק, און ער, בערל קאזשדאן, האָט אַ צעטראָגענער אים נאָכגעקוקט, און ניט געוואוסט האָט ער אַפּזיכער, מיט וועמען האָט ער גערעדט — מיט אַ פריינט, צי מיט אַ סוינע? אָבער ערשט האָט ער זיך דערמאָנט אַפֿן זעלטענעם וויסן שטריכעלע אין בלאָען ענגלישן שעוויאָט, האָט ער זיך איבערציייגט, אַז אָט דאָס קליינע נעפּעשל איז אַ פרעמדער, איז אַ סוינע, אויב ער טראָגט נאָך אַפילע דעם פּאַרטיי=בילעט אין קעשענע. און אַז ער כאַפּט זיך אָנקוקן דוואוירע=לען, זעט ער, אַז איר גייט גאָר אינגאַנצן ניט אָן די פראַגע וועגן אַ וויים רובמשיקל אין שטאָף, אַז זי איז דאָ אין דער שטוב ווי געבוירן געוואָרן, און אַז עס איז שוין גאָר איבעריק אַ ווייב, וואָס מע וואַרט דאָ פון אויסלאַנד.

## VI

מע האָט זיי אין יענעם אָוונט אָפּגעטראָטן דעם שלאָף=צימער היגטערן פאַר=טיער. דאָרטן איז אַ צווייענדיק שלאָף=בעט געשטאַנען, מיט אַ גוטן מאַטראַץ, און בערל קאזשדאן האָט זיך געפילט ווי אַ כאָסן נאָך דער כופּע. ער איז געזעסן אין וויג=שטול און געקוקט אַף דוואוירעלען, ווי זי האָט זיך פּאַמעליגקע אויסגע=טאָן. איר גוף האָט זיך שלאָפן געבעטן, און אירע אויגן האָבן דאָס ווייס מיט געגלאַנצטן בלאָ געמישט און נאָך עפּעס געוואַרט. זיי האָבן זיך אַלע מאָל מיט שלאָף געראַנגלט, אָט די אויגן, עפּעס האָבן זיי אַסאַך וואָכן געגלוסט. עפּשער דערפאַר, וואָס איר טאַטע איז געווען אַ שניפּעשעקער שוסטער, וואָס די באָרד איז אים געוואקסן אַפֿן האַלדז, און די אויבערשטע ליפּ, עטוואָס באַהאָריקט, האָט זיך געקאַטשעט אין די ציין אַריין און פאַרביסן אַ כויזעק=שמייכעלע אַף אַן אייגן קאַפּצאָניש לעבן און אַף אַ גאַנצן אַרום. אַף אַ קינד האָט ער קיין פינגער ניט געלייגט. זיינען זיי געוואקסן אין אָרעמער פריילעכקייט. ער, בערל. קאזשדאן,

וואָס האָט געהאַט אַ קלאָגנדיקע מאַמע מיט אייביקע קוישן אַף די הענט, האָט ליב באַקומען אָט די פּריילעכע שטוב, וואָס איז אָפן געשטאַנען פאַר אַלעמען, — און אין גאָר גרויסע און געפאַלענע טעג האָט זיך דיזעלביקע נידעריקע סטעליע אָנגעשפּאַרט אַף אירע מיטלסטע כטויפעס, און עמעצער איז נאָך דאָרטן אַלץ פאַרבליבן מיט אַ פריילעכן געלעכטער, און דער איד אַפן דרייפוס מיטן בערדיקן האַלדז האָט אַלץ געביסן זיין אויבערשטע ליפּ מיט כויזעק פון שגיפעשעק ביזן קייסערלעכן טראָן און אַפילע אַפן איינציקן הימלשן גאָט.

איז ער איינמאָל, בערל, מיט הונגער אין די ביינער אַוועק אַפן דאָרעם. דאָ האָט ער געפונען מער זעטיקייט און מונטערקייט.

דאָ אַפן דאָרעם האָט ער פעסטער דערפילט דעם בונד פונעם אַלגעמיינעם אַרבעטער=קלאַס. און אַז ער האָט זיך געקערט אין ווילנע, האָבן זיך פעסטע בונדאָווצעס געוויצלט איבער אים און געפרעגט:

— נו, וואָס טוען עפּעס טולער סאַמאָוואַרשטשיקעס אָדער טאַמבאָווער פויערים? ביסט דאָך עפּעס אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי, כע, כע.

ער האָט אָבער גאָר ניט זיי געהאַט אינזינען, ווייל געקומען איז ער דאָך צוליב דוואוירקען. איז ער אַסאַך שאָען דעמאָלט געזעסן באַ הערשל דעם שניפּעשעקער אין שטיבל, געקוקט, ווי ער לאַטעט שטיוול און בייסט זיך די אויבערשטע ליפּ, וואָרום ווען עם וואָלט געווען אַ גאָט, וואָלט ער דאָך ניט כוילע געווען צו מאַכן די וועלט אַ טראָפּעלע בעסער, ווי זי איז.

האָט ער דאָך אַמאָל פאַרגעסן אַ דראַטווע דורכציען, און אויסגעצויגן זיין האַלדז, מיט האָר באַוואַקסן, און מיט פאַרמאַכטע אויגן געשלונגען ניים פון בערלס מויל. און פון קוויקעניש האָט ער געאיקעט ווי אַ הון, וואָס צעקרעיעט זיך, און דערנאָך האָט ער געשמייכלט — נישקאָשע, איצטער וועלן זיי שוין האָבן די מאַפּאָלע, וויבאַלד דו זאָגסט, אַז אַלע האָבן זיך פאַר דעם גענומען, וואָרום באַ אונדז וואָס? מע מאַכט אַמאָל אַ שטרייקל און גאָר. מע זעצט אַוועק אין טפיסע און גאָר.

איז אָט באַ דעם טאַטן האָט בערל געפּויעלט, אַז דוואוירקע דאַרף מיט אים אַוועק. וואָרום וואָס ט'מען דאָ אופטאָן, וואָס? אָבער מיט דוואוירעלען אַליין האָט עס ניט צוזאַמבעסטן געהאַלטן, ווייל זי האָט ליב איר ווילנע מיט איר אָרגאַניזאַציע און ווינטער האָט זי ליב אַוועקשפּאַצירן צו נאָסענען אין זיין קאַלטער דאַטשע אַף אנטאקאל. דאָרט נעמט ער אוף די געסט און פראַלט אוף די פענצטער, שפּאַרט זיך אַרויס ביז האַלב אין וואַלד אַריין און קוויקט זיך מיט פרישער לופט. ווייל קעלט איז אַן אייבערדעניש, פונקט ווי ליבע, פון וואָס דער אַלמעכטיקער האָט אים איינגעהיט...

איז עס געווען אַ פרייטיק צו נאַכט, און באַ הערשלען דעם שניפּעשעקער אין שטוב האָבן כאַווירים איינגעטאַינעט, אַז די בלאָע האָבן אים, בערלען, אין אויג; אַז ניט היינט=מאָרגן וועט מען אים אַרעסטירן, אויב ער וועט גלייך ניט אַוועקפאָרן. אָבער ער האָט געוואָלט, ער האָט געמאָנט, אַז זי, דוואוירעלע, זאָל אים

באַגלייטן, און זי האָט געקוואָלן און געשפּאַרט זיך, און אַז אין האַלבער נאַכט האָט הערשל דער שניפּעשעקער געשניטן דעם רעטשענעם קוגל און מעכאַבעד געווען די געסט, און דערביי האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין וואונטש, אַז דוואוירעלע דאַרף פאָרן מיט בערלען, ווייל אָט איז ער אָפּגעזעסן אַ לעבן אין שניפּעשעק ווי אַ וואָרעם אין כריין, געמיינט, אַז קיין זיסערס גיט גאָר ניט,—האָט זיך דער וואונטש פון אַ טאַטן געלייגט אַף דער וואָג, און בערל האָט איבערגעצויגן. זי, דוואוירעלע, איז אַוועק מיט אים אין דאָרעם.

ליגט ער ערשט ווי אַ כאָסן־באָכער לעבן איר זייט און שלאָפט אַזוי גרינג איין אַפן פרוזשינענעם מאַטראַץ. און אירע אויגן וואַכן, און אירע אויערן הערן, ווען עס קומט אָן נאָסן. מיט אַ טרויעריקער בסורע קומט ער, נאָסן: אָט ערשט האָט ער באַקומען אַ בריוו פון זיין קליין ווייבעלע, שרייבט זי אים, אַז זי איז אַנטלאָפן פון אַן אַרעסט, האָט זיך צוויי וואָכן אויסגעבאַהאַלטן, און די מאַמע האָט אויסגענוצט איר אָפּוועזנקייט און האָט געיידישט דאָס קינד. גייט אים אַפילע ניט אָן, וואָס דוואוירעלע קוקט פון פאַרטיערע אַרויס. ער רייסט די האָר אַף זיך— זיי פאַרשטייען עפּעס: צוויי יאָר אַ קינד, געמט מען און מע יידישט און מע וואַרפט אָן אַ כאַרפּע אַף נאָסן דעם שניידער, וואָס וועט זיך לאַנג ניט קאָנען איבערבעטן מיט זיין קאָמוניסטישן געוויסן!

לאַכט דער כאַווער, דער באַלעבאָס פון דירע לאַכט — נו, איז וואָס, רייס קריע, שיט זיך אַש אַפן קאָפּ! לאַכט זי אויך, דוואוירקע, פון הינטער דער פאַרטיערע אַרויס, לאַכט, און פון אירע שיטערע ווייסע ציין קרייזלט זיך דאָס געלעכטער, דריבנע און קיילעכיק, ווי געריבענע פאַרפל. דערמאָנט עס אים ווינטער אַ דאַטשע צווישן ביימער און שנייען, און אַ מיידל מיט מוטערפּערלענע געבלאָטע פאַטשערקעס־אויגן פלעכט זיך אַף זיין האַלדז...

אינדערפרי, ווען מע האָט טיי געזאָפּן אַפן גאַז־אייוועלע, געאיילט זיך צו דער אַרבעט, האָט בערל געפרישטיקט מיט כאַווירים און שטאַרק געקאָכט זיך, אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז איצטער באַ זיין מאַכט שפּרייטן זיינע פליגל אַף אַלע געביטן, אַז די ווירטשאַפט און קולטור זאָל ניט זיין אָפּהענגיק פון פרעמדע סאַבאָטאַזשניקעס — ווי זאָגט מען, בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל ניט. האָט בערל געקוקט אַף די היפּשע בוטערבראָדן, וואָס זיי ליגן אין זיך אַריין, און אַף די גאַנץ גוטע קאָמפּלעקציעס, וואָס אָט די פּראָלעטאַריער פון ווערקשטעל האָבן, און סאָלאָמאָנטשיק הונגערט צו, שוין אַזויפיל יאָרן מיט אַ סטיפּענדיע. צי איז פאַר דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט ניט שטאַרק אָנגעלייגט אָט דער קאָרבן פון אַ פּראָלעטאַריער? נאָר נאָסן האָט סקעפּטיש געשמייכלט, ווייל ער האַלט, אַז אינזשענערן דאַרפן מיר גוטע, ענערגישע, און אַז סאָלאָמאָנטשיקס אַ זון וועט נאָך אין קענטשאַפט דעם טאַטן דעריאָגן, אָבער דער דריטער, וואָס ליגט נאָך באַ זעלדקען אין בויך, וועט שוין געוויס זיין אַ פּראָלעטאַרישער אינטעליגענט...

האָבן צוויי געקוואָלן און ניט דערשאַצט אַ פּראָלעטאַרישן ווילן, וואָס רייסט

זיך צו עפעס העכער, אַזוי האָט ער, בערל, פאַרשטאַנען, ווייל ווען סאָלאָמאָנטשיק האָט געפלעקלט פאָדעשוועס, האָט ער עס ערגער געמאַכט פאַר זיין כאַווער, דערפאַר, וואָס זיין קאָפ איז גאָר ניט צו דעם געלעגן. ניין, זיי דערשאַצן ניט, אָט די כאַווײרים. און עפשער האָבן זיי אויך ניט דערשאַצט דאָס ביסעלע אומרו, וואָס זיי האָבן אַריינגעוואָרפן אין בערלס קאָפ, וואָס האָט זיך גאָר ראַפטום פאַרטראַכט אַף אַ זאַך, וואָס צו אים געהערט עס גאָרניט. טאַקע, צי וועט דער דריטער אין זעלדקעס בויך האָבן אַ טאַטן אַ פראָלעטאַריער אַ איגזשענער, צי אַ פראָלעטאַריער אין פאַבריק? כאַ, כאַ, וואָס איז דער אונטערשייד, ביידע וועלן זיי בויען דעם סאָציאַליזם. אָבער עפעס האָט גאָך געמאַטערט, וואָס דוואוירקע ליגט ווי אַ מיידעלע צעוואָרפן אין אַ פרעמד בעט און פילט זיך גוט. און זי איז דאָך אַ מאַמע פון צוויי קינדער, וואָס אַ גאַנץ לעבן זייערן טראָגט ער זיי אַף זיך, פאַרזאָרגט זיי מיט קינדערהיימען, זיי זאָלן באַקומען אַ נייע דערציאונג, און זי, די פראָלעטאַריערן, די מאַמע, זאָל האָבן פרייע הענט. אָבער אַ ווייב איז זי דאָך, אַ מאַמע איז זי דאָך. און ער, בערל, דערמאָנט זיך, אַז ער היט זיך אויך, און ער איז פאָרזיכטיק מיט איר, ווייל ער וויל אויך ניט קיין דריטס...

---

אַזוי האָט דוואוירעלע אַף דערווייל באַקומען אַ ווינקל, און ער, בערל, האָט זיך גענומען גרייטן. ער איז געווען שוואַך אין מאַטעמאַטיק. ער האָט צו דעם געמוזט האָבן עמעצנס הילף. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סאָלאָמאָנטשיקס ליבסטער לימעד איז מאַטעמאַטיק, און ער איז גרייט געבן אים עטלעכע לעקציעס. איז אָבער אין יענע טעג אַן אומגעריכטע שטערעניש צוגעקומען, ווייל צי זעלדקע, צי דער קאָנטראָל-דאָקטער האָט געמאַכט אַ טאָעס, גאָר אָנשטאָט צוויי כאַדאָשים, וואָס זעלדקע האָט אורלויב גענומען פאַרן געבוירן, האָט זי אַפילע ניט באַוויזן עפעס צוגרייטן, און אין איינער אַ נאַכט האָט עס איר אַ כאַפ געטאָן, און סאָלאָמאָנטשיק האָט קוים דערוויזן זי אָפצופירן אין געבויר-הויז, און זי האָט טאַקע ביז אינדערפרי געבוירן אַ גוט יינגל. אָבער ניט אין דעם איז דאָס געגאַנגען, גאָר וועגן אַ לימעד, וואָס ער האָט זיך געריכט צוגרייטן פאַר אָט די צוויי כאַדאָשים, וואָס זעלדקע וועט אינדערהיים זיין, און ער האָט זיך אַף אַן עמעס גערעגט — צי טאָר מען זיך טאַקע דערלויבן אַזויפיל קינדרלען, ווען יעדערער פון אונדז געהערט ניט גאָר צו זיך, גאָר צו דעם קאָלאַל. אָבער אַזאַ טאָעס אין מער פון אַ כוידעש, איז גאָר שוין טאַקע ניט באַרעכטיקט. און בערל קאַזשדאַן איז דעמאָלט איינגעפאַלן אַף אַ סוואָרע, אַז סאָלאָמאָנטשיק, דער גאַנץ גוטער מאַטעמאַטיקער, מאַכט עפעס דאָ אַ קליין אַריפמעטיש טאָעסל, ווייל עס גלייכט זיך ניט. טאַקע, דערציילט האָט ער דעמאָלט בערלען וועגן זומערדיקע כאַדאָשים, וואָס זעלדקע האָט אורלויב גענומען, געפאָרן היינטער דער שטאָט און געקוואָלן מיט גאָסן האָניקשטייגען... נו, איז דאָס דאָך געווען ניט דער זומער. און היינט האָבן מיר שוין אָנהויב אָקטיאַבר, איז דאָס אַ קאַימעלאָן פון פערצן כאַדאָשים, כאַ, כאַ, כאַ... האָט סאָלאָמאָנטשיק געקוקט מיט אַ פאַרבימערטן קוק, ניט פאַר-

שטאַנען, וואָס בערל מיינט, ווייל ער האָט דאָך דעם לימעד געמוזט צוגרייטן, און אַזאַ טאָעם האָט מען ניט געטאָרט מאַכן, און ביכלאַל צו וואָס האָט עס געטויגט?..

אין יענע טעג איז בערל קאַזשדאַן געלאָפן צו דוואָוירקען מיט גוטע בסורעס—אַז אַ דירע וועט שוין געווים זיין, ווייל ס'איז דאָ אַ באַשלום אופזאַמלען פאַר „מוני" די צען פּראָצענט וואָוינונג־פלאַץ, וואָס איר קומט, און צעטיילן עס אין דער ערשטער ריי צווישן אַרבעטער, סטודענטן און אָפּגעברענטע. ער וועט זיין אין דער ערשטער ריי, און אויסערדעם, איז ער שוין פאַרשריבן אין צענטראַלן ראַיאָן אַלס דיסקאָנטירער פון אָט די צען פּראָצענט וואָוינונגס־פלאַץ. און ער וועט האָבן די מעגלעכקייט אויסקלייבן אַ גוטן ראַיאָן מיט אַ פּאַסיקער דירע פאַר פיר מענטשן, און די אַרבעט קאָן אויך געדויערן אַ פּאָר וואָכן, וועט שוין ווערן אַ פּאָר רובל אויך.

איז אָבער באַ דוואָוירעלען אויך געווען ניים און ניט גאָר קיין גוטע, ווייל דער כאַווער, דער באַלעבאָס פון דער גוטער דירע, האָט באַקומען אַ דעפּעש, אַז ער זאָל אַרויספאָרן באַגעגענען דאָס ווייב מיט די קינדער באַ דער גרענעץ, איז פאָרט ער מאָרגן. נו, און וואָס וועט זיין מיט איר? מיילע, וועט זי גאָר נעכטיקן עפּשער דאָ קענען, באַטאָג אַרבעט זי, אָבער מע מוז דאָך צונעמען פון וואָקזאַל די זאַכן, מע מוז דאָך עפּעס איבערבייטן פאַר זיך און די קינדער, און גלאַט, אַפילע נאָך בערלס אָפּטימיסטישן כעשבן, דאַרף נאָך געדויערן אַ פיינע פּאָר וואָכן ביז ער וועט באַקומען די דירע. איז אָט דאָס גישטיקע פּראַגעלע האָט זיך ראַפּטום, ווי אַ שפּונט אין אַ פאַס וואַסער, אַריינגעהאַקט און פאַרשטאָפּט זיין שטראָם פרייד. אָבער דאָך פאַלן מיטן פּאָנעם צוליב אַזאַ קלייניקייט האָט ניט געלוינט. טאַקע, וועגן וואָס קלעמט זי זיך, דוואָוירעלע? מע האָט דאָך דורכגעמאַכט פראָנטן, איז געבליבן נאָך אַ לעצט שטיקעלע — דירע־פראָנט דורכמאַכן. ער האָט טאַקע מיט אַן עמעס באַגייסטערטן פּאָנעם נעזאָגט:

— הער, דוואָוירעלע, איך קאָן דיר גאָר פאַרזיכערן, אַז אָט דאָס קלייגס, וואָס זעלדקע האָט היינט געבוירן וועט עס ניט פאַרשטיין, וואָס הייסט אַזעלכס— ניט האָבן וואו אַ קאָפּ צושפּאַרן, פונקט ווי עס וועט ניט וויסן, וואָס איז אַזעלכס אַ גאָראָדאָוואָי.

האָט זיך עס מיט דעם ערשט אָנגעהויבן, ווייל אין דעמזעלביקן אָוונט איז געקומען דער כאַווער נאָסן. ער האָט געהאַט רויט־געפּלעקטע באַקן, אַ סימען פון אופּרעגונג. אָבער ער האָט צופיל געשמייכלט, ווייל קיינמאָל איז אים אַזוי אין לעבן ניט געגאַנגען האָבן אַ ווייב, ווי דאָס מאָל, כע, כע, כע. דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל בישטיקע געשריבן דראַמעס, איז אים גוט צונוץ געקומען, וואָרום ער שרייבט היינט אַזעלכע קאָרעספּאָנדענצן, אַסאַך שפּילעוודיקער פאַר זיינע דראַמעס—עס מאַכט אַן איינדרוק, און לעבעדיקע מענטשן שפּרינגען דערביי פון דער הויט. אָבער ער שווערט, אַז ער טוט עס ניט צוליב זיין קאָוועד און וויניקער פון אַלץ איז ער אויסן עמעצן פאַרפירן. קען דאָך אַ קאָמוניסט ניט פאַרמאַכן די אויגן אַפ אַוולעס און שווייגן!

ער, נאָסן, איז גרייט אַף יעדער שטראָף, אויב ס'קומט אים. אָבער אַף אַזאַ שטראָף האָט ער זיך ניט געריכט. כאַ, כאַ, כאַ, הערט אַ אייסעק, צוליב וואָס וואָלט עס אים געלוינט זיך פאַרנעמען מיטן דירעקטער, אויב ער וואָלט ניט געהאַלטן, אַז ער טוט דאָס קאָמוניסטישע אַרבעט? אַדרעאַבע, צו אים האָט דער דירעקטער זיך געקלעפּט ווי אַ האָניק-טייגל, און אָט דאָס צימער האָט ער באַקומען טאַקע אַדאַנק דעם דירעקטער. אָבער פאַר קיין מאַטאָנע האָט ער עס דאָך ניט אָנגענומען — און היינט באַקומט זיך עס טאַקע באַלד ווי אַ מאַטאָנע, — פאַרשווייגן. וואָרום, ווי זאָל ער פאַרשטיין אַנדערש, וואָס ראַפּטום האָט דער קאָמענדאַנט אים אַריינגעשטעלט אַ שטיקל בעט מיט אַ צעבראָכן טישל און קאַטעגאָריש געמאָלדן, אַז אויב ער, נאָסן, וועט זיך טייקעף ניט אַריינציען מיטן ווייב, זעצט ער אים אַריין צוויי כאַווײרים; וואָרום פאָרמעל איז יענער גערעכט, ער וויל ניט וואַרטן אַף זיין ווייב. אָבער וואו זאָל ער, נאָסן, נעמען זיין קליין ווייבל, וואָס קריכט ערגעץ אומלעגאַל צו דער גרענעץ? אָבער אַף יעדן פאַל מוז ער דאָך פאַר איר מיטן קינד איינהאַלטן זיין צימער.

ער האָט געהאַט איין אויסגאַנג: אַוועקזעצן זיך גלייך אָנשרייבן אַ פרישע קאָרעספּאָנדענץ, אַ שאַרפע, אַ בייסיקע — „אַ מאַטאָנע פון אַ דירעקטער, אַ טרייער קאָמענדאַנט“. טאַקע, וואו נעמט ער עקסטרע אַ ווייב, אַז זיינע איז אַף יענער זייט גרענעץ! אָבער דער כאַווער פון דער דירע, וואָס האָט צו דער גרענעץ געאיילט, האָט אים אָפּגעשלאָגן—פאַרנעם זיך ניט, נאָסן, דאָס איז אַ פאַרשלעפּטע קרענק. ער האָט אַ בעסערן אויסגאַנג, הוואוירקע טאַקע. זי מוז דאָך ביז וואָס ערגעץ צונעמען אירע פעקלעך פון דער באַן, און אַף צו מאָנען אַ קסובע וועט זיך ניט דערטראַכטן אַפילע אַ געטרייער קאָמענדאַנט.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — זיינען אַלע אַריין אין היספּאַילעם צוזאַמען מיט הוואוירעלען און אַפילע מיט בערל קאַזשדאַנען. מע האָט זיך געקושט און געשפּרונגען פון סימכע, וואָרום דאָס איז דאָך טאַקע בעסער פאַר יעדער קאָרעספּאָנדענץ. איז נאָר דעם כאַווער בערל קאַזשדאַן געבליבן כאַפּן אַ טראַמוואַי און לויפן אַפן וואָקזאַל און ברענגען די זאַכן, און אין אַן אָוונט אַ האַרבסטיקן, אַ שטייפן, אַ לויטערן, האָט בערל באַגלייט הוואוירעלען ווי אַ זייטיקער. האָט ער געשלעפּט די פעק אַפן העכסטן שטאָק אין נאָסנס דירע און נאָך עטלעכע מאָל געזאָגט הויך, אַז דער קאָמענדאַנט זאָל דאָס הערן — נאַט, אָט האָט איר אייער ווייב, כאַווער האָניקשטיין, סאַראַ שווערע פעקלעך זי האָט עס, קוקט אָן ווי איך בין פאַרשוויצט, גיט כאָטש טיי-געלט.

אָבער ווען ער איז, בערל, שפּעטער צוריק אין גאַס אַראָפּ, האָבן אַ פּאָר שטערנדלעך אַנטקעגן געקוקט, דאַכט זיך, פאַרקלעמט, דאַכט זיך, אַז זיי זוכן אַריינדרינגען אין זיין האַרץ, באַהעלן דאָרט אַ ווינקעלע, וואָס איז שטאַרק אָנגעווייטיקט געבליבן...

. . . . . . . . . . . .

# V

צווישן די צימערן, וואָס בערל האָט גענומען אַף דיסקאָנט, איז געווען איינס אַ זוניקס, פאַרהעלטניסמעסיק ריין. און בערל האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דעם. האָט ער אין דירע־אָפּטייל לאַנג געהאַלטן אַ כאַוועֶר פאַר די לאַצן און געשריען אים אין די אויערן:—אָט דאָס צימער וויל ער האָבן. אָבער, ווען ער איז געקומען מיטן אָרדער נעמען דאָס צימער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַלעבאָס פון צימער איז דער אַלטבאַקאַנטער כאַוועֶר, וואָס בערל האָט אים אַנומלטן באַגעגנט אַף דער איליִנקע אין גראַנאַט־אַנצוג פון ענגלישן שעוויאָט מיט אַ ווייסינק שטריכעלע. איז ער אין מיר געשטאַנען, דערהאָזיקער כאַוועֶר, אין זייער אַ טראַגישער פּאָזע, גלייך ער קלייבט זיך אַף דער בינע באַווייזן זיין ראָליע.

— אַזוי גאָר, — האָט ער געזאָגט, — דאָס געפעלט אייך מאָסקווע מיט מיין צימער, זייער וואויל. וואָס זאָל איך טאָן? איר קאָנט עס נעמען. איר האָט רעכט אַף דעם. גוט, גוט! איך גיב מיך אונטער. נו, איך האָב אויך אַ פּאַרטיי־בילעט געהאַט, איר ווייסט עס אויך. איך האָב זייער ערלעך געהאַלטן מיין פּאַרטיי־בילעט. נו, און אַז מע האָט עס בא מיר צוגענומען, האָט מיר געדאַכט, אַז דער הימל לייגט זיך אַף דער ערד. אָבער איך לעב און האַלט זיך פעסט בא מיינע איבערצייגונגען. די דירע איז מיינע. נאָר איר קומט און איר נעמט עס, נעמט. נאָר איין זאַך וויל איך: אָט פונדאַנען וועל איך אייך אָפּצוימען אַ קאָרידאָרל אין קלאָזעט, אין וואַנע־צימער, ווייל אַף וויפל איך קאָן, וויל איך אויסמיידן צו באַגעגענען זיך מיט אייך.

אָט אַזוי האָט ער עס אָפּגעזאָגט און אַוועק צו זיך, און בערל האָט אים נאָכגעקוקט, געפרייט זיך, וואָס אַזעלכער איז שוין אין פּאַרטיי ניטאָ. וויפל וועט מען נאָך אָט אַזעלכע דאַרפן אָפּרייניקן פון פּאַרטיי־בילעטן, ריין מאַכן די לופט, וואָס זיי פאַראַיפּעשן.

אָבער אַז אַלץ איז געוואָרן גרייט, דאָס צימער גאַנץ גוט אויסגעשטאַט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דוואוירקע איילט זיך ניט קלייבן אַהער. זי האָט קיין צייט ניט, דוואוירקע. זי אַרבעט און האָט אַ היפּשע אָנלאָדונג, וואָס פאַרנעמט בא איר אַסאַך צייט. איר פּאָנעם פלאַמט און אירע אויגן גלאַנצן, און פלינק און לייכט טוט זי אָפּ איר אַרבעט, און זונטיק פאָרט זי צו די קינדער, באַגלייט זי נאָמן האָניקשטיין, וואָס שמייכלט סקעפּטיש וועגן זיינע קאָרעספּאָנדענצן און וועגן זיין ווייבלס קומען אומלעגאַל, און אַז ער טראַכט שפּעט איינגאָוונט, ווי אַזוי זי זעט אויס, יענע קאָמיוניסטקעלע, וואָס האָט שוין פאַר עטלעכע יאָר געקענט אונטערוואַקסן, דערזעט ער דוואוירקען, ווי זי ליגט מיידלש צעוואָרפן אין זיין בעט, איר פּאָנעם שמייכלט באַפרידיקט, טראַכט ער, אַז ער, אַ געניטער פּראָלע־טאַריער, האָט זיך נאָך ניט באַפעסטיקט אין דער געשלעכטלעכער פראַגע פון דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט, ווייל דער קאָפּ מיטן האַרץ רעדט זיך שווער צונויף. און ער דערמאָנט זיך, ווי בערל קאַזשדאַן, אָט דער היציקער טעמפּעראַ־

מענט, ווי באַראַשט ער האָט געקאָנט לויפן נאָך דוואוירקען אין ווילנע און אין אַלע עקן וועלט. איז ניט שוין האָט ער איינגעצוימט זיין טעמפּעראַמענט? און עפּשער זיצט ער בעיעכידעס און לייענט עטיק און סאָציאַליזם, און דאָס האַרץ נאָגט, נאָגט? און זי, דוואוירעלע, שמייכלט אַזוי שיין אָט דאָ אין בעט. אָבער ער, נאָסן, וואַרט דאָך אויך מיט אומרו אַף דער אונטערגעוואקסענער קאָמיוניסטקעלע, וואָס ער האָט אַ פּאָר וואָכן געקענט. זי וועט אים ברענגען דאָס געיידישטע יינגעלע און דערנאָך וועט זי זיך דאָרשטיק וואַרפן אַף זיין נאָענטקייט, וועט ווערן דאָס איינציקע צימער געדיכט מיט קינדערלעך, וועט אין שטוב ווערן ענג און אין פאַבריק וועט ער קעמפן קעגן הענט, וואָס הויבן זיך, קעגן דער מיעסער צונג און וועגן אָפּשניטן, וואָס גייען פאַרלאָרן, און וועגן איבעריקע הויצאָעס, וואָס עסן אוף דעם רעוועד מיטן קערן און שטערן צו בויען סאָציאַליזם.

אין אַ זונטיק באַגלייט ער דוואוירקען אין קאָלאָניע צו אירע קינדער אַף ליענינגראַדער וועג. פון סטאַנציע גייט מיט זיי אַן אַלטער פויער, וואָס האָט נאָך געדינט בא דעם ענגלענדער קאַזאַליעט, אין וועמעס גוט עס געפינט זיך די קינדערשע קאָלאָניע. הויך אויפן באַרג שטייט דאָס הויז באַקוועם און אייגנאַרטיק, איין צימער אַפן צווייטן ניט ענלעך, מיט פאַרשיידענע אַרקעלער, קאַמינען און צענטראַלער באַהייצונג, און אין דרויסן פעלט ניט קיין טענים און פאַרשיידענע שפּיל־פּלעצער.

קוקט נאָסן אינעם גערונצלטן פּאָנעם מיטן פאַרהאָריקטן שטערן, וואָס טראַכט עפּעס וועגן אַ סאַך נייע זאַכן פּאַמעלינקע און בעהאַדראָגעדיק. אַן אַלטער פויער.

שמייכלט דער פּאָנעם, שמייכלט און קוקט מיט אויגן, וואו עס גראָבלען זיך בייביקע הימלען און זאָגן אַז אַף אַ שניי — נו, וואָס היינט, וועגן גאָט קאָן מען גאָרניט זאָגן, וואָס עס טוט זיך אין הימל דאָרטן? אָבער וועגן פּאָרעץ, האַ, האַ, איין קאָפּ איז קלוג, און דריי זיינען קליגער. אָט בא אונדז דער דאָרפראַט פירט איין נייע פאַראַנדקעס, ווי בעסער פאַרן אָרעמען פויער. אָט קומט צו אונדז שטענדיק איינער אַ קאָמוניסט? האָט ער אַ מויל! זונטיק האָב איך אים געהערט אין לייענשטיבל. ווי ער רעדט דאָס, אַ קאַפּאָרע אַ פּאָרעץ! צוויי קינדערלעך טאַקע זיינע דאָ בא אונדז אין קאָלאָניע. עס וואַקסן היינט קינדער טשיקאַווע, ווייסן אַליץ וואָס טוט זיך אין בוך און אין בלאַט.

אָט איז דאָס טייכל, וואָס רינט הינטערן באַרג מיט בעדלעך פאַרבויט, און אויבן טומלט עס ווי אין אַ בינשטאָק. כאַפּט ער זיך, נאָסן, אַז דוואוירעלע איז שוין ניטאָ נעבן אים. זעצט ער זיך אַף אַ קלאָץ אין הויף, קוקט מיט נייגעריקייט אַפן קינדערשן אָנגעלאָף. אָבער אַז קינדער שטעלן זיך אַף אים אָן, באַטראַכטן אים פון אַלע זייטן, דאַכט אים, אַז קינדערשע אויגן זעען עפּעס אַף אים, און דעריבער קערן זיי זיך אָפּ, און שטיקן זיך און לאַכן. אין קינדערשן פלינקן גערייד, דאַכט אים, אַז ער הערט — זע, עפּעס שלעפּט זיך נאָך דיר, כאַווער, פון אונדז וועסטו עס ניט פאַרבאָרגן. זע, אַף אונדז איז ניטאָ קיין פּעגימע פון אַמאָל. מיר זיינען ווי די שוואַמען אויסגעוואַקסן נאָך אַ וואַרעמען רעגן.

הויבט ער קיין אויג ניט אויף. אַפֿן זינען קומט אים זיין טאַטע: אַ גאַנץ יאָר אין דער קאַפּאָטע, וואָס אַווערט מיט רויע פּיש, הונגערט און דינט נאָט אַן אַ שום פּאַרוואָס, אָבער ער, דער צוועלפֿיאָריקער, האָט דאָך אַפֿן פּרישן טאַטנס קייווער געפֿרעגט, פּאַרוואָס? און אַף מאָרגן האָט ער שוין אַפּצעלאָכעם אַ קאַדעש געגאַנוועט און אָנגעהויבן אַ קריג קעגן גאָט, קעגן האַר, קעגן גווירים און פּריציס, און האָד זעען קינדערשע אויגן, אַז נאָך אים שלעפּט זיך נאָך אַ שטיק נעכטיקער טאָג...

— נאָסן, קום מיט! — האָט זי אים, דוואָוירקע, גערופֿן אין אָט דעם זונטיק — קום מיט!

האָט ער אופגעהויבן די אויגן און באַמערקט, ווי דוואָוירקע לויפֿט מיט איר הויכן בערל קאַזשהאַן. ער איז גוואַלדיק אופגעלייגט. הער מאַנטל הענגט אַף אים. אַ מין שלעם האָט ער אַפֿן קאָפּ, און ער שרייט אויך: קום, נאָסן! היינט איז אַ אינטערעסאַנטע זיצונג אין דאָרפראַט. אָ, ער האָט זיך שוין דאָ פּאַרבונדן מיט די אָרומיקע דערפער, מע דאַרף צוציען נאָך כאַוויירים, און מע קאָן דאָ דורכפירן אַ גרויסע אַרבעט. אָט האָט ער מיט זיך אַ פּעקל ביכער, וואָס ער האָט שוין דערוויזן אופצאַמלען, און די אָרטיקע טוערס באַגעגענען דיך זייער וואַרעם. און זי, דוואָוירעלע, איז שטאַרק צעפלאַמט און רופֿט אים אויך — קום, אָט האָט ער אַ צופאַל צו זיין מיטן פּאָנעם צום דאָרף. גייט ער מיט זיי, אָבער אַפֿן האַלב וועג דערמאָנט ער זיך, אַז ער דאַרף זיך נאָך היינט מיט עמעצן זען, וואָס האָט פּאַרבינדונגען מיטן אונטערערד פֿון יענער זייט גרענעץ, ווייל מע מוז דאָך איר אויסהעלפֿן, זיין קליין ווייבעלע, זי זאָל שוין קומען אַהער. דאָס האָט ער געזאָגט און גערויטלט זיך און מאָדנע געשמייכלט און איז אַוועק. ווייל אין שטאָטישן טומל איז מען ניט אַליין, וועט ניט הריזען אָט דאָס מיידל אין האַרצן, ווייל סאָפּקאָלסאָף דאַרף דאָך דוואָוירקע אַוועק צו איר בערלען. אָבער דאָרטן אין שטאָט האָט ער אויך געבלאָנקעט און איז אָט אַזוי פּאַרקראָכן צו זעלדקען אַהיים. האָט ער זי ניט געפֿונען. אַ קלייניקער סאָלאָמאָנטשיק איז געשטאַנען אין גאַליפּע-הויזן און באָרוועס, מיט צירקלען און ווירעס בלייטשטיפּט געאַרבעט און געמורמלט נאָך דער געוואוינטשאַפֿט די אַלטע בונדישע שוואוע און צוגעהערט זיך צום קליינוואַרג, ווער עס בעט זיך אַפֿן טעפּל, און ווער עס הוסט און נאָך אַפֿן פּיצעלע געכאַפּט אַ קוק. וואָס, דאָס שווייגט? צי איז דאָס ניט צוגעשטיקט? אומעטום האָט ער דערוויזן, ווייל זעלדקע איז אין קלוב אַוועק און אים וועט אויסקומען זיצן אַ נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט. זייער, זייער אַ אינטערעסאַנטע און פּאַרוויקלטע אופגאַבע האָט ער צו מאָרגן מאַכן און דערנאָך וועט אַוועק אַ סעדרע פּראַקטישע לימודים.

איז ער, נאָסן, געזעסן לעבן דעם קליינעם בעטעלע, געקוקט מיט אַ ספּעציעל נאָסנס שמייכל, ווי דאָס פּיצל קנייטשט זיך, שטעלט פּיסקעס, שמייכלט און שלאָפֿט ווייטער. — הערסט, — האָט ער געזאָגט — סאָלאָמאָנטשיק. עפּשער

וועסטו אָפּשפּאָרן פון דיינע קישקעס, פון דיינע ביינער אַ נישקאָשעדיקן אינזשענער. אָבער דערדאָזיקער יאַטל וועט שוין געווים זיין אַ נייער מענטש...

ער האָט זיך ניט דערוואַרט. זי איז שפּעט ניט געקומען, זעלדקע. איז וואָס גייט עס אים אָן? ניין, דאָס האָט אים גערייצט, וואָס זעלדקע קאָן דריי לאָזן און קאָן זיך נאָך ערגעץ טראָגן, טאָן און פילן זיך גוט. איז ער אַהיים אַוועק מיט אַ שווער געמיט, וואָס דאָרטן פעלט אַ מענטש אין די ווענט. אָבער אַזוי אומדערוואַרט האָט ער זי, דוואוירקען, געפונען אין שטוב. געלעגן מיידלש צעוואָרפן אין בעט, נעשלאָפן און גליקלעך געשמייכלט...

VI

איז פון דעם זונטיק אָן האָט בערל קאַזשהאַן זעלטן דוואוירקען געזען. ער אַליין האָט אַפילע ווייניק צייט געהאַט וועגן דעם זיך צו פאַרטראַכטן, וואָרום אינדערעמעסן איז זיין צייט געגאַנגען ראַשיק. געלערנט, געטאָן פאַרטיי=אַרבעט, געווען אין אַלע סטודענטישע קאָמיסיעס, פאַרבונדן זיך מיט קלובן, אַפילע מיטן דאָרף. פאַר אַלץ האָט בּאַ אים געקלעקט צייט און היספּאַילעם; און אַפילע אין די קנאַפּע שלאָף=שאָען האָט ער גוטע כאַלוימעס געזען. וואָרום הינטער דער וואַנט האָט מען אָפּטמאָל געהערט, ווי ער האַלט זודיקע רעדעס, אָפּט פאַרענדיקט מיט אַ פרייד=געלעכטער. האָט מען מעקאַנע געווען.

פאַרמויערטע פּראָסטיקע פענצטער. אין צימער איז ניט געהייצט געווען אַ פּאָר טעג. אַ טרויב האָט געפּלאַצט אין דער צענטראַלער באַהייצונג. איז ער אין די פּאָר טעג נאָך ווייניקער געווען אינדערהיים, ווי אין אַלע טעג. האָט ער אין טיר אַ צעטעלע געפונען, שרייבט זי אים אַזוי אייַלנדיק, דוואוירקע: דו ביזט ניטאָ, כ'האָב געמיינט, דו ווייסט, וואָס עס טוען די קינדער? איך בין שוין אַ פּאָר וואָכן ניט געווען, ניטאָ קיין צייט. איז אָט דאָס צעטעלע האָט צערודערט זיין געמיט. און כאָטש עס הייצט זיך שוין, איז אים קאַלטלעך. און ניט ניכע דאָס צימער, און גיין וויל ער ערגעץ ניט. אַגעף האָט ער אַ וויכטיקע אַרבעט צו מאַכן — צום פרויען=טאָג מוז ער צוגרייטן אַ פּאָרטראַג. האָט ער שוין צונויפגעשלעפּט ביכער, מאַטעריאַלן פון דער וועלט. נאָר עפּעס גייט עס ניט. לויפט ער איבערן צימער, רייבט די הענט און זינגט — טראַ, ראַ, ראַ, טראַ, ראַ, ראַ, הייסט עס, אַז די פרוי, די פרוי אין דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אין דער בורזשואַזער און פעאָדאַלער עפּאָכע!

גוט! גוט! — ער האָט שוין געכאַפּט דעם פאָדעם. זעצט ער זיך באַם טיש. די ברוינע האָר פאַלן פון קאָפּ, און פאַר די אויגן גיסט זיך אָן פול ווי אַ גום אַן ערשטער טעזיס. נאָר פרי, נאָר פרי, נעמט ער זי, די פרוי, ווען זי טראָגט דאָס קינד אַף דער פּלייצע און גראָבט מיט אַ שטעקעלע די ערד, און עפּעס ווייטער שטעלן זיך אָפּ די געדאַנקען — אַ פּאָר וואָכן האָט זי די קינדער ניט באַזוכט, ווייל זי האָט קיין צייט ניט. ער כאַפּט זיך אויף, דאָס איז אַ לעצטער טעזיס, אַהאַ,

ער דערמאָנט זיך. אָט אָ דאָ ליגט די שווערקייט — נו, וואָס? די פרוי באַ דער פּעדאַלער קנעכטשאַפט, די פרוי באַ דער בורזשואַזער צווייענדיקער קנעכטשאַפט, די פרוי באַ דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט! די פרוי באַם סאָציאַליזם. די פרוי? ער הויבט די אויגן אויף — זיין בעט, זי איז ניט צוגעבעט געוואָרן זינט ער שלאָפט אין דעם, ווייל ער האָט אויך קיין צייט ניט, ווייל ער איז אַליין, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין דירע, ווען ער איז געקומען. — אַהאַ, גיט ער זיך אַ כאַפּ, רייבט זיך דעם שטערן און לויפט איבער דער שטוב און פרייט זיך — געפונען! אין דעם לעבן פון אַ פּראָלעטאַרישן געזינד פאַרנעמט אַ גרויס אָרט די דירע־פראַגע! ער שטעלט זיך אָפּ. עמעצער קלאַפּט אין טיר פאַמעלינקע, נאָר איינגעגעסן ווי אַ פליג.

— אַריין, אַריין! רופט ער און שטעלט זיך אָן — ניט דוואוירקע? איז עס גאָר אַזוי אומדערוואַרט און איבעריק האָט קליינע מענטשעלע, דער באַלעבאָס. אַלץ טאַקע אין דעם טונקל־בלויען אַנצוג מיטן ווייסינקן שטריכעלע. ער האָט אַ שטאַרק פאַרומערט פּאָנעם, ער זעצט זיך און שמייכלט מיט פאַרדריקטע ציין. — הערט איר, ווען ניט די דירע, וואָלטן אַסאַך זאַכן ניט פאָרגעקומען. אין אַ פאַמיליען־לעבן איז די דירע דעריקער, אַ פונדאַמענט, אַף וואָס עס שפּאַרט זיך אָן דאָס גאַנצע לעבן. וואָס, ניט? אַזוי האָט איר, דאַכט זיך, געזאָגט?

פאַרבייגייענדיק האָט בערל שוין אַסאַך מאָל באַגעגנט אָט דעם מענטשן און אַלעמאָל אַף דער אילינקע. האָט ער שוין אַף זיכער געוואוסט, אַז מיט דעם ייִדל, וואָס איז פריער געווען אַ כאַוער, האָט זיך באַדאַרפט מאַכן עפּעס אַ מיעסע געשיכטע, אָבער ער האָט דאָך גאָר קיין צייט ניט געהאַט וועגן אים צו טראַכטן. אין וואַנע־צימער האָט ער אַ פּאָר מאָל באַגעגנט גאָר אַ יונגע פרוי מיט גרויסע ליידנשאַפטלעכע אויגן. זי האָט אַסאַך מאָל אים ווי צוגעהיט, עפּעס גאָר ווי צו פאַרבינדן מיט אים באַקאַנטשאַפט, אָבער ער האָט קיין צייט ניט געהאַט. און אַז ער האָט דעם ייִדל אַסאַך מאָל באַגעגנט און אַלץ אַף דער אילינקע און אין פאַרשיידן אָנטאָן, ווי אַ כאָסנבאָכער, האָט ער זיך שוין אַפילע מיט אים ניט געגריסט. אָבער היינט האָט ער אים באַרירט מיט אַ זאַך, וואָס איז אים גאָר נאָענט געווען — די דירע איז אַ קאָלאָסאַלע פראַגע אין פאַמיליען־לעבן. עטעס! אָבער וואָס וויל ער אים זאָגן? האָט ער שטייענדיק אָט אַזוי, אַ מינוט זיך פאַר אים צוגעבויגן, גרייט אים הערן. אָבער דער גרויסער קאָפּ פון דעם קליינעם מענטשל האָט זיך געדרייט אין די זייטן און געשמייכלט — אָט אַזוי, איר לעבט איינער אַליין, וואָס זשע ט'איר באַדאַרפט אַזאַ צימער? צען מענטשן וואוינען היינט אין אַזאַ צימער, צען מענטשן. נאָר גאָרניט, איר אַרבעט כאָטש, איר לערנט, איר שטודירט, קומט עס אייך — קטאָ ראַבאָטאַיעט, טאָט יעסט, כאַ, כאַ, כאַ,— האָט ער געקוואָלן דריבנינקע און געריבן זיך די הענט, געשפּאַנט איבערן צימער און אָפּגעשטעלט זיך — איר האָט דאָך אין דירע־אָפּטיילונג אָנגעשריבן, אַז איר האָט אי אַ ווייב, אי קינדער, איז ווי באַלד אַזוי, קומט אייך דאָך לויט דער נאָרמע אַסאַך אַ גרעסערע דירע, כע, כע, כע.

בערל האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל. אָבער געדולד האָט ער געהאַט. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבן פענצטער, וואָס האָט זיך דערוואַרעמט און גע־גומען אָפּגיין. האָט ער צוגעלייגט זיין שטערן צו דער קאַלטער שויב און געקוקט אין גאַס אַריין. אין אַ לינדן מאַרט־אָוונט האָבן זיך געטראָגן טראַמוואַיען, אַוטאָ־מאָבילן און שליטלעך און פערלעך, אַסאַך פערלעך, און צווישן די פערלעך זיינען איינציקע מיט אַ מאָדנעם אימפּעט געלאָפן, אָדער געשלעפּט זיך ווי אַף געלייממטע פיס און ווי אָן אַ ציל.

דאָס קליינע יידעלע האָט זיך געזעצט אַף אַ בענקל און די קורצע פיס אַף דער באַטאַרייע געוואַרעמט און מיט די פינגער געקלאַפּט אין טיש און געברומט זיך אונטער דער נאָז אַ לידעלע. דערנאָך האָט ער אופגעהויבן אויגן פון אַן איינ־געמידט פערד, וואָס קוקט אַפן באַלעבאָס און בעט זיך — שפּאַן מיך אויס, טו אַ טויווע. און ראַפּטום צו בערלען:

— הערט, איר געדענקט, אַז איך האָב אייך געטאָן אַ טויווע? בא אַן עוואַ־קואַציע איז דאָס געווען. אייערע באַקאַנטע, צי גוטע פריינט, נאָר געווען זיינען זיי מענטשן, וואָס לויפן, און געהאַט האָבן זיי אַ שאַיכעס צו קונסט, און קאָמאַנדי־רונגען האָבן זיי געהאַט קלוימערשטע פון אַ מין קולטור־ליגע, כע, כע, כע, און די שטאָט האָט, דאַכט זיך, געהייסן קרעמענטשוג. האָט דער קאָמענדאַנט כיישעק געהאַט פאַרהאַלטן זיי, אָט די קינסטלער, און זיי צאַפּלען זיך, דער דאַמפער קלייבט זיך אָפּגיין. האָבן זיי זיך צו אייער הילף געווענדט, און איר האָט מיך געבעטן. האָב איך צו אייך גרויס צוטרוי געהאַט, און ווען איר בעט עפּעס אַ היפּש ביסל מערער פון דעם, וואָלט איך דאָס אויך געטאָן, ווייל מיר דאַכט, אַז איר זייט פון די עמעסע קאָמוניסטן, און ביז היינט דענק איך אַזוי.

בערל האָט געקוקט אין פענצטער און האָט געזען, ווי צוויי מיליציאָנערן האָבן זיך געדרייט נעבן איינעם אַ נעפעש, אַ פאַרלעדערטן פון קאָפּ ביז די פיס. זיי האָבן אים געוואָלט אַף אַ שליטל זעצן און ער האָט זיך ניט געלאָזן, ביז עס איז דאָ אויסגעוואַקסן אַ כאַוועריטע אין אַ רויט טיכל און מיט אַ איבערציייגנדיקן שמייכל האָט זי עפּעס געזאָגט די מיליציאָנערן, און זייערע פענעמער זיינען גוט־מוטיק געוואָרן. זי האָט דעם פאַרלעדערטן אַ גלעט געטאָן מיט איר שמייכל, ער האָט נאָך עפּעס געמורמלט, אָבער געזעצט זיך אין שליטל, זי מיט אים. די מיליציאָנערן האָבן די רעק צוגעשפּיליעט, און דאָס שליטל איז אַוועק, און אין בערלס קאָפּ האָט זיך עס אַזוי אויסגעטייטש: ער האָט אַ דירע, ער האָט אַ פיין ווייב, אַז ניט וואָלט ער געגעכטיקט אין ראַיאָן, ער האָט אַ פיין ווייב.

איינציקע, וואָס האָבן זיך אין גאַס פאַרהאַלטן, האָבן מאָדנע אויגן געהאַט. זיין הייסער קאָפּ האָט געפרעגט — וואָס זוכן איינציקע אין גאַס? עפּעס האָט געענטפערט: — אַ ווייב, עפּעס האָט געענטפערט: — אַ דירע, אַ היים...

## VII

דאָס, וואָס דאָס קליין יִדעלע האָט גערעדט, האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן פון בערלס קאָפּ. עפּשער דעריבער האָט דער געדאַנק אַזוי ווייט פאַרכאַפּט טאַקע די מאַיסע מיט יענער עוואַקואַציע, אַ זייער טשיקאַווע דערינערונג — אַ לעצטער אָנגעשטאָפּטער דאַמפּער, אַ גאַנצער באַגאַזש קולטור־פוער און צווישן זיי דוואוירעלע; ערשט נאָכן טיף, זיינען באַ איר די לאָקלעך אָפּגעוואַקסן, שיין געגרייזלט, און זי שפּרינגט און קוועלט ווי אַ יִנגל:

— זע, זאָגט זי אים, בערל, דערדאָזיקער איז אַ ראָוו אַ קאָמוניסט, כאַ, כאַ! ער איז געשטאַנען אין אַ קייט, וואָס האָט דערלאַנגט תאליץ אַפּן דאַמפּער, אָנגעטאָן איז ער געווען, דער ראָוו, אין ענגלישע זאָקן, די הויזן אַריין, און אַ לעדערנער קורטקע. די פּייעס אַריבער די אויערן צונויפגעגאָסן מיט די האָר און באָרד ביזן קאָלנער. ער איז געשטאַנען צווישן צוויי היפּשע כאַווערטעס, האָט ער ווי באַ מעקאַדעש זיין די לעוואָנע צו איינער ווי געזאָגט — „שאָלעם אַלייכעם“ און גענומען באַ איר די קלאַץ, און צו דער צווייטער ווידער — „אַלייכעם שאָלעם“ און איר איבערהגעגעבן די קלאָץ, און זיינע באַקן פון שוואַרצן בערדל אַרויס האָבן זיך געפאַרבט, און זיינע אויגן האָבן טאַיִוועדיק געגלאַנצט. זיינען אויבן אַף דער פּאַלובע פון דאַמפּער געשטאַנען אַ כעוורע לייצים זאָרגלאָזיקע און האָבן קאַטאָוועס געטריבן: זעט, זעט, ווי זיינע הענט ציען זיך צו איר, און זיין מויל גרייט אַ בראָכע, און זי, די דוואוירקע, מיט זיי, קוועלט, ווי אַ געגרייזלט יִנגל. עמעצער האָט ווייטער פאַרזיכערט, אַז דער ראָוו דער קאָמוניסט האָט מיט זיך מאַרקס בענגדער אין קויש, אָבער אונטן איז נאָך דאָ אַוואַדע אַ טאַלעס־און־טפילן, און זי האָט ווייטער געקוואָלן. האָט עס אים עפּעס פאַרדראָסן, רייִשעס, וואָס זיי באַרירן דעם קאָוועד פון אַ קאָמוניסט, און וואָס אין אַזעלכע שווערע טעג פאָרן זיי פריילעך, ווי אַף אַ כאַסענע. האָט ער טאַקע געזאָגט — צו וואָס אַזויפיל הויצאָעס פאַטערן אַף צו פירן אָט דעם שיימעס־באַגאַזש?.. האָט ער דערנאָך שטאַרק כאַראָטע געהאַט אַף זיין וואָרט, ווייל זי, דוואוירעלע, האָט זייער געהאַלטן פון דעם ליטעראַטור־באַגאַזש. קינסטלער, האָט זי געזאָגט, זיינען דאָס. אָדער מיינט ער, אַז ער, בערל, בלויז מיטן ביקסל קאָן שוין אויסבויען קאָמוניזם? זי, דוואוירעלע, מיינט אַנדערש, אַז ווי מע וועט גויווער זיין פראָגנטן, איז גלייך מיט אַ העמד אַפּן לייב, וועט מען הארפן ליטעראַטור און קונסט, אָט ווי ברויט פאַרן מאָגן...

ער האָט דעמאָלט דערפילט, אַז וואָס מער דוואוירקע וועט זיין אין שטאָט מיט אָט דעם אוילעם, און ער אַפּן פראָנט מיט זייניקע, וועלן זיי זיך אָפּגעוואוינען זיך צו פאַרשטיין. ווייל אַפּן פראָנט וואַקסן צו די פּיס צו די שטיוול, איז שוין גאָר ניט צום לאַכן, אָבער פאַר איר איז עס קיין מאָטיוו ניט געווען, ווייל פראָנטן וועט מען גויווער זיין, און נאָך שווערערע פראָגנטן שטייען פאָר, צו וועלכע מע דאַרף זיך גרייטן. האָט זי זיך געגרייט, געלאַכט, געשפּרונגען ווי אַ געקרייזלט יִנגל צווישן אָט דעם טומלדיקן אוילעם, און ער האָט דעמאָלט טאַקע געבעטן

אַט דאָס מענטשעלע פּאַר אייניקע פון זיי און געזאָגט האָט ער אויך אירע ווערטער:

— דאָס זיינען קינסטלער, ליטעראַטן, זיי פאָרן אין מאָסקווע — זייער אַ גוטיקער עלעמענט...

— איר געדענקט, — האָט געזאָגט דאָס ייִדל ווי צו זיך אין די הענט אַריין, ווייל עפּעס האָט ער געהאַלטן די הענט פאָרן פּאָנעם. — איך האָב דעמאָלט געפרעגט — וואו וועט מען זיי אָנעמען דירעס אין מאָסקווע? כע, כע, כע. די פראַגע האָט שוין דעמאָלט געגעסן מיין קאָפּ, וואָרום מיין ווייב, פון אַ ייִדישער שטאָט, זשיטאָמיר, האָט מיך אין בריוו געקימפּלט, זי וויל לעבן צווישן מענטשן און ניט ליגן אַלע טאָג דעם קאָפּ אונטער פּעטליורעס כאַלעף. זי איז מוחל אים דעם קאָפּ ווער מיט זיינע אָפיצירישע קליידער. איר אַרט ניט, אַז ער וועט גיין אין ציוויליזאַנטאַן, ווייל די גאַנצע סאָלדאַטשינע האָט שוין איבערגעגעסן אירע געדערים. זי האָט געזען אַסאַך קאָמוניסטן, און פייגע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט דאָרטן אין מאָסקווע און גייען ווי מענטשן, און לעבן ווי מענטשן מיט ווייב און קינדער, כע, כע, כע. און נאָך שרייבט זי וועגן עפּעס אַ מאַזלטאָוו! נאָך זיין אַוועקפאָרן. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי שוואַנגערט, און אָט וועט זי אים געבוירן אַ קינד, כע, כע, כע, מאַזלטאָוו! ווירקלעך אַ פרייד! אַפּן זיבעטן יאָר פון דער כאַסענע, אַזאַ ניט-טויגער ווי ער, און ראַפּטום אין איינעם אַ מעסלעס צוגאַסט און פּאַרטיק אַ מאַזלטאָוו! כע, כע. ווייזט אויס, אַז די קראַפּט ליגט טאַקע נאָר אין די מיליטערישע קליידער! אָבער פאַרוואָס האָט זיך אין זיין קאָפּ דער כעשבן ניט געקלעפּט, ווען ער האָט באַקומען די בסורע פון איר געבוירן? און פאַרוואָס איז אים אַלץ אין קאָפּ געקראָכן אָט דער פּוילישער טעכניק אין דער בעקעשע, וואָס איז דאָרטן באַ אים אין שטוב אַ גאַנצער שאַלאַטן-שאַמעס געוואָרן? עמעס, ווען ניט ער, ווער ווייס וואָס עס וואָלט געוואָרן פון איר און פון זיין שטוב! אַ גאָלדענער מענטש, אַ ייִדישע נעשאָמע — האָט אים דאָס ווייב געריממט, און זי ליגט איינע אַליין איבער אַ דירע מיט אַביסל באַלעבאַטישקייט און וויל עס איינהיטן, איז טאַקע גוט, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַזאַ שאָכן...

נו, און דאָס ייִנגעלע רופט מען „קים“, אַזאַ וואוילער נאָמען. איז פאַרוואָס זאָל טאַקע דאָס קינד וואַקסן אָן אים? געמאַכט האָט זיך אַזוי, אַז מע האָט אים גיך דעמאָביליזירט. ער האָט היפּש קנעפּלעך אָנגעקוועטשט, און אים איז געלונגען בלייבן אין מאָסקווע, און דאָ טאַקע הויבט זיך ערשט אָן די מאַיסע מיט דער דירע!

ער האָט זיך אַ רעגע פאַרטראַכט, דאָס מענטשעלע, אופגעהויבן זיך, און ווי אַ כאַזן גרייט זיך צו אַ טפילע, האָט ער זיך אויסגעהוסט, אויסגעשנייצט אין ווייסינקן טיכעלע אַריין, און איז צוגעגאַנגען צו בערלען און אויך אַריינגעשפּאַרט זיין קליין רויטלעך פּענעמל אין שויב אַריין:

— וואָס זעט איר דאָ? אַסאַך, אַסאַך מענטשן? האַכט זיך, אין פּלוג, וואָס פּאַר אַ שאַיכעס האָבן זיי צו אייך, צו מיר, אָבער אינדערעמעסן איז דאָס ניט

אַזוי. קוקט זיך איין אין זייערע אויגן, וועט איר זעען אויגן מיט פריינטשאַפט, מיט מיטלייד צו אַ מיט־מענטשן, אָדער גאָר־גאָר כאַיעשע, בלוטיקע פון אַ דאָס סוינע! און דערנאָך, און דערנאָך איז שוין ווי דער מאַזל דיינער וועט אויסטראָגן, מיט וועלכע פון די אַלע דיר קומט אויס האָבן וואָסערע ס'ניט איז אָנגענעניש. איז ווייס איך ניט ווי אַנדערע, נאָר מיר איז אויסגעקומען אַף שריט און טריט אָנשטויסן זיך אַף אומזיסטע סאָנים. אַסאַך סאָנים האָב איך, אַפילע דאָ אין הויף וועלן אייך סאָנים זאָגן, אַז די דירע מיינע האָב איך אויסגעסויכערט, אַוועקגעשפּאַרט אַ ייִדן אין גאַרים און פאַרנומען זיין דירע. אָבער אינדערעמעסן איז דאָס קעזעוו ליגן! דער עמעס איז, אַז דאָס איז געווען אַ ייִד, וואָס האָט אַליין געטאָן האָזעריק, ווי מיט אַ קיוון, מע זאָל אים צושטעלן צו דער וואַנט. כי, כי, כי.

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן אַ רעגע, ווי אַ גאָנער געצווינגן זיין האַלדז מיטן גרויסן קאָפּ מיטן רויטינקן פּענעמל צו בערלען, וואָס איז אַליץ לעבן פּענצטער געזעסן מיטן שטערן צו דער קאַלטער שויב, מיט אויגן געקוקט אין דער באַוועגלעכער אָוונט־גאַס, וואָס ער לויפט זי דורך צענדליקער מאָל אַ טאָג און ווי איצט וואָלט ער זי דערזען צום ערשטן מאָל אַזאַ טומלדיקע און שיקערלעך־צעלאָזענע.

אַזוי שטיל, ווי די ווענט זאָלן ניט הערן, האָט ער אָנגעהויבן, דאָס ייִדל פון דאָסניי:

— הערט, איך זע דאָך, אַז איר זייט פון די ווייניקע מענטשן, וואָס קאָנען געדולדיק אַ צווייטן אויסהערן, ווייל בכלל האָבן מענטשן אַ טעווע באַקומען דרינען מיט הענט און פיס, אַפילע פינטלען מיט די אויגן, טאַקע נאָר אַ טרייסלעניש כאַפּט זיי אָן בא יענעמס אַ וואָרט אויסהערן, און אַליין זייגען זיי יעדעס מאָל גרייט שיטן ווי פון אַרבל, און עפשער האָט איר אויך בלויז די קונסט פון זיצן, און ווען יענער רעדט, הערן זיך אַליין? כי, כי. אָבער דאָס איז שוין אייער זאַך. אַבי איר שטערט ניט אַ צווייטן אַראָפּריידן זיך פון האַרץ אַביסל, און אויב איר הערט יאָ, וועט איר שוין אַליין קאָנען מישפּעטן, צי איז דאָ אַ וואָר וואָרט אין דעם, וואָס בייזע צינגער בילן.

דעמאָביליזירט און געקומען אין מאָסקווע. פון דעם הויבט זיך עס אָן. ווי דאָס איז פאָרגעקומען? כע, כע, כע. ווען מע האָט מיט אַ גרויסן בעזעם מיך אויסגערייניקט פון פּאַרטיי, האָט מען אָט פון דער פּראַגעלע געמאַכט אַ גאַנצן צימעס. אַ שלייף איז שוין געלעגן אַפן האַלדז בא מיר, נאָר ווי איר זעט, האָב איך דעם קאָפּ איינגעהאַלטן! אָ, איר קאָנט זיין נייגעריק, ווי דאָס איז געשען? איז, ליידער, קאָן איך עס אייך ערשט ניט צוליב טאָן, סאַידן בא אַן אַנדער געלעגנהייט אַ צווייט מאָל, דעריקער, וואָס אינטערעסירט מיך און וואָס איז אויך נויגייע אייך, איז די דירע.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען מענטשן האָבן אָקאָרשט אָנגעהויבן פון זיך אַראָפּוואַרפן די זעקלעך, אין וועלכע זיי זיינען ווי איינגעוואַקסן געוואָרן, די האַנט־שליטעלעך אַרויסגעלאָזן פון די הענט. אין טעאַטער האָט מען שוין באַמערקט לאַקיר־שיך אָנשטאָט געלע וואָליקעס. אין אַסאַך הייזער האָט מען שוי־

אָנגעהויבן מעשאַלייעך זיין דאָס אייזערנע אויוועלע מיטן גאַנצן קלאַפּער=געצייג, און מערק האָבן זיך צעוואַקסן צו קאָלאָסאַלער גרויס, און אַף האָגן און וויעקלעזן איז געגאַנגען דער גרויסער — האיאָם, בעריאָם! אין יעדן מענטשן איז דאָ זיין כאַראַקטעריש פּינטעלע, צו וואָס ער איז באַרופן. איך בין באַרופן צו זיין אַ ווירטשאַפט=מענטש. איז אַז איך קום אַריין אין מאָסקווע, לויף איך ניט קוקן קיין שולן, קיין קלויסטערס, קיין מוזייען, קיין טעאַטערס. מיט אַזעלכע קלייניגע אַנטיקלעך וועט איר מיך ניט פאַרכאַפּן. דאָס ערשטע, איז אַ קוק טאָן אַף דער גרויסער ווירטשאַפט=לאַבאָראַטאָריע, וואָס הייסט, „ווע עס ען כאַ“. איז אָט לויפנדיק אַהינצו, האָב איך טאַקע באַמערקט אַ טשיקאַווע בילד, אַפן ווייסווינטערדיקן פּאָן — אַ גרויסן שוואַרצן פלעק. אַזאַ קנויל באַוועגונג, ווי גרויסע שוואַרצע ווערים וואָלטן זיך געקאָפּאָשעט, אַ כאַיע אַ געזונטע מיט טויזנט פיס איז אָט דאָ אַפן פּלאַץ־גערטל אַרומגעקראָכן און שפּעטער האָט עס אַרויסגעלאָזן אַזאַ מין כאָרכל — האיאָם! בעריאָם!

אַף בוימער האָבן זיך קראָען געגעסטיקט. זיי האָבן דאָ באַזונדערס געשריען און געטומלט זיך. אָט אַנטקעגן איז די גרויסע ווירטשאַפט פונעם בויאונגס=לאַנד, הינטער די קיטאַיעשע ווענט אַלע נאַרקאָמען, אָט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען איז דער קרעמל אַליין. איך בין דאָך אַליין אַ קאָמוניסט, האָב איך זיך פאַרטראַכט אַף דעם. איך האָב מיך צוגעזעצט אַף אַ באַנק, אַביסל פון דער זייט אָנקוקן, ווי עס טוט איר אַרבעט די שוואַרצע בירזשע. אַגעף האָב איך טאַקע באַ זיך געהאַלטן אַזעלכע מינים געלט אַף צו רעאַליזירן. אייגער אַן אָפּגעריסענער וואָרעם פון אָט דעם קנויל האָט זיך מיט אַ צוויי צי צו מיר אַ וואָרף געטאָן. אָט איז ער שוין נעבן מיר נאָענט געווען מיט אַ גרעפּצעלע פון אַ שוואַכן מאָגן, מיט אַ זייטיקן נייטראַלן גענעץ, גלייך ער איז דאָ אַ גאַסט. און ווי צו זיך אַליין האָט ער געזאָגט — דאָלערס פאַלן שטאַרק. און צוויי אויגן האָבן מיט גרויסער געניטקייט אַריינגעקוקט אין פּאָנעם, און ראַפּטום האָט זיין פּאָנעם אַ פיבער געטאָן מיט נייגער, דאָס קאָטיק=היטל האָט אַזש אַ טאַנץ געטאָן אַף זיין צוגעגראָטן קאָפּ. ארקע!

האָט ער מיט אַנטציקונג אויסגעשריען: — אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אַרקע גאָלדנמאַכער? האָב איך מיך אַ כאַפּ געטאָן און האָב אים פאַריכט — אַרקאַדיע נעבעמיעוויטש גאָלדמאַכער, און האָב מיך דערמאָנט אין אַסאַך זאַכן איינצייטיק: אין נעבעמיע דעם שויבעט, וואָס האָט קיינמאָל קיין קוויטל ניט געבעטן אַף קוילען וואַ הון, ווייל ער האָט געהאַט אַ קלאַל — איז האָט ער, וועט ער אַליין געבן, און אַז ניט, איז וואָס לוינט דאָס בעטן? און טאַקע גלייך דערמאָנט זיך גלויבערזאָנס קאנטאָר און ניט אַזוי גלויבערזאָן, ווי זי, גלויבערזאָניכע, אָט די פּינסקער יידינקע, וואָס האָט געגלויבט, אַז יעדער קניפּ, וואָס זי גיט אַ יינגל, איז דאָס אַ באַוואָרעניש מיט מענטשעשאַפט אַף אַ גאַנץ לעבן... און נאָך האָט ער זיך דערמאָנט אָנעם בוכהאַלטער דאַניעל נעבעמיעוויטש פערלמאַן, דעם איינציקן ליבלינג מאַדאַם גלויבערזאָנס, ווייל ער איז שוין אַ מענטש, מאַכט שוין פון דער זייט אַ רובל, טראָגט גאָלדענעברילן און איז אַ פירער

באַ די ציעניסטן. איז אָט נאָך אַזויפיל יאָרן באַגעגנט ער זיך מיט דאַניעל נעבעמיעוויטש, וואָס האָט טאַקע זייגם אַ שוועסטערקינד פאַר אַ ווייב, אויך פון די גאָלהמאַכערם, נאָר שוין פון די עמעסע גאָלדמאַכערם, וואָס האָבן אַלע יאָרן געמאַכט פיינע טויזנטער פון וואָס עס מאַכט זיך, אַפילו פון באַגאַזש־קוויטן. נו, איז דאָך טאַקע טשיקאַווע. עסט אים דאַניעל נעבעמיעוויטש מיט די רונדע אויגעלער, מיטן מאָגערן פּאָנעם אין שוואַרצן באָרד־רעמל, פאָרשט אים נאָך זיין אָנטאָן, פרעגט און טרעפט — וואָס, ווי לעבט זיך? ערשט געקומען אין מאָסקווע? אַ קאָמוניסט? מיט אַ געזינד? נו, אַ דירע איז דאָ? אַ קאָמוניסט באַקומט דאָך יאָ אַ דירע. איז אָט פון אַלע פראַגן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אַף דער דירע, װאָרום אין דעם איז דאָס טאַקע געגאַנגען, — וואָס גיכער ער וועט האָבן אַ דירע און נעמען דאָס געזינד אַהער, אַלץ מער שאַנסן האָט ער בלייבן אין מאָסקווע. און דאַניעל נעבעמיעוויטש האָט זיך טאַקע אַביסל פאַרטראַכט און געזאָגט פּאָשעט אַף דו: — קום אַריין איינגאָוונט, וועלן מיר ריידן וועגן אַ דירע.

איז אָט יענעם אָוונט איז ער אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אָט דער דירע, וואָס האָט אים געבראַכט מערער ווייטיקן, איידער פרייד. געפונען האָט ער דאָ אָפענע טירן מיט אַ גרויסן יאָנטעוו. מע האָט געפייערט אַ נאָמען פון אַ ניי־געבוירענעם, און די גאַנצע פרייד איז באַשטאַנען אין דעם איינפאַל פונעם נאָמען. „טאָרע“ האָט געהייסן דער נאָמען. אַלעמען אָפּצעלאָכעם „טאָרע“, און דאַפקע ניט נאָך דער טוירע, נאָר נאָך אַ געשטאָרבענעם זיידן. פונעם נאָמען „וויגדער“ איז געוואָרן וויקטאָר, האָט מען בלויז אָפּגעהאַקט דאָס „וויק“, איז געבליבן „טאָרע“. און אָפּגעטאָן איז געוואָרן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אַרבעט. מע האָט עס אָפּגעשאַצט ווי געהעריק איז מיט טאָסטן מיט ווינטשעניש, אָבער ער, אַרקאַדיע נעבעמיעוויטש, האָט גלייך דערפילט ווי דאָ שלאָגט דער דויפּעק פון עטלעכע קאָמיטעטן — אי צעאירע, אי פּויאַלע, אי אַלגעמיינע ציעניסטן, און דעריקער אַ פאַרביסן אויג פון יענער כאַיע, וואָס הייסט שוואַרצע בירזשע.

## VIII

איז געווען שטיל אין צימער און געדאַכט האָט, אַז אַ שטאָט איז מיט צוגעמאַכטע אויגן געשטאַנען און געהערט, וואָס אַרקאַדיע נעבעמיעוויטש דערציילט פון געוועזענעם...

איז אָט דעמאָלט, אין אַ באַזונדער צימער האָט דאַניעל נעבעמיעוויטש פערלמאַן געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַרקאַדיע נעבעמיעוויטש גאָלהמאַכער:

— איר, אַרקאַדיע נעבעמיעוויטש, האָט עפּעס אויסזיכטן אַף אַ דירע? אַזוי פּריוואַט וועט איר קיין דירע פאַר קיין געלט ניט געפינען.

— יאָ, אָבער איר, דאַניעל נעבעמיעוויטש, האָט דאָך עפּעס געהאַט מיר צו זאָגן וועגן אַ דירע?

— כע, כע, כע, איר האָט אַ גרויסן טאָעס, ליבער אַרקאַדיע נעבעמיעוויטש. וואָס הייסט, איך האָב אייך עפּעס צו זאָגן וועגן אַ דירע? איך האָב דאָך ניט

קיין אייגענע הייזער, און אַז איך וואָלט זיי געהאַט, וואָלטן זיי דען מיינע געווען? און אַפילע אַף מיין דירע בין איך אַ באַלעבאָס? ביכלאַל בין איך דאָך צוויי מאָל אין גאָלעס: ווי אַ ייִד און ווי אַ נעפּאָוועץ. דער בורזשוי, וואָס איך בין, אַז איך האָב אַ שטיקל לאָך און מאַך דאָרטן אַנילינאָווע פאַרבן, מיט אַ זון אַ כעמיק, און האָב ניט קיין רעכט, קיין שטים און קיין לאָשן, איז וואָס קען איך אייך העלפן וועגן אַ דירע? אַז איך בין אַ געליימטער.

— אָבער אַנטשולדיקט, דאַניעל נעכעמיעוויטש, — האָט ער שוין געזאָגט מיט היפּש פאַרדראָס. ער איז דאָך ניט געקומען בעטן זיין הילף אָדער אַ טויווע אַפילע. איר האָט מיר זעלבסט אָנגעבאָטן — אַז איר האָט מיט מיר צו ריידן וועגן אַ דירע!

— כע, כע, כע, רעגט אייך ניט אַזוי, ליבער אַרקאַדיע נעכעמיעוויטש, איר האָט פולע רעכט. ריידן האָבן מיר אַוואַדע וועגן וואָס מיט אייך, איך האָב אייך טאַקע איינגעלאָדן. מיין שטוב איז פריי פאַר בעקאָוועדיקע מענטשן. אָט שטעכט מיין דירע אַלעמען די אויגן. איך האָב אַ גרויס געזינד, און יעדער נעפעש האָט דאָך רעכט אַף וואוינונגס־פּלאַץ, און אַף קיין פינגער, זאָגט, זאָל זיין איבעריקס אַפילע, איז אָט וועגן דעם וויל איך מיט אייך ריידן, איר זייט דאָך אַ אייגענער מענטש און טאַקע אַ פריינט, אַ קאָמוניסט, וואָלט איך אייך געקאָנט אויסטיילן אַ כיידערל פון אַ דריי קוואַדראַט־קלאַפטער. דאָס הייסט, אָפּגעריסן פון זיך אַ פונט פלייש און טאָן אַ טויווע אַן אייגענעם מענטשן. איך גלויב, אַז איר וועט די טויווע אָפּשאַצן. און אַ צימער האָט איר שוין, איר דאַרפט נאָר אַף דעם אַרויס־קריגן אַן אָרדער אַף זעקס קלאַפטער, כע, כע. דאָס פּאַפּירל קאַרגט מען ניט קיינמאָל, ביפראַט אַ קאָמוניסט. האָט עס טאַקע אַרקאַדיע נעכעמיעוויטש אָפּגע־שאַצט ווי געהעריק איז; צוזאַמען מיט דער גאַנצער לאַגע דאָ אין שטוב, מיט אָפענע טירן, מיט גרויסן האַנדל, מיט אוואַנים טויוועס אומאָרגאַליעם, ווי עס שרייבט זיך אין שוואַרצע פינטלעך. און אַ דירע איז דאָס דריי מאָל וויפל ער פאַרנעמט הייגט, מיט אַ גרויסער מישפּאָכע, וואָס יעדערער טוט זיין זאַך. באָנים אובאָנעס, וואָס טומלען אין פאַרשיידענע קרייזן, און אַלץ שרייט ציען, אַפילע אַן אַלטע מאַמע מיט פאַרלעגענע זעק צירונג. איז צי וועט זיך אַזוינס לאַנג האַלטן? עס לוינט דאָ נעמען אַ צימער, וואוינונג־פּלאַץ וועט דאָ ווערן!...

באַ בערל קאַזשדאַן זיינען שוין אָפּן געוואָרן מויל און אויערן, און דאָס ייִדל האָט אים געזשומעט ווי אַ מאַי־זשוק לעבן אויער: וואַרט, וואַרט לאָזט אייך דינען. אָפּגעשאַצט האָב איך ריכטיק, כע, כע, עס האָט ניט געדויערט קיין יאָר, ניין, גאָר־גאָר קנאַפּ האָט עס געדויערט, און פון אָט דעם ביגיען איז קיין געדע־כעניש ניט געבליבן. אַ טייל אין טפיסע, אַ טייל אין אויסלאַנד, אַפילע אין דול־הויז. אַן אַלטע מיט זעק געלט איז געבליבן. און דאָס פיצעלע „טאָרע“.

אַרויסגעריסן האָט זיך בערל קאַזשדאַן, אַרויסגעריסן און דערפילט דאָס נימעסע רייעכל פון אָט דעם געשיכטעלע. — נו, און וואָס איז דאָ נייַס? מיר האָבן אַ גרעסערער קאָנטר־רעוואָליוציע אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. ער מוז נאָך צו־

גרייטן דעם פאַרטראָג צום פרויען=טאָג. אַ קאָפּ האָט ער ערשט אַ לויטערן, ווייל אַלע מעניעס און ספּייקעס, וואָס האָבן פריער אַ רעגע פאַרכאַפּט, מיט דוואָירעלעם קוויטעלע געבונדן, זייגען ערשט צעשוואומען און אַ העלע פאַרבן=ראָד האָט זיין קאָפּ באַהעלט — און טאַקע, צי גייען מיר ניט צוזאַמען מיט דער פרוי האַנט באַ האַנט איבער אָט די אָנגעוואָרפענע מיסט קופּעס, וואָס די בורזשואַזע=וועלט האָט אונדז יערושע געלאָזן? מיר גייען איינגעשפּאַרט, און מיר ראַמען עס אָפּ! יאָ, ראַמען עס אָפּ! זאָל זיך עמעצער שרעקן פאַר אַ געפונענע געפּייגערטע קאַץ אין בוזעם, מיר האָבן ניט מוירע, מיר וואַרפן עס אָפּ צו די, וואָס האָבן עס אונדז אונטערגעוואָרפן, און מיר גייען ווייטער צום נייעם לעבן. האָט אים אָט דאָס מענטשעלע אָפּגעשטעלט, ער איז געווען שוין איצטער קאַלט און גלייטשיק, און ס'האָט אים נעזעצט אַ צאָן אַף אַ צאָן, ער האָט זיך געטוליעט צו דער באַטאַרייע, און מיט אויגן פול בוזעק=פיבער האָט ער געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, כאַווער, אייער נאָמען איז, דאַכט זיך, באָריס סענדעראָוויטש, און איך קאָן אייך רופן אויך כאַווער באָריס. איך האָב צו אייך אַ גרויסן צוטרוי, און איך גלויב, אַז אַלץ, וואָס איך האָב אייך דערציילט, האָט אַ שאַיכעס צום איניען, וואָרום אָט, הערט איך, גרייט איר אַ פאָרטראָג צום פרויען=טאָג, — האָט נעדולד ביזן סאָף, עפּשער וועט עס אייך צום פאָרטראַג נוצן...

— דערציילט, דערציילט. ער, בערל, האָט געדולד. ער, בערל, ווייס, אַז די פּאַרטיי איז דער גרויסער קאָרידאָר צום סאָציאַליזם. כאַפּט זיך דאָ אַמאָל אריין פּרעמד ווילדפלייש, פּאַלט עס אָפּ פון אַ גוטן הייסן ברי...

די טרויבן, די באַטאַרייען פון צענטראַלער באַהייצונג האָבן מיט היץ נעשפּאַרט, די פענצטער אָפּגעשוויצט און וואַסער געלאָזן. און אַרקאַדיע געבעמיעוויטש האָט זיך נאָך אַלץ געשפּאַרט צו דער באַטאַרייע און געבעטן דערלויבעניש פאַרויכערן אַ ציגאַר, גיין, ניט קיין האַוואַנער, אַ פּאַשעטן פון טערקישן טאַלעוו, כע, כע, כע. האָט ער פאַרויכערט און אין אייגענע רעדער רויך געזונקען.

— אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דריי קוואַדראַט=קלאַפּטער. געבראַכט האָט ער אַהער אַ ווייב, אַ קינד, אַ ניאַנקע, נו און וואו זאָל ער אַמאָל אויסרויכערן אַ ציגאַר פון פּאַשעטן טערקישן טיטון?

— נו, יאָ, און זי, דאָס ווייב? זי געהערט ניט צו די, וואָס באַקומען פּריזן פאַר שיינקייט, אָבער אַז זי גיט זיך אַ שטעל אויס מיט אַ קנייטש אין קליבעאַריין, שטעלן זיך אָפּ בריסטן אַפּן מיטן שניט אַרויס פון אַ האַלדז מיט אַ שעלמישגעמבעלע, מיט אויגן היציקע, ווי באַ א יונגער קליאַטשע. ווייס זי עס און האַלט, אַז איר קומט אַ גוט לעבן. און גלאַט, זי קומט דאָך אַרויס פון די געלבערגס, וואָס האָבן געגעבן דער וועלט די גרעסטע קאָמיוואָיאַזשאָרן און אַן אַ צאָל געהילףפּראָוויזאָרן. נו, האָט זי געטאַיגעט, געבלאָזן זיך, געשטיקט — אָט דאָס איז מאָסקווע, אופף! אָט דער קיוועער נאָך אַזויפיל פּלאָגעניש, אופף! גיין, זי ווערט דערשטיקט, אָבער ראַפּטום איז איר גרוים געוואָרן, מער וויפל זי האָט זיך גערעכט. וואָרום אָט די דירע האָב איך פאַרנומען מיט דער אויסשטאַטונג, מיט אַלעמען. אַ

שטעלע האָב איך געהאַט אַן אָנשטענדיקע אַפּן קאָאָפּעראַציע-פעלד. וואָלט, דאַכט זיך, גוט געווען. אַ קאָמוניסט בין איך און אַרבעט מיט לייב און לעבן. איך בוי די קאָאָפּעראַציע, דאָס הייסט, דעם סאָציאַליזם, און לעבן קאָן מען, און אַ דירע איז דאָ. נאָר נײַ מאַך מיט גאָט אַ טנאַי, אַז אַלץ זאָל זײַן גוט.

ער האָט ווידער באַקומען אַ פּאָנעם אַ רויטיגקס ווי געגזעגנע פּים, איז ער איבערן צימער אומגעלאָפן און געריבן זיך די הענט, דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, פונוואַנען הויבט זיך עס אָן — יאָ, אַ גרויסע דירע אין מאָסקווע, און אַ מישפּאָכע אַף אַ גאַנצער וועלט, און אַלע פּאָרן אין מאָסקווע, און אַלע ווייסן, אַז סאַרא יעפּימאָווגע, געוועזענע געלבבערג, לעבט שוין אײַנגמאָל גוט, אַז איר מאַן אַרקאַדיע געבעמיעוויטש איז שיר ניט די צווייטע האַנט פון ליענינען, און ער קאָן יעדערן אַ טויווע טאָן. איז מען געפאָרן. אַ טויווע, ניט אַ טויווע, דירע און עסן האָט מען אַפילע ניט געפרעגט. מע איז געזעסן, וויפל מע האָט געוואָלט, און אָפּטמאָל האָט מען! נאָך אַף הויצאָעם-האַדערער באַקומען און מע איז מיט אַ באַרויגעז אַוועק.

ער איז ערשט אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו בערלען, געגומען אים פאַר די לאַצן און ווי אַ הונט קעגן פאָרעץ באַווייזן פרײַלעכע כניפע אַף די ציין:

— איר זײַט געקומען לערנען, איך זע דאָך, איר טוט עס ערלעך. איר זײַט אַרומגערינגלט מיט ביכער. נאָר ווילט איר פאַרשטיין דאָס בוך, דאַרפט איר ווײסן דאָס לעבן, ווײַל איך האָב אויך געהאַלטן, אַז איך בוי, איך בין אַ קאָמוניסט. און מאַקע וואָס איז מײַן אַוועע, איך וויל לעבן, מײַן ווײַב באַפרידיקט שטעלן. וואָס? איז דאָס בורזשואַזגע, קליינבירגערלעך? נו, באַווײַזט מיר עפּעס בעסערס, איר'ט מיך ניט אײַנגרעדן. אָן אַ דירע, אָן אַ בענעד איז ניטאָ און קאָן ניט זײַן ניט קיין נײַער, ניט קיין אַלטער שטייגער. אָבער דאָס איז שוין גאָר ניט מײַן זאַך. איצטער זאָגט מען, עס בויט זיך דאָך אַ נײַער שטייגער, מיר וועלן זען. איך האָב אויך געמיינט אַ נײַעם שטייגער, אַ בײַעם. מײַן אַרבעט פאָדערט, איך זאָל אָפּט זײַן אין וועג, מע פירט האַנדל מיט טעריקן, מיט פערסן, אין געשעפט דאַרף מען אויסזען ווי אַ מענטש, אַן אַזיאַט זאָל פאַר דיר האָבן אַביסל דערעכערעץ, אַנעף קריגט מען דאָרט אַלץ ביליק און דאָס בעסטע. מע שמוגלט גרוים מיטן יאַם, אין קעשענע שפּאָרט זיך אָפּ עטלעכע רובל פון הויצאָע, פון מיטאָג. איז קויפט מען דאָרטן אָט אַזאַ גראַנאַט-אַנצוג, אַן ענגלישן שעוויאָט מיט אַ ווײַסינק שטרי-בעלע. כ'וויים, פאַר אַ מוצל טשערוואָנצעס פאָרסטו אַהיים און פירסט מאַטאָ-נעס, אַלעמען מאַטאָנעס, און דעריקער איר, דעם ווײַב, אַן עמעסן העלן באַסטאָן מיט פּערסישן זייד אַף אַן אונטערשלאַק, און אַפּן האַרצן איז גוט. אָפּגעטאָן אַ גרויסע קאָמוניסטישע אַרבעט, און דאָך ביסטו אויך אַ מענטש. וואַרט זי דיך אינגאַנצן אין דײַן הײם, און איר פרייד וועט זײַן דײַן פרייד. וועסט מאָרגן ווײַ-טער פּריש, מוגטער מאַן דײַן אַרבעט...

ווי אַן אָפּגעבריטער הונט, אַזאַ פּאָנעם האָט ער באַקומען.

— טרעפט ניט ליבער, טרעפט ניט! איר וועט ניט טרעפן. איך קום אַהיים און געפין אַ גאַסט, טאַקע אָט דעם פּוילישן טעכניק אין בעקעשע, דער גרויסער אויהעוו איסראָעל — כאַ, כאַ, אַזאַ ראָשע האָב איך גאָר ווייניק באַגעגנט. מיין ווייב טראָגט מיר די סימכע אַנטקעגן:

— אַך, וויפל ער האָט פאַר איר געטאָן אין די ביטערע פּעטליורישע טעג. איצטער וויל זי אים קייפל־קיפלאַיעם גאַסטפריינטלעכקייט אַרויסווייזן. זי מיינט, אַז דאָס וועט אַפילע צונוץ קומען, וואָרום צופיל קוקן שוין אַף דער גרויסער דירע זייערער. אָט דאָס קליין מיטלסט צימערל מיינט זי אים געבן, און דו העלף אים איינאָרדענען זיך. נו, ווי מיינט איר, וואָס טוט מען מיט אַ ווייב, איך זע—עפּעס בלאָע רעדלעך אונטער די אויגן באַקומען, אַ געבעט ליגט אַף איר פּאָנעם. און איך וויל דאָך פרייד, אַ נייעם לעבן, נייעם שטייגער! אַ, ביזט פריי, פרייער פאַר מיר. טו, וואָס דיר געפעלט. איך גיי דיר אַנטקעגן, איך גיי!

— אַזאַ צאָרע, אַ סוינע איסראָעל. וויפל איך האָב אים געפּרואווט איינאָרדענען, איז עס אים ניט געגאַנגען. פּריוואַט וויל ער נעמען אַרבעטן. האָב איך אָט דאָ געמאַכט אַ שטיקעלע טאָעס, וואָס איך טראָג ביז איצטער כאַראָטע. איך האָב אים אַ פינגער באַוויזן, און ער האָט געכאַפּט מיין האַנט... ער האָט געאַרבעט מיט מיין הילף. איך האָב אים אומעטום געהאָלפן עפּענען אַ טיר, און מיין ווייב האָט געשוואַנגערט און געבאָרן אַזאַ מין צווילינג, מיט אַזעלכע קעפּעלעך, וואָס איך האָב זיי פיינט! שליאַכטישע אויגעלעך! ער האָט שוין מיין שטוב געהאַט פאַרלאָזן, אָבער זי האָט ער אומעטום געהאַט, מיין ווייב. און פאָרשנדיק נאָך אים, האָב איך מיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ שפּיאָן, אַ שוואַרצמייעדיקער שפּיאָן!

איך זע, איר גאַרט אַ סאָף, האָט איר אים. איך האָב אים אַרויסגעגעבן, אָבער ער האָט מיך מיטגעשלעפּט. גאָרגישט, דער געריכט האָט אַוואַדע פעסטגעשטעלט מיין אומשולד. אָבער די פּאַרטיי האָט מיך ראַפּטום אַ טאַפּ געגעבן... עך, וועגן דעם אַן אַנדערס מאָל. האָב איך דעם פּאַרטיי־בילעט פאַרלאָרן. בין איך זי אויך פּאָטער געוואָרן און צאָל איר אַלימענטן פאַר פרעמדע דריי קינדער, ווייל זי זאָגט, אַז זיי זיינען מיינע. כע, כע, כע.

— נו, נו, נו, — האָט איצטער שוין געמאָנט, געטריבן בערל קאַזשדאַן, ער האָט געוואָלט וויסן אַ סאָף, ווייל ער האָט זיך ראַפּטום דערמאָנט אַף די ליידנשאַפטלעכע אויגן פון אַ פרוי, וואָס ער האָט אַ פּאָר מאָל אין וואַנע־צימער אָנגעטראָפן — נו, ווייטער, נעענטער צום סאָף!

— ששאַ, — האָט ער ווי אַ גאָנער געשאַקעט און געוואונקען, זי זאָל ניט הערן דאָרטן הינטער דער וואַנט. עפּעס ווי אַ זונען־פלעק האָט אַ שפּיל געטאָן אַף זיין פּאָנעם.

— זי? דאָס איז מיין פרוי. אָט וועגן איר גייט עס. דאָס איז טאַקע אויך יענערס אַ פריינט. פאַרפאָרן צו מיר, ווי אַלע. אָבער דאָס איז גאָר, גאָר עפּעס אַנדערס. אַך, צוליב איר וואָלט איך געוואָלט זיין אַ קאָמוניסט. זי האָט איר טראַ-

געדיעלע. אַ קאָמיוגיסטקעלע, וואָס איז ניט אַריין אין פּאַרטיי, איז געלאָפן זוכן דאָ עמעס און מיך געפונען דעם אָנגעזעענעם קאָמוניסט...

— אָבער צוליב וואָס, זאָג איך, דאַרפסטו דאָס? יאָ, מיר זיינען געפּאָוועס. אַלע טעאַטערס און פּאַרוויילונגס-פּלעצער זיינען פאַר געלט, כי, כי, כי. אָבער זי לאַנגווייליקט. זי גייט איין, איך זע דאָס, און אַז עס קומט אַ יאָנטעוו פון רעוואָליוציע, געפינט זי זיך גאָר ניט קיין אָרט. יאָ, — האָט ער אָפּגעהאַקט ראַפּטום, וועגן דעם, וואָס איז אייך נויגייע. איך האָב צו אייך צוטרוי. איך האָב מיך איבערציינט, אַז איר זייט פון אייער שטאַנדפּונקט זייער אַן אויסגעהאַלטענער, איז ניט מיין שטוב וויל איך אייך עפענען, נאָר אָט דעם אָפּצוים וויל איך אַראָפּנעמען צוליב אייך, ווייל אָט דאָ קאָן מען באַ מיר צונעמען אַ פּיצעלע צימער אינמיטן. איז טאָמער וועט איר עס דאַרפן, וועט שוין זיין פאַרפאַלן, און אַזוי ווערט עס אייער דורכגאַנג און עס קומט אייך אַלפּי אַלע געזעצן.

## XI

געווען איז די לעצטע באַרירטע פּראַגע אַ גאַנץ ערנסטע. איצטער, אַז ער, בערל, איז איין מענטש, מאַכט ניט אויס. גייט ער אַרום, קלאַפּט אָן, מע זאָל אים אַריינלאָזן אין קלאָזעט, אין וואַנע-צימער. אָבער זי וועט האָד קומען, הוואוירקע. און עפשער וועט מאַקע אויסקומען נעמען די קינדער אַהיים, וועט דאָך טאַקע זיין זייער בימער; אויב מע וועט אַט דאָ אַריינעמען אַ מענטשן אין מיטן, וועט שוין אַלץ זיין פאַרפאַלן. עפּעס האָט געפינטלט אין די אויגן אָט די געהערטע געשיכטע פון דאַניעל נעבעמיעוויטש מיט אַרקאַדיע נעבעמיעוויטש. טאַקע אין דערזעלביקער דירע, וועגן זייער אַן ענלעכן איניען, וואָס אים איז דאָך ביז שאָפּל נימעס. ער, בערל, קאָן זיך באַגיין מיט אַלץ. פאַר אים איז דאָ איין זאַך, די זיכערקייט אינעם מאָרגעדיקן טאָג. דער קאַמף און דאָס בויען סאָציאַליזם האָבן אים ליבטיק געמאַכט דעם היינטיקן טאָג, אומעטום און באַ אַלע באַדינגונגען. אָבער הוואוירעלע, די קינדער, עפשער באַקומט זיך טאַקע אַ הייפּעכדיקער רעזולטאַט פון זייער אָרט לעבן? ווייל ער, בערל קאַזשדאַן, וואָס ציט זיך אין די ערשטע רייען פון קאַמף און סאָציאַליסטישן בויען, איז ניט זיכער און קאָן ניט זאָגן, אַז ער שאַפט מוסטערן פון נייעם געזינגד-לעבן. און דאָס גייע, וואָס ער אַליין פירט דורך אין זיין לעבן, איז ניט ער קאָנטראָלירט עס, און ניט דאָס באַפרידיקט, און עס שאַפט אומרו און צווייפל אין זיין האַרצן און עפשער נאָך עפּעס ערגערס? ווייל אויב דער כאַוועער סאָלאָמאָנטשיק, דער ווייסער אין מאַטעמאַטיק, פעלשט אין כעשבן, ווען דאָס גייט אין אייפער-כשאַד, פלוכט ער, בערל, דעם טאָג, וואָס ער האָט צונויפגעפירט הוואוירעלען מיט כאַווירים, וואָס האָבן באַקוועמע דירעס און וואַרטן אַף ווייבער. און ער לייקנט עס פאַר זיך אַליין, און עפשער לייקנט עס אויך הוואוירעלע? און די קינדער פילן עפשער אַ קינע צו זייערע כאַווירים, אָדער צו אַנדערע קינדער, וואָס האָבן ענגערע פאַרבינדונגען מיט טאַטע-מאַמע?..

אין דעם ייִדנס שטוב איז געווען אַזוי אַלץ פעסט איינגעפונדעוועט, ווי בײַ מענטשן, וואָס לעבן יאָרן אַף איין אָרט. דאָ האָט זיך געפילט די שטיקנדיקע לופט פון אַ פאַרמישפּעטן וואוילשטאַנד און דאָס קאַריקאַטורישע טרייסלעניש פון אָט דעם ייִדל איבעם הייניקן טאָג. ווייכע טעפּיכן האָבן דיל און ווענט פאַרדעקט מיט אָפּגעקראָכענער וואַרעמקייט און שטויביקייט. און דאָס ייִדל איז געגאַנגען אַף די שפּיץ פינגער, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט עפּעס אויפוועקן ניט פון זיסן שלאָף, נאָר פון ווייטיקדיקן אומרו. שטיל, אַלפּי סאָד האָט ער באַוויזן — „זעט אָט דאָס צימערל, עס איז מיט אייער צימער צונויפגעבונדן דורך אָט דער טיר און פירט גלייך צו אַלעם נויטיקן, און אַז מע וועט אָט דאָ אַרײַנזעצן אַ מענטשן, בלײַבט אייער צימער אָפּגעריסן, און אַזוי האָט איר אייער דירעלע. פאַרפירט זיך אייער געזינדל, און לעבט געזונטערהייט און לאָזט יענעם אויך לעבן... וואָרום אויסער קלאַסנקאַמף איז נאָך ביטערער, ווען איינעמס פינגער ציען זיך צו אַ פרעמדנס האַלדז. ריוועלע, האָט ער געדופן, ריוועקאַ. קום, ליבינקע. אָט האָסטו אַ צופאַל, טייערע, באַקענען זיך מיט אונדזער געאַכטן שאָכן באָרים סענדעראָוויטש, אָדער מער פאַמיליער, נאָך דיין גוסט וועט ער הייסן פּאָשעט כאַווער באָרים. כאַ, כאַ, כאַ. איך האָב שטענדיק געשטערט אָט דער פאַמיליערישקייט, וואָס יעדער שאַלטיקל קאָן דיר זאָגן: כאַווער אַרקאַדקע. יעדנפאַלס מיין איך, אַז איר וועט צופרידן זיין מיט דער באַקאַנטשאַפט, און איר וועט ביידע ניט מיסברויכן מיט דער פאַמיליערישקייט. כע, כע, כע.

זי איז פון צימער אַרוים אַביסל אויפגערעגט, אירע אויגן — ווײַכלעכע פון אָקאָרשט אָפּגעשווענקטע טרערן, אַ שמייכל אַף אַ פאַרומערט פּאָנעם. עפּעס האָט זי זיך געפילט, ווי אַ פויגל אין אַ זאַטער שטייג. זי האָט אים געדריקט די האַנט מיט וואַרעמקייט פון אַ קאָמיוגיסטן. זי איז אויפגערעגט צופרידן געווען און דאָך ניט געוואוסט פון וואָס אָנהויבן אַ שמועס, האָבן זיך טאַקע ביידע אָנגעקוקט און דערקענט. נאָר ער, דאָס ייִדל, איז געווען אַ דריטער און אַ איבעריקער, האָט מען אים ריידן געלאָזן און זיי האָבן געשוויגן:

— נו, אָט האָסטו דעם כאַווער באָרים, שעם זיך ניט, בעט אים אָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קאָמיוגיסטקע, ער זאָל דיך פירן ערגעץ אין די יאָנטעוו-טעג. אָט דער כאַווער אינטערעסירט זיך זייער מיט אייך, פרויען. ווי איך האָב פאַרשטאַנען, גרייט ער זיך מיט זייער אַ אינטערעסאַנטן פאָרטראַג צום פרויען-טאָג. איצטער, גלויב איך, וועט דיר ניט אומעטיק זיין. איך האָב נאָך ערגעץ נויטיק צו לויפן, פאַרווײַלט געזונט!

נאָך דעם ייִדלס אַוועקגיין איז נאָך ענגער און שטיקנדיקער געוואָרן אין דער שטוב מיט אַלטן מאַסיוון מעבל, וואָס האָט ווי געוואַרט אַף אויפריכטונג, און אַזוי גוט האָט זי געזאָגט, די כאַווערטע ריוועלע:

— קומט צו אייך, האַ? בײַ אייך איז דאָרטן געווים בעסער.

אַזוי גוט איז דאָס געזאָגט געוואָרן. וואָרום בײַ אים איז געווים בעסער געווען; עס מאַכט ניט אויס, וואָס זיין דוואָרעלע הייט ניט די הייט, וואָס זיין בעט

איז ניט פאַרבעט, ווי בײַ אַן אַלטן עקסטערן. עס מאַכט ניט אויס. דאָ קאָן מען עטעמען, האָ קריכט עס, דאָ שפּראָצט עס פון דער ערשט באַפרייטער גליווער דיקער ערד דאָס נייע לעבן. זיינע אָנהויבן זיינען שווער, אָבער גרין און צאַרט איז עס און שמעקט מיט פרילינג־גרינס.

איז זי ווי אַ יונג הינדל מיט אַן ערשט איי אַרומגעשפּרונגען, אַט דאָס מיידל. אַלץ מיט מאָרגנעם נייגיר באַקוקט, באַטאַפּט דאָ אַ בוד, דאָ אַ בילדל, און איר האַרץ האָט פריי געאָטעמט און צו זיין פאָרטראַג איז נאָך צוגעקומען אָט דאָס געשיכטעלע פון אַ כאַווערטע, וואָס רייסט זיך ווי פון קייטן צו אַ ניי לעבן, און וועגן זיינען פאַר איר שווערע, געצווימטע.

אַזוי אומעטיק האָט זי דערציילט, ווי דער אומעט פון יענעם פויגל, וואָס זיצט ניט אויס די אייער און בענקט נאָך זיינע קינדער, וואָס וועלן קיין מאַמע ניט וויסן — און טאַקע, וואָס און ביז ווען זאָל זי טראָגן דעם קאַיען־צייכן אַף איר שטערן פאַר אַן אָפּגעשטאָרבענעם קלאַס? זי האָט דאָך ערשט גאָרנישט, נאָך ווייניקער ווי אימלעך אַרבעטער־מיידל. זי קען גיט אַרבעטן, זי האָט אַ יונג לייב, אַ פּאָנעם, איז זי געצוואונגען צו פאַרקויפן איר יונג לייב. אַלציינס, איז ניט אין גאַס, איז אָט דעם פרעמדן מענטשן, וואָס באָט איר פאַר דעם אַ פיינעם פרייז, און זי וויל בלויז ברויט, אַ דאַך און אַן אַנדער לעבן! איז אָט ער, דער אַרבעטער־קלאַס, איז באַרופן עפענען די טויערן פאַר אַלע געיאָגטע, געדרווידעפּטע, אויך פאַר דער פרוי, וואָס ציט זיך אַהער פון אַ פרעמדן קלאַס!..

ס'איז גוט געווען דערנאָך אין שלאָף כאָלעמען, ווי ער, בערל קאַזשדאַן, דאָס יינגל, וואָס איז געלאָפן פון דער מאַמעס שווערער פאַרנאָסע (קוישן מיט אייער), איז ערשט אָנגעגורט מיט הערשאַפט און געוואורע, און ער איז דער מעמונע איבער די טויערן, וואָס פירן אַלע געפּלאָגטע אין וועלט פונעם פרייעם נייעם לעבן, און אַף זיין מידן קאָפּ פון אָנגעשטרענגטע יאָרן לייגן זיך צוויי מיידל־הענט מיט אַ שוואַרץ זיידענעם פוכל, ביז די עלנבויגן, און אירע ליפּן גאַרנדיקע אַף זיין אויער זאָגן שטיל — איך האָב אַליין געזוכט דעם וועג אין אָט דער פרייער וועלט און ניט געפונען. נעם דו, פיר מיך דורך, וואָרום איך וויל ניט זיין קיין פּילעגעש אין אָט דער בעט פון אַסאַך זינד...

און העל און ליכטיק איז דער טאָג געווען, אָן אַ פּעני־מע פון אַ צווייפל־וואָלקנדל, אַלץ איז געווען קלאָר, לויטער מיט זון באַנאָסן, ווייל בערל קאַזשדאַן האָט ניט נאָר געוואוסט, אַז דער מאָרגן וועט יעדע טרער אָפּטריקענען, יעדעס האַרץ מיט פרייד אָנפילן. ער האָט עס היינט געפילט, געטראָגן עס אין האַרצן, די פרייד פון מאָרגן האָט שוין היינט אין זיינע אויערן געזונגען, ווייל דער, וואָס איז נעכטן גאָרניט געווען, איז היינט אַלץ געוואָרן אַף אַ זעקסטעבילעק ערד, און אויב די ברודער־האַנט ציט זיך אַף אַ נאָרער וועלט, צי קאָן זיך די האַנט ניט אָנהאַלדזן אָן דיין שוועסטער, אָן דיין ווייב מיטן גרויסן אויסגעשריי — קום צוזאַמען קעמפן מיט די מעניעס, וואָס לאָזן דיך ניט זיין מיט מיר גלייך אין פראָלעטאַרישן לאַנד!

באַטאָג האָט די זון געשמאָלצן אין דער געבענטשטער שטאָט, און דער אָוונט האָט אויסגעוואַשענע אויגן געהאַט מיט אַן ערשטן אָנזאָג פון פרילינג, וואָס נאָענט זיך. האָט בערל זי מיטגענומען, די כאַווערטע ריוועלע, אין קלוב אַריין. אין איר באַשיידענעם אָנטאָן מיט גלאַטע געשאָרענע האָר איז זי אים נאָענט געוואָרן, ווי ער וואָלט זי אַסאַך יאָרן געקאָנט. מאָדנע אויגן האָבן זיי מיט אומרו באַנלייט — שפּעטיקט זיך ניט. אָבער זיי האָבן גאָרניט געהערט, זיי זייגען געגאַנגען האַנט אין האַנט, און דאָס מיידל האָט געדענקט איר באַלעבאַטיש צעשראָקענע היים, פון וועלכער זי האָט געהאַט אָפּגעלאָפן אין יענע רוישיקע טעג. און דערנאָך איז שווער געוואָרן אין שטעטל, און באַלעבאַטים זיינען געפאַלן, געשטאָרבן, געלאָפן, געפאָרן און זי האָט זיך לעבן די מאַסן געדרייט און אינדערהיים האָט מען ווענן איר טאַכלעס געטראַכט, און אין שפּייזלער־פאַריין זיינען גויטיקערע טוער צוגעקומען, האָט מען זי פאַרקירצט און יאָרן אירע זיינען איבערגעוואַקסן דעם קאָמיוג, און וואָס איז זי? איז זי געפאָרן אין מאָסקווע צו דעם פריינט דעם קאָמוניסט, וואָס האָט ווי אַ ציגיינער אַפּן יאַריד פאַרמינזעוועט זיין פאַרטיי־בילעט און איז איגנאַנצן אַרויסגעפאַלן פון סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט. האָט ער עפּשער אין איר אַ טרייסט געפונען. אָבער זי האָט יאָרן צעהיצטע געהאַט אין שטעטלשן אָנוואוקס. זי שטיקט דער פוטער פון העלן באָסטאָן און פערסישן זייד, עס פעלט איר לופט אין נעפּישן קאַזעמאַטן!..

# X

פרויען, פרויען פון פאַבריק און פון קאָכטאָפּ אָנגעשטאָפּט דער קלוב. אין ראַטנלאַנד נעמען זיי אַ גלייכן אָנטייל אין ראַטנבויאונג, אין גאַנצן לעבן. איז עס ווייניק. דורך פאַרשיידענע סיבעס, דורך אַלע אָרדענונגען האָט זי, די פרוי, פאַרטראָגן אַהער אירע ספּעציעלע פראַגן, וואָס מוזן געלייזט ווערן. איז עס היינטיקן טאָג, היינט האָבן זיי זייערע פאַרזאַמלונגען. אין זייערע פרעזידיומס זיצן מומעס פון קאָכטאָפּ, פון פאַבריק, פון קאַנצעליאַריע, פון אָט דער היפּשער מומע ביז דער כאַווערטע אין רויטינק טיכעלע, וואָס טראָגט גיט און ווייסט ניט דעם ספּעציעלן פרויען־יאָך. אָבער צוזאַמען וועלן זיי אָט די פראַגע באַהאַנדלען אין פראָלעטאַריש־קאָמוניסטישן גייסט, און אַז ער, דער כאַווער, האַלט דעם פאָרטראַג, רעדט ער ניט, ווי אַ פרעמדער אייצעגעבער, נאָר ווי איינער פון זיי, ווייל דאָס איז זיין פראַגע, וואָס מוז ראַדיקאַל געלייזט ווערן.

אָט אַזוי רעדט ער עס, בערל קאַזשדאַן. נעכטיקע פלאַג—ווי שטעלן בעסער, קאָנקרעטער, לעבעדיקער די פראַגע, איז היינט פאַרשוואונדן. ווייל ניט קיין געשריבענע טעזיסן, נאָר לעבעדיק לעבן האָט אים דאָך פאַרכאַפּט. — פאַרקאַטשעט די אַרבל, כאַווירים, קומט בויען, קומט קנעטן צוזאַמען דאָס נייע פראָלעטאַרישע קאָמוניסטישע לעבן! ווייל אין קיינע אַלטע טוירעלעך האָט מען עס דאָך ניט אַריינגעשריבן. קיינע ביישפּילן האָבן מיר פאַר דעם ניט געיאַרשנט,

אויסער דעם, אַף וואָס מיר פּלאָגן זיך זעלבסט. שאַפן און בויען די בעסטע מוס־טערן, און אויב היינט איז עס נאָך ניט פאַרפולט, איז דער מאָרגן געזיכערט, דער מאָרגן אונדזערער!

האָט מען אים שטורעמיש אַפּלאָדירט, און פון פּרעזידיום האָט עמעצער גערופן: כאַוויירים, לאָמיר באַגריסן אַן עמעסן פּראָלעטאַריער אַ קאָמוניסט, אַ מוסטער פון אַ כאַווער, פון אַ מאַן, לאָמיר באַגריסן!

דאָס איז געווען דוואוירעלע. זי האָט געהאַט אַ שיינענדיק פּאָנעם, עטוואָס מידלעך אין אירע באַוועגונגען. זי האָט געהאַט אַ וואָרט פון פרויען־אָפּטייל. זי האָט גערעדט צום ברייטן אוילעם און געקוקט אַף בערלען, אַף דער פרוי לעבן אים. אַ יונגע פרוי. אין האַרצן האָט זי אים באָכגעגעבן, בערלען. ער וואָלט זייער גערעכט געווען, בערל, ווען ער האָט זי ליב, אָט דאָס יונגע אינטערעסאַנטע מיידל, ווען ער נעמט זי אין זיין שטוב, ווייל אין איר לעבן האָט זי אים צו אַסאַך ביטערע נגעוואַלדן־יוינעס געבראַכט, בערלען, און ער בלייבט אַלץ דערזעלביקער. האָט זי פון פרייד געלאַכט און איבער אירע שיטערע געזונטע ציין האָט זיך קיילעכיק און דריבנע געקייקלט אַ געלעכטער, און אַלע האָבן מיטגעקוואָלן, ניט ווויסנדיק, צי דאָס בינדט זיך מיט דעם, וואָס זי זאָגט, ווייל אירע אויגן האָבן ליכטיק געקוקט; האָט ריוועלע געטראַכט פון בערלען — וואָס קוקט זי אַזוי אַף אים, די רעדנערן? זי קאָן שווערן, אַז אָט דידאָזיקע רעדנערן האָט אים ליב. אויב ניט פון נעכטן, איז היינט געווים — זי קען שווערן. האָט נאָך אייגער אַ דריטער געגראָבן זיין גאָמבע אין מאַנטל־קאָלנער און עטוואָס געשמייכלט און אָט דעם מיידלס זיים. געווען מיט איר מאַסקעם, אַז אָט די רעדנערן האָט אים היינט זייער ליב, בערלען, אַז עס איז זייער מעגלעך, אַז זי וועט נאָך היינט אַוועקגיין צו בערלען אַף אַלעמאָל... איז עפּשער איז זי עפּעס כוישעד, אָט די גייע באַשעפעניש, וואָס וואו האָט עס בערל אַזאַ אַנטיקל געגומען?

נאָך די רעדעס איז געווען אַ קאָנצערט און דערנאָך אַ באַנקעט־טייל מיט טענץ. האָט זי, דוואוירקע, געטאַנצט און נאָר מיט בערלען, ווי היינט ערשט פאַר־ליבטע, און שפּעט אין נאַכט האָט זי בערלען אונטערן אָרעם גענומען און איז ווי אַ מיידל געלאָפן, און ער מיט איר אַזוי באַראַשט, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער האָט מיט זיך אַ פרעמדע כאַווערטע. אַף דער גאַס איז זי אייגע געבליבן, די כאַווערטע ריוועלע, ווען עמעצער האָט איר געזאָגט — קוקט זיך נאָר צו, דאָס זיינען מענטשן, וואָס איין מאָל פאַרליבן זיי זיך, אַנטציקן זיך מיט דעם אַף אַ גאַנץ לעבן. איז ער, נאָסן, מיט איר געגאַנגען, וואָרום דער שווייצאַר וועט שוין אַלציינגם זען, אַז ער קומט אַליין אַהיים, איז פאַרוואָס קומט אים אַ גאַנץ צימער, ווען אַזויפיל כאַוויירים פעלט וואו צו לייגן אַ קאָפּ? האָט ער געקוקט אין פּראָפיל אַף אָט דער יונגער כאַווערטע, וואָס איז ערשט געגאַנגען ווי אַף פרעמדע פיס און דערמאָנט האָט ער זיך, אַז איינגאַנצן האָט ער זיין קליין ווייבעלע גע־וואוסט אַ וואָך. עפּשער האָט זי זיך צעוואַקסן הויך און מיט פּאַרטמען ווי אָט די אָ? און צוויי יאָר האָט זי איר גאַרן געזאַמלט פאַר אים דעם פּראָלעטאַריער

פון וואַרשטאָט, וואָס פילט די שווערקייט פון בויען דאָס נייע לעבן. אָבער פאַר־וואָס איז פון איר גאָרנישט ניטאָ? פאַרוואָס שווייגט דער כאַווער, וואָס איז באַ דער גרענעץ פאַרבונדן מיטן אונטערערד פון יענער זייט גרענעץ? ער האָט אים בריוו געגעבן פאַר איר, זאָל זי קומען. ער איז מידלעך, ער וויל שוין ערנסט פאַר־נעמען זיך מיט זיין זון, דעם סאַמע זיכערסטן אומבייט.

זי האָט אים געלאָזן טראַכטן, דאָס מיידל. איר מאָרם האָט זיך מידיק גע־וויגט ווי אַף פרעמדע פיס, און דער קאָפּ איז ווייט געווען, און ניט באַמערקט ווי זי רייצט מיט דעם אין האַלבער נאַכט זוכנדיקע פאַרשויגען. האָט ער זי דע־ריבער אונטער דער האַנט גענומען, האָט זי ניט געווידערט. זייגען זיי גאַס־אויס, גאַס־איין געגאַנגען, און ראַפּטום האָט זי אַ ציטער געטאָן, אַ וואָרף געטאָן זיך נאָך אַ קליין מענטשעלע, גערופן אים — אַרקאַדיע נעכעמיעוויטש! אָבער ער האָט גאָרניט געהערט, ער איז געלאָפן, ווי אַ דולער, ווייל צוויי שאָ דולע האָט ער, אַרקאַדיע, הינטער דער דינער וואַנט פון זיין שאָכן דורכגעמאַכט. ווייל זיין ווייב, וואָס ער האָט זיין שאָכן פאַרטרויט, קוועלט עס מיט אים אַזוי הויך, קושט זיך מיט אים און טאַנצט מיט אים אומפאַרשעמט. גיין, גיין, ער האָט דרייטלעך געהערט, ווי זיי גרייטן זיך אין בעט אריין אַפילע, ווי דאָס בעט האָט זיך גע־בראָכן אונטער זייער פרייד... איז צי האָט ער געקענט בלייבן אין שטוב, אַז ער זאָל דאָ עפּעס אַ פאַרברעכן ניט באַגיין. אַרומגיסן די ווענט מיט נאַזע און אונטערצינדן, זיי זאָלן ווי צוויי האַלעוועשקעס בלייבן אין זייער פריידיק בעט...

אין די גאַנצע מידקייט פון דעם מיידל ריווע נעלעם געוואָרן. איז זי געלאָפן צו איר היים, זען, וואָס דאָרט האָט געטראָפן. האָט זי בלויז די טיר געפונען צוגעשלאָסן. האָט זיך אין איר קאָפּ גאָר ניט איינגעלייגט די סיבע — וואוהין און וואָס איז ער, אַרקאַדיע נעכעמיעוויטש, געלאָפן? איז זי געזעסן אַף דער שוועל און ניט געוואוסט, וואָס טוט אַ מיידל, וואָס האָט געזוגטע הענט און פיס? ניט שוין איז זי מעכויעוו בלייבן אין בעט באַ אַרקאַדיע נעכעמיעוויטשן אַף גאָלער פויגלמילך, וואָס ווער ווייס פון וועלכן ער מעלקט עס? איז לעבן איר אַ מענטש געשטאַנען. אים איז גאָרניט אָנגעגאַנגען, צי זי האָט אַ מאַן, צי זי האָט אַ טאַטן אָט דאָ אונטער דער פאַרשלאָסענער טיר. האָט ער זי גערופן — קומט, איך האָב אַ שטוב, איך האָב אַ ליידיק בעט. ביז מיין קליין ווייב וועט קומען, איז עס פריי. קומט.

איז זי אַוועק מיט אים אין זיין בעט.

## XI

מיט דעם אַפּדערנאַכט פון פרויען־אָוונט האָט זיך נאָך פעסטער פאַרקניפּט דער ראָמאַן צווישן בערלען מיט דוואוירעלען. באַזונדער ברוינזנדיק איז געוואָרן איר ליבע, ווי נאָך קיינמאָל אין לעבן, און געזעטיקט און באַפרידיקט ביז געגנוג בערלס אייביק בענקענדיקע ליבע צו דוואוירעלען. איצטער איז נאָך פולער גע־וואָרן דער צופלוס ענערגיע צום לערנען. מיט אַרבעט זיך גרייטן צו נייער אַרבעט.

ס'איז שוין נאָך ניט פרי געווען, ווען בערל האָט אָנגעקלאַפּט צו אַרקאַדיע נעבעמיעוויטשן אין דירע אַריין. ער איז גוט אופגעלייגט געווען בערל אין דעם=האָזיקן פרימאָרגן מיט דוואָרעלעס קומען. ער האָט מיט ליכטיקע אויגן אַ ליב=טיקע וועלט געזען. געפינט האָט אַליין אַרקאַדיע נעבעמיעוויטש, אָבער בערל האָט אין זיין אופגעלייגטקייט ניט נעקאָנט באַמערקן אַז דאָס צעקנייטשטע פאַר=מאַטערטע פּנעמל, אַז די צעשראָקענע אויגן, וואָס קוקן אַף אים פון אָט דעם ייִדעלע:

— אָט ווענן דעם, וואָס איר האָט מיר נעכטן פאָרגעשלאָגן. איך האַלט, אַז דאָס איז טאַקע פאַר מיר זייער וויכטיק. און מע דאַרף עס ניט אָפּלייגן אין לאַנגער באַנק, ווי מיינט איר? איך קאָן דאָס אַליין מאַכן, ווייל דאָס גאַנצע אָפּצוימל איז געבויט אַף אַ היגערש פיסל. כאַ, כאַ, כאַ. דוואָוירקע, האָט ער גערופן, דוואָוירקע, קום נאָך אַריין אַף אַ מינוט, וועסטו זען, ווי דאָס פּיצעלע צימערל שליסט זיך מיט אונדזערן און מיטן קאָרידאָר. און מיט דער האַסקאָמע פון אונד=זער געערטן באַלעבאָס קאָנען מיר עס גלייך פאַרנעמען.

האָט בערל ווידער ניט באַמערקט, ווי באַ אַרקאַדיע נעבעמיעוויטשן קאַט=שען זיך אונטער די פּיס, און דער קאָפּ צעטראָגט, און די אויגן קוקן צעטומלט אַף אָט דער, וואָס הייסט דוואָוירקע, און וואָס קוועלט, און רוקט אים אַ האַנט, און איז צופרידן: — דאָס איז טאַקע זייער, זייער וואויל. האָט ער מיט אַ הענטל געפּרעסט זיך דעם שטערן, וואָס ווערט שיר צעשפּרונגען, און די ליפּן האָבן פיבעריש געפּלאַפּלט — איז וואו זשע איז מיין ריוועלע, וואו?..

זיי האָבן זיך אַף אים אומגעקוקט. נאָך ער האָט זיך איינגאַנצן געטרייסלט. פאַרמאַכט די אויגן — ניט גוט. האָט ער געקרעכצט, און ווען זיי האָבן אים אונטערגעהאַלטן און געפירט אים אין שלאָפצימער, אַריינגעלייגט אים אין בעט אַריין, האָט ער שטאַרק געקרעכצט און געבעטן: איז וואו זשע איז זי, מיין ריוועלע?

האָבן זיי ניט דערוויזן זיך אַפילע אומקוקן, איז דאָ ריוועלע געשטאַנען. זי האָט צעשראָקן געקוקט, וואָס די טיר שטייט אָפן, ניט פאַרריגלט, און וואָס פרעמדע מענטשן פאָרען זיך מיט אַרקאַדיע נעבעמיעוויטשן. וואָס איז געשען די נאַכט, און ווען איז ער געקומען, און וואָס קומט מיט אים פאָר?

אָבער קיינער האָט דאָ דעם צווייטן ניט פאַרשטאַנען. בערל האָט פּאַשעט דערקלערט — זיי זיינען דאָ אַריין זיך דורכשמועסן מיט אַרקאַדיע נעבעמיע-וויטשן וועגן צענעמען דאָס ווענטל, איז האַפּטום אים ניט גוט געוואָרן. דאַרף מען שיקן נאָך אַ דאָקטער.

אַ דינסט, וואָס קומט אַף טאָג=אַרבעט, איז געקומען, האָבן שוין די פרעמדע געקאָנט אַוועקגיין. איז די דינסט געלאָפן נאָך אַ דאָקטער, אָבער מיט איין דאָק=טער איז מען שוין ניט אָפּגעקומען, ווייל מיט אַרקאַדיע נעבעמיעוויטשן איז געווען שלעכט. אַ קאָנסיליום דאָקטוירים האָט פעסטגעשטעלט אַ פּאַראַליטש אין דעם לינקן טייל גוף פון אַ שטאַרקער נערוון=צעטרייסלונג. איז שוין פאַרגעסן

געוואָרן אַלץ, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין דער נאַכט. ווייל אַסאַך שווערע טעג און נעכט זיינען דאָ אָנגעוואַקסן מיט דער קרענק. און אַז דאָס האָט זיך אַביסל איינגעשטעלט, האָט שוין אַרקאַדיע נעכעמיעוויטש זיך געכאַפּט אַף זיין גע־מאַכטן טאָעס, אָבער פֿאָרט וואו האָט זיך גענומען ראַפּטום צום כאַווער באָרים אַ ווייב, און וואו האָט זיך ריוועלע אַזוי שפּעט פֿאַרהאַלטן און באַ וועמען גענעכ־טיקט? דאָס אַלץ האָט ער געוואָלט וויסן, אָבער איר פּאָנעם איז געווען היפּש פֿאַרענדערט, אומעטיק, און פֿאַרביטערט, און היפּש איבערגעגעבן אים, דעם קראַנקן. האָט ער געוואַרט ביז זי וועט אים אַמאָל אַליין דערציילן. און זי האָט גאָרניט פֿאַרשטאַנען, וואָס וואוהין איז ער געלאָפֿן אין דער נאַכט, אָבער רעגן האָט זי אים ניט געוואָלט מיט פֿראַגן, און צו וואָס? עפּעס אַ נימעסע שווערקייט האָט זיך געצויגן אין אָט דער שטוב, ווי עפּעס וואָלט דאָ געוואַרט אַף אַן אומגליק.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען אַהער מענטשן, — מעוואַקערכווילע זיין, האָט עס געהייסן. געווען זיינען די מענטשן אי פּיצלעך, אי הויכיקע, אי גראָבינקע, אי צווייגאָרנדיקע, עפּעס האָבן זיי זיך דאָ אַריינגערוקט מיט אַ זייט און זייער איידל און זייער פּיין, נאָר מיט אַ קוועטש אין די ביינער, מיט אַ מין פּינטעלע אין די אויגן. איז האָזעדיק געווען דאָס פּינטעלע. דרייסט און שרעקיק און קריכנ־דיק און קלעפּיק.

האָבן זיי זיך באַ דעם קראַנקנס בעט געאַמפּערט, און געסוידעט און גע־אייצעט און באַ זייער קומען האָט דער קראַנקער מיט אַ קאַוואָנע זי אַרויסגע־שיקט פֿון צימער, און נאָך זייער אַוועקגיין איז ער אַליין פֿון בעט אַראָפּגעקראָכן און ערגעץ באַ דער וואַנט זיך געפּאָרעט, און אומרואיק זיך צוגעהערט, און שלעכט געשלאָפֿן...

איינמאָל האָט ער איר געהאַט מיטצומיילן וויכטיקס. ער האָט אַפּילע געהייסן פֿאַרמאַכן פֿעסט די טירן, די דינסט זאָל קיין וואָרט ניט הערן:

— דו ווילסט, דו האָסט כיישעק, ריוועלע, פֿאָרן קיין אויסלאַנד? נאַרעלע, איך זע דאָך, אַז דו גייסט דאָ איין, ווי אַ ליכט, ניין, דאָ איז אין קיין פֿאַל קיין לעבן נישטאָ. מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט, מיר, וואָס האָבן דאָס לעבן געשטעלט. מיך וואָס וואָלט עפּעס געקאָנט טאָן, האָט מען אויסגעריינקעט. באַלאַסט, וורעדנער עלעמענט, און מיט נאָך אַזעלכע טיטולן האָט מען אונדז געבענטשט, און ווער איז פֿאַרבליבן? כאַווער באָרים קאַזשדאַן, אָט דער שפּרינגער, וואָס קריגט ראַפּטום אַ ווייב, ווי פֿון הימל אַראָפּ. ער וועט דאָס בויען דאָס לאַנד און אַלץ וועט ווי אין אַ שמאַרקן טשאַד אויסגיין...

ער האָט זיך פֿאַרהוסט, קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם:

— אַך, קינד מיינס, דו גייסט דאָ איין, דאָרטן וועסטו אויפֿלעבן, דאָרטן וועסטו זיך צעוויקלען ווי אַ שיינע בלום.

אויסער אָט דעם פֿאַרביקן לאָשן האָט ער, אַרקאַדיע נעכעמיעוויטש, געהאַט אַ פּאַרטיקן פּלאַן. מאָרגן וועט מען דאַרפֿן צונויפֿרופֿן אַ קאָנסיליום, וואָס וועט

געווים אים געבן אַ ציינעניש, אַז ער מוז עקסטרע זיך היילן אין אויסלאַנד. אַף דעם סמאַך וועט ער גרינג באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַס און אַ וויזע אַף אַרייִנ־פאָרן אין בערלין, וועלן מיר זאָגן. זי וועט אים באַגלייטן, און דאָס איבעריקע האָט ער שוין גענומען פאַרזאָרגן. וועגן דער דירע וועט ער אויך איינאָרדענען, ער וועט פאַרקויפן מיט האַק און פּאַק, און זיי וועלן זיך דאָ באַזעצן קלוימערשט היטן זיין דירע מיט זיין באַלעבאַטישקייט. ער פאָרט דאָך נאָר אַף עטלעכע כאַדאָשים.

איז אָט פון דעם אָ איז ריוועלען געוואָרן טונקל, מיט רעדער אַרום די אויגן. עפּעם אַ מענטש האָט אָנגעהויבן קומען אַלע טאָג און אויסגעזען האָט ער אָט דער מענטש ווי אַ מויז, וואָס מע שלעפּט אַרויס פון זויערמילך. אויגן האָט ער געהאַט רויטינקע, וואָס געלאָפן זיינען זיי אַף אַלע זייטן. איז אָט דער געפעש האָט עם אָנגעהויבן טאָן און שטאַרק אַ רוק געטאָן שוין פאָרויס די זאַך פון פאָרן — מיט דאָקטוירים, מיט אַ ציינעניש, מיט אַן אויסלענדישן פּאַס, מיט מענטשן פאַרשיידענע, וואָס זיינען געגאַנגען קויפן די דירע. און זי, ריוועלע, האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען און איז איבער די גאַסן געלאָפן ווי אַ פאַרטשאַדעטע און האָט געזוכט אַ שטיקל רעטונג: וואוהין אַנטלויפט מען פון דעם פאָרן?

## XII

זי האָט איינמאָל אין די גאַסן באַגעגנט נאָסן האָניקשטיינען. ער איז געגאַנגען מיט אַ צעוויקלטער צייטונג און געלייענט. די ברייטע לעפּלען פון זיין נאָז האָבן געגראָבן אין די באַקן־קנײטשן און געשפּילט אין שמייכל. האָט ער זי ניט באַ־מערקט, און זי האָט אים זייער געגלוסט אָפּהאַלטן, אָט דעם כאַוווער, וואָס אַזוי צופעליק האָט זי זיך מיט אים באַגעגנט. אין יענעם אָוונט פון פרויען־טאָג האָט זי אַף זיין בעט זיך אויסגעשלאָפן און אַז זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי אים ניט געפונען, נאָר אַ צעטעלע אַפן טיש, אַז דעם שליסל קאָן זי לאָזן אין קאָרידאָר אַף אַ משוואָק. האָט זי אַזוי געטאָן און מער אים ניט געזען, און דאָך דאַכט איר, אַז דער כאַוווער איז איר נאָענט, אַז דער כאַוווער קאָן איר געבן די ריכטיקע אייצע. האָט זי זיך נאָך אים געלאָזן, אָבער איר אָטעם האָט ניט געקלעקט לויפנ־דיק, אַזוי פלינק איז ער געגאַנגען, און איר האַרץ האָט געשלאָגן באַ יעדן הויף, באַ יעדער פראָנט־טיר, טאָמער גייט ער אַריין. און מאָרגנע, זי ווייס דאָך אפילע ניט זיין נאָמען. זי האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז זי ווייס ניט קיין נאָמען, ניט קיין פאַמיליע. אָט שטייט ער לעבן אַ פאַראַדנע טיר, און זי דערקענט דאָס הויז. אָט דאָ וואוינט ער, וועט זי קאָנען קלינגען. אָבער ווי וועט זי פרעגן. אָט איז זי שוין אין פאַראַדנע. זי געדענקט, אַז דאָס איז זייער הויך, און די מאַשינע אַרבעט ניט, און דאָס האַרץ זעצט. זי הערט, ער גייט ערגעץ פּאַמעלעכן אַף די טרעפּ. האָט זי צום ערשטן מאָל אַזויפיל קראַפט דערפילט, געלאָפן אַף די טרעפּ און גערופן — כאַוווער פון זיבעטן שטאָק! וואַרט צו אַ רעגע, כאַוווער! איז ער פונקט,

נאָסן, געשטאַנען בײַ דער טיר, געהאַלטן גרייט דעם שליסל, ווען ער האָט אַ קאָל דערהערט, און געדאַכט האָט אים, אַז דאָס רופט אים דער קאָמענדאַנט, וואָס האָט אַ קאָל פון אַ ייִדענע און האָט אַ טעווע פאַרגעסן זיין נאָמען, און רופט אים — כאַווער פון זיבעטער דירע. אַנומעלטן האָט ער אים צו זיך אַריינגערופן און האָט זיך מיט אים זייער פיין געוויצלט — ער ווייס, אַז דאָס ווייבל, וואָס איז דאָ פאַרשריבן געווען, איז אַ געבאָרגט ווייב, אַז אַזעלכע קאָן ער אים אַלע טאָג צושטעלן. אָבער ער איז אַ קאָמענדאַנט, און מע רייסט פון אים פאַסן, ער זאָל געבן כאָטש וואו אַ קאָפּ צושפּאַרן. איז אייצעט ער אים, לאָזן דעם שליסל, אַנדערש וועט ער געצוואונגען זיין עפענען די טיר אַליין און זאָל ער אים לאָדן.

ער האָט גוט געוואוסט, נאָסן, וועמעס צאַד ער געמט זיך דאָ אָן, אַז דאָס גייט אַלץ וועגן אַ דירעקטער, מיט וועלכן ער, נאָסן, איז אין אַ פּרינציפּיעלן קריג אַריין. — נו, מיילע, האָט ער דעם קאָמענדאַנט געזאָגט — דעם שליסל וועל איך ניט לאָזן, ווייל מיין פרוי דאַרף דאָך קומען, און אַז מע וועט זיך דאַרפן לאָדן, איז לאָדן. ערשט האָט ער בײַ דער טיר אַף אָט דעם קאָמענדאַנט געוואַרט ניט אָן אַמביציע. ער איז אים גרייט געווען עפּעס בײַווייזן אין ציישונג, וואָס עס רעדט זיך וועגן קאָרעספּאָנדענטן: — אַז זיי זיינען ניט קיין רעכילעסניקעס און אַז דאָס, וואָס ער, נאָסן, האָט אונטערגענומען, העלפט אויך צו שאַפן די אַלפאַרבאַנדישע אַרבקאָרן־נעץ, ווי דאָס זאָל אַ פּאָר באַלעבעסלעך ניט שמעקן...

אָבער עפּעס צו לאַנג איז אויסגעקומען צו וואַרטן, האָט ער זיך איבער פאַרענטשע איבערגעבויגן און גערופן פלינקער, כאַווער קאָמענדאַנט! עפּעס האָט שווער געטעמט אונטן אַף די טרעפּ און קוים געקראָכן. איז ער אַראָפּ אַנטקעגן און אַף קנאַפּ באַלויכטענע טרעפּ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף אַ פרוי.

— דאָס בין איך, האָט זי געזאָגט, און איר האַרצשלאָגן האָט צו זיין אויער געגרייכט. רוט זיך אָפּ, האָט ער געזאָגט, ניטווויסנדיק מיט וועמען ער האָט עס צו טאָן. האָט אַ פּאָנעם עטוואָס געשמייכלט. איך בין אייך שטאַרק גאָכגעלאָפן, כאַווער. איך האָב פאַרגעסן אייער נאָמען און וואָלט ניט געוואוסט ווי פרעגן צו אייך, אַנטשולדיקט.

ער האָט זי דערקענט: — אַך, איר, כא, כא, איך האָב אויך פאַרגעסן אייער נאָמען, אָדער גיכער האָבן מיר זיך דעמאָלט פאַרגעסן אָנרופן די נעמען. איר זייט זייער צעטראָגן געווען, און איך, דעם עמעס זאָגנדיק, האַלט ניט פון צעטראָגנקייט, ווי פון צופיל איבערגעלייגטקייט. קומט, איצטער וועלן מיר די זאַך פאַריכטן. איך הייס נאָסן האָניקשטיין און איר? ריווועלע ברוק? איז שוין גאַנץ נעגוג. קומט, איך בין ערשט אין אַ מונטערער שטימונג.

אָבער די שטימונג נאָסנס האָט נאָר געקלעקט ביז דער טיר פון זיין צימער, ווייל אין וואוינונג איז ליכטיק געווען און די טיר איז אָפן געשטאַנען. אַנטקעגן דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ היפּשער ייִד מיט נאָך אַ היפּשערער באָרד, מיט נאָך אַ גרעסערן צעצויגענעם שמייכל, מיט לאַכנדיקע אויגן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פאַרטעך און שטאַרק פאַרמעליקט מיט אַ היפּשער קאַטשעלקע

אין די הענט און פון טיש איז האַלב אַראָפּגעהאָנגען אַ היפּשע בלאַט לאָקשן. אַף אַ בענקל האָט געראַשט אַ פּרימוס און עפּעס האָט געקאָכט זיך און געדאַמפּט אין שטוב, אַז דאָס לעמפּל האָט זיך געטוקט אין דאַמף, און אַ טונקל ליכט געגעבן.

פון ווען אָן זייט איר עס דאָ אַ שאָכן? — האָט נאָסן געפרעגט. און דאָס פּאָנעם מיט דער באָרד, מיטן פאַרטעך האָט געקוואָלן: — פון נעכטן אָן, איר זעט, איך האָב שוין דאָ מיין מאַטראַץ און שלאָף אַזוי אָן אַ בעט דערווייל. כאַ, כאַ, כאַ. זעצט זיך — האָט ער זיך געכאַפּט — וואָס שטייט איר? — האָט ער זיך געלאָזט דערלאַנגען אַ בענקל און באַפרייען אַ צווייטס פון אונטערן פּרימוס— זעצט זיך, וואָס שטייט איר? איר וועט שלאָפן דאָ, זייער פיין. איך האָב נעכטן שפּעט געוואַרט אַף אייך.

איז זי געזעסן, ריוועלע, און ער, נאָסן, האָט עפּעס אין אַ זייער קאָמישער פּאָזע אומגעשפּאַנט איבערן צימער, און דער ייִד האָט גלייכצייטיק געבראָקט לאָקשן, געמישט דאָס טעפּל און פאַרזוכט און געשמאָקעט מיט די ליפּן.

— אך, אַ טאַם, — איר הערט, איך וועל אייך באַלד, ראַמעלע, מעכאַבעד זיין מיט אַ זופּ, וועט איר מודע זיין, אַז דאָס איז אַ מאַיכל, אַ קאַפּאָרע אַלע ביפשטעקסן מיט ווערעמדיקן ראָסלפלייש, פון וואָס מע לעבט זיך אָן אַ קאַטאַר מיט אַ קרעפּס צוזאַמען. איר זעט, האָט ער אויסגעשטעלט די ברוסט, אָט בין איך שוין צוואַנציק יאָר אַ וועגעטאַריער און קוקט מיך אָן, קיינמאָל ניט געקרענקט.

און איידער נאָסן האָט זיך אויסגעקליבן נאָך עפּעס צו זאָגן, האָט דער ייִד געכאַפּט אים פאַר אַ האַנט און געשלעפּט אים צום טיש — ער מוז מיט דער ראַמעלע פאַרזוכן די זופּ: לאָקשן מיט שוועמלעך מיט אַ שטיקל ריב און אַ מע-רעלע און נאָך, נאָך. און נאָסן האָט אויסגעפּלאַצט אַ געלעכטער, וואָרום אינדער-עמען איז דאָס אַן אַרבעטער, וואָס דאַרף אַ דירע, ער זאָל נאָך דער אַרבעט האַנאָע האָבן פון זיין זופּ. האָט ער, נאָסן, די באַווערטע גענומען פאַר דער האַנט:

— וועגן וואָס טראַכט איר? עפּשער וועגן דעם, אַז אָט דער וועגעטאַרישער זופּ קאָסט ביליק און איז געשמאַק, און מע קען שוין אַוועקלייגן דאָס געווער, און צעקושן זיך מיט דער וועלט? כאַ, כאַ, כאַ, — האָט ער געלאַכט און זיינע אויגן האָבן זיך צעברענט, — ניין, איר זעט דעם וויץ איבער מיר, דאָס איז לויטן געזעץ. אָט אַזוי טוט אַלץ לויטן געזעץ דער סאַבאַטאַזשניק, דער ביוראָ-קראַט, וואָס זוכט זיך ערשט איינצוגעסטיקן אין אונדזער ראַטנלעבן און אַלץ לויטן פּינטעלע געזעץ.

און ערשט לעבן דער שוועל, ווען זי האָט געהאַלטן באַם אַוועקגיין, האָט ער זיך דערמאָנט און געפרעגט, וואָס זי שווייגט אַלץ. הערט, איר האָט אַ מאַן, אַ היים, ווען האָט איר? איך האָב זיך דאָך מיט אייך באַקאַנט דאָרטן אין קלוב, ווי מיט בערלס אַ באַקאַנטע, ניין?

האָט זי אים גאָרנישט געהאַט צו זאָגן, ווייל איר האַרץ איז פאַרגאַנגען.

— מאָרגן וואָלט איך אייך וועלן זען. איך האָב אייך עפּעס וויכטיקס צו זאָגן. אירט זיין אינדערהיים מאָרגן איבערן?

האָט ער זיך דערמאָנט אַפּן ייִדן מיט די לאָקשן, מיטן פּרימוס און האָט עפּעס אַזוי ניטווילנדיק געזאָגט: — נו, קומט צוגיין מאָרגן, איך וועל וואַרטן.

## XIII

ביין, ניט אויסגעקומען איז ריוועלען ברוק צו גיין אַף מאָרגן צו נאָסענען, ווייל די האַרבע פראַגע וועגן אויסלאַנד, וואָס האָט זי געפּלאָגט, האָט זיך נאָר אַף אַן איינגאַרטיקן אויפן פאַרענטפערט, טאַקע נאָך אין דערזעלביקער נאַכט, וואָס ריוועלע איז פון נאָסענען אַוועק מיטן געדאַנק, אַז מאָרגן וועט זי נאָסענען אופדעקן איר ביטער האַרץ. איגדערהיים איז באַזונדערס אומרואיק געווען. אַרקאַדיע נעכעמיעוויטש האָט זיך עפּעס גערעגט, געקוקט אַף איר מיט כשאַד, וואָהין האָט זי צו אַרומגיין דאָ אַזוי לאַנג און אים לאָזן אַ קראַנקן אייגעם אַליין.

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען דאָס טיר-גלעקל האָט שוין צו האַסטיק נערוסן. אַרקאַדיע נעכעמיעוויטש האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און האָט פאַרברענט אַ פּאָר קוויטעלער, געהייסן צונעמען דאָס ליכט, האָט ער ווי אַ קאַץ פאַריבן נאָך זיך דאָס אַש, מיטן לייַלער געפּאָכט, צעטריבן דאָס רויך, און ערשט דערנאָך געהייסן עפענען. האָט זי געעפנט און ניט אָריענטירט זיך, וויפל מענטשן עס זיינען געקומען. האָט מען זי באַזייטיקט און נאָר געפרעגט זי וואו געפינט זיך די צירונג אירע, וואָס אַרקאַדיע נעכעמיעוויטש האָט פאַר איר געקויפט פאַר זייער אַ גרויסער סומע. האָט זי זיי גאָרנישט געוואוסט וואָס צו זאָגן, און אַז זי האָט עפּעס יאָ געוואָלט צוגעבן צו דעם, האָבן זיי זי שוין ניט געהערט. האָט עס ביזן גרויסן טאָג געדויערט די זוכעניש. און מיטן גרויסן טאָג האָט מען אַרקאַדיע נעכעמיעוויטשן זייער פאָרזיכטיק אַרויסגעטראָגן אין אַן אַווטאָמאָביל, און מע איז אַוועקגעפאָרן. איז זי אַליין געבליבן און גאָרנישט האָט זי ניט געפילט אין איר האַרצן, אויסער אַ שטיק פאַרגליווערט אייז, וואָס איז דאָרטן צערונען, און אין קאָפּ האָט אַ בליץ געטאָן אַ פּיצעלע פרייד. אין זיין אויסלאַנד וועט זי דאָך שוין ניט פאָרן...

האָבן אין יענעם טאָג אין שניידערייַ-פאַבריק מאַטאָרן זייער זאַכלעך גע-פריידיקט וועגן פלינקן אינטענסיוון באַוועג, וואָס איז נויטיק און נוצלעך פאַרן גייעם לעבן און פאַר זיין אייביקן דויער. זיינען מענטשן מיט קעפּ און מיט הענט אין מאַשינעס געלעגן. פּוסטראָט האָט אויסגעדריקט עלעקטרישן שטראָם ביז לעצט. האָבן ציין פריילער געביסן און גאָרל שטרענג האָט נעקייט אַ מאַיסע, איבערגעריסן און ווייטער, ווייטער דערציילט, שערן האָבן עס אונטערגעכאַפּט אַף זייערע קלינגענדיקע שאַרפן און האָבן צוגעפייפט אין די הענט באַ צוגלייכערס, באַ קעשענעס-אויפהאַקערס, באַ בּרעגן באַשניידערס. פּרעסן האָבן געטשמאַקעט,

געקושט זודיק אַ גאָסן פֿאַרע־טור און נאָדלען באַ האַנט־נייערס האָבן אויסגעפּיקט אין גלאַנץ אַלעמענס קאַזאָנע. וואָרום מאַמאַרן זיינען זיך מיט אַ קווייטש פֿאַרגאַנגען און אָפּגעשמעלט זיך, איז קלאָר געוואָרן אַ נייס, אַז פּלינקיים, אינטענסיווקייט האָט גוייוער געווען אַ מינוס פֿון אַ רובמשיק אין אַ קעשענע.

גאָסן האָט אַ שמאָך ניט פֿאַרענדיקט דערפֿושעווען אין לאַץ. היינט האָבן זיך צו אים אַסאַך אוינן געצויגן, באַגריסט אים מיט זיג, ווייל היינט איז שוין דאָ אין פֿאַבריק אַ נייער דירעקטער. האָט ער עס, גאָסן, ניט גענומען אַף זיין כעשבן. דאָס האָט די פּרעסע די פּראָלעטאַרישע האַשגאָכע געטאָן, ווייל ניט אין אייגעם אַ דירעקטער גייט עס, מיר לערנען זיך פֿירן די ווירטשאַפֿט און מיר זוכן אונדזערע פֿעלערן. אָבער אין זיך האָט גאָסן געוואוסט, אַז דער דירעקטער איז אים גרייט געווען אין אַ לעפּל וואַסער דערטרינקען. און אַז דער קאָמענדאַנט האָט אים שוין צוגעדינגט מיט לאָקשן און עפּעס גרייט ער נאָך פֿאַר אים. נאָר כוויזעק. גאָסענען האָט נאָך זיין פֿערזענלעכע אומבאַקוועמלעכקייט קיינמאָל ניט געשטערט צו פֿאַרגעסן זיך מיט קאַמף־אַרבעט. אָבער היינט האָט עפּעס גענאָגט אונטערן דיך. כאַווירים האָבן עפּעס געוואוסט און געפֿרעגט אים.

— נו, וואָס גאָסן, דאָס ווייב איז געקומען? זע קאָרשט, ברודערל, צי וועט זי שוין גאָר קומען.

אַ צווייטער האָט געזאָגט:

— אַ הונט מאַכט מען ניט פֿאַר קיין שאַדכן. טאַקע, ווי פֿאַרטרויט מען אַזאַ צוציק, קאַראַסיקן, ער זאָל זי דיר איבער דער גרענעץ אַריבערפֿירן. ביסט דאָך ניט קיין יונגעלע, אויב זי איז אַ ספּריטנע ווייבל, און ער, קאַראַסיק, איז אַלע כוידעש צוריק אַ באָכער.

האָט ער אויך געשמייכלט, גאָסן, אָבער אונטערן האַרצן איז אים עפּעס אָנגעוואַקסן ניט קיין צאַאַר, ניט קיין פֿאַרדראָס, נאָר פּאַשעט אַן אומרו. פֿון די לעצטע יעדיעס, וואָס ער האָט באַקומען, איז געווען צו זען, אַז זי איז שוין צו דער גרענעץ לאַנג אַוועק, און אויב אַלץ איז קעשורע געווען, האָט זי שוין באַדאַרפֿט דאָ זיין. יערנפֿאַלס האָט ער שוין באַדאַרפֿט האָבן ענטפֿער פֿון דעם כאַווער קאַראַסיק, וואָס איז דאָרטן געפֿאָרן באַ דער גרענעץ־שטאָט.

אָבער נאָך, נאָך עפּעס איז געווען, צוליב וועלכן דער טאָג האָט זיך באַזונדערס אויסגעצויגן. אָט די כאַווערטע ריוועלע ברוק, איר אומרו, איר אופגערעגטקייט. וואָס און ווער איז זי? און וואָס האָט זי אים עפּעס צו זאָגן עקסטרע? עפּעס אָנגענעם איז געווען טראַכטן וועגן אָט דעם מיידל, וואָרום אויב זיין קליין ווייבל איז אונטערגעוואַקסן, קאָן זי אַזוי אויסזען, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, און אויגן שוואַרצע אין רעמלעך מיט אַזוי פֿיל געבעט און אומרו. ווער איז זי, אָט די כאַווערטע? געכטן האָט ער זי געפֿרעגט, אַזוי שמייכלענדיק געפֿרעגט, — איז וואָס האָט זי עס אַזוי אופגעבריט, און וואָס האָט זי אים צו זאָגן אַזוינס עפּעס וויכטיקס?

ער איז דאָך אַ גאַנץ רואיקער, נאָסן, פרויען האָבן זיין קאָפּ קנאַפּ געדרייט. און דאָך האָט ער פאַר זיינע נאָענטע פריינט און כאַוויירים געהאַט פרויען. מיט כאַוויירים איז ער שטעכיק, נאָסן, און מיט פרויען אופגעלייגט. ער האָט פאַר זיי אַ גרויסן דערעכבערעץ, און ערגעץ אין האַרצן טראָגט ער שטום אַ דאַנק פאַר יעדער גוטער רעגע. דער פאַרנאַכט האָט אים גאָרניט צוגעגעבן, קיינע נייס וועגן זיין קליין ווייבל. אינדערהיים האָט דער ייִד געפרעגלט לאַטקעס, געלאַכט ברייט אַפן גאַנצן מויל און געמאַכט דעם כעשבן, וויפל דאָס קאָסט און ווי נערעוודיק דאָס איז, און אַז עס וועט אים קלעקן אַף היינט און אַף מאָרגן אַ טאָג. און נאָסן האָט געטראַכט, אַז אין קיך וועט ווערן ביליק און ריין, וועט אָט דער ייִד פאַרנעמען זיין בוימלדיקן צאַרבאַלעכאַיעם און וועט אַוועקוואַרפן זיינע מאַכשירים, וואָס פאַרנעמען באַ אים אַזוי פיל צייט. און אַז דער קלוב וועט ווערן ניט קיין טומל־שטוב, נאָר אַ קולטור־פּלאַץ, וועט זיין פרומער שאָכן היגטער דער וואַנט אַראָפּרייסן זיין נעצקע פון ווינקל און וועט ניט לויפן זוכן דעם טרונק, אַז דער ניכטערער קאָפּ זאָל ניט שווער זיין אפן נאַקן.

אָבער דאָס, וואָס רעגט אַזוי זיין האַרץ און וואָס זיינע אויגן שפּרינגען אי־בער זייטלעך און זעען גאָרנישט, און זיין קאָפּ פרעסט ניט אָפּ דאָס געלייענטע— קאָן דאָך אויך לאַנג ניט דויערן.

זייגען שוין אַסאַך שאָען דורכגעגאַנגען, און אָט די כאַווערטע ריוועלע איז ניט געקומען. דער ייִד האָט שוין אופגעגעסן זיין פּאָרציע לאַטקעס, וועלכע זיינען באַ אים געלעגן אין קופּקעלעך איינס לעבן דעם אַנדערן, אופגעגעסן און האָט צעקעמט זיין באָרד און געלייגט זיך אָפּרוען אַף זיין פרונזשינענעם מאַטראַץ. אין שטוב איז געשטאַנען אַ דאַמף פון געפּרעגלטן, און עפּעס האָט געדריקט אין די שלייפן: אַ דירע, האָט ער געטראַכט, אַ דירע וועט העלפן באַנייען דאָס לעבן. האָט עמעצער געקלונגען צו אים. היגטער דער טיר האָט ער געהערט אַ קווימשיק קאָל — עפּנט, כאַווער פון זיבעטן שטאָק. דאָס האַרץ האָט האַסטיק אַ שלאָג געטאָן. כאָטש דאָס קאָל איז געווען ניט אָנגענעם: זי, גייט. אָבער אין טיר איז געשטאַנען דער קאָמענדאַנט מיט אַ גלאַט פּאָנעם, און אַ ברעקעלע געוויקס, וואָס האָט זיך געשמאָלצן ווי אַ טייגעכץ: — הא, כאַווער, אָט פיר איך אייך אייער ווייב! אָט האָט איר זי! — האָט ער אַרויסגענומען פון אַ פּאַפּקע אַ פּאַפּירל — נאַט, אָט האָט איר אַ מוידאָעלע. מע בעט אייך אין גע־ריכט אַריין צאָלן אַלימענטן, כאַ, כאַ, כאַ.

האָט ער, נאָסן, אַף דעם אַ קוק געטאָן, איבערגעלייענט: — יאָ, אָט די קליינע ביהגערן רופט אים אין געריכט, מאָנט, ער זאָל צאָלן אַלימענטן פאַר זיין געיִדישט קינד. אָבער וואו און וואָס איז זי, די קליינע ביהגערן? ווי קומט זי? און אַף אַזאַ אויפן? און דעמאָלט איז ער לאַנג געזעסן אַף איין אָרט און גע־קרעכצט. און ווען דער ייִד מיט דער באָרד איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים אַ טרייסל געטאָן גוט פאַר דער האַנט.

— וואָס איז אייך? איך זאָג דאָך אַלץ, אַז פלייש שפּאַרט אונטערן האַרצן. היינט וואו איז ראַכמאָנעס?

— אַביסל וואַסער! — האָט נאָסן געבעטן, — וואָרום עס ברענט עפּעס אָט דאָ, עס ברענט.

ער האָט דערנאָך ניט פאַרשטאַנען, פון וואָס האָט דאָס אום דעם אָטעם פאַרכאַפּט, ווי פון אַ שטיקנדיקער באָמבע. עפּעס מאָדנע איז דאָס געווען. אָט דאָס מיידעלע, וואָס ער האָט אַ פּאָר וואָכן געוואוסט און וואָס האָט אים דערנאָך בריוו געשריבן, אַז זי איז זיין ווייב, אַז זי האָט אים אַ זון געבוירן, און אַז די מאַמע אירע האָט דעם זון געייִדישט, ווען ער איז שוין צוויי יאָר אַלט געווען, — אַף אָט דעם מיידל מיטן ייִנגעלע וואַרט ער, ווי אַף זיין ווייב און זיין זון, און אָט שוין אַ האַלב יאָר, אַז ער טומלט זיך וועגן דעם. און ראַפּטום איז זי גאָר דאָ אין מאָסקווע און רופט אים אין געריכט, ער זאָל צאָלן אַלימענטן. כאַ, כאַ, כאַ! האָט ער געלאַכט, כאַ, כאַ, כאַ! אָבער עפּעס האָט דאָך געדריקט אַף זיין געמיט קעגן דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס איז איר רעכט. און דאָך האָט עס געוואָרגן אין האַלדז, כאָטש פאַר אָט דעם רעכט אירן האָט ער אַליין געקעמפט—ער האָט זי ליב? ניין, ער קען זי ניט. אָט די לעצטע נאַכט האָט ער זי אין כאָלעם געזען מיט לאַנגע הענט, מיט אַ זיידן האָריק פוכל, און אויגן שוואַרצע מיט אָנגעגאָסענעם אומרו, און זי זאָגט אים — מאָרגן האָב איך דיר עפּעס צו זאָגן, מאָרגן, האָט ער זי דערקענט און געפרייט זיך מיט איר — ווי שיין, ווי שלאַנק דו ביזט און ווי שוואַרצער זייד רעמלט דיינע אויגן, אַזוי באַקאַנט ביסטו מיר און נאָענט. אָט ערשט נעכטן האָב איך דיך געזען, ערשט נעכטן.

אָבער אַף מאָרגן אין געריכט, האָט ער זי באַגעגנט אינגאַנצן אַ פרעמדע. גאָר ניט יענע, וואָס ער האָט געזען אין כאָלעם. האָט ער באַ איר נאָרניט געפרעגט אַף קיין סיבעס — ווי און וואָס האָט זיך דאָס געמאַכט, וואָס ער וואַרט זי, און וואוהין איז זי געקומען, פאַרוואָס ניט צו אים? און טאַקע, וואָס האָט ער זי צו פרעגן, אַז זי איז דאָך אַ פרעמדע, און אַז צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך באַ געוויסע אומשטענדן פאַרבונדן אַ זיבן טעג, קאָנען זיך צעגיין אין באַזונדערע זייטן. עס וועט קלעקן פלאַץ פאַר ביידן אין גרויסן ראַטנפאַרבאַנד, עס וועט קלעקן. האָט דער געריכט ניט געזוכט און ניט געגראָבן זיך אין דער נעשאָמע און געפּאַסקנט דאָס, וואָס איז אַ מוז. אַז ער, דער פאָטער, איז מעכויעוו טראָגן דאָס היסכאַיווע פאַר אַ קינד. איז ער איינגעגאַנגען, ווייל ס'איז אַוואַדע זיין קינד, און דער געריכט איז דאָך געווים זיכער.

פון געריכט איז מען געגאַנגען צוזאַמען. זי האָט געאיילט אַהיים, ווייל דאָס קינד האָט זי נאָך ניט איינגעאָרדנט, און קיין אַרבעט האָט זי נאָך ניט. האָט ער אויך געוואָלט דאָס קינד אָנקוקן און איז מיט איר צוזאַמען געגאַנגען. עפּעס איז אים אויסערלעך פריילעך געווען. אַפן וועג האָט ער פאַרן קינד געקויפט שפּילעכלעך און נאַשערייען. אָבער דאָך גאָרניט געפרעגט זי וועגן קינד, און

דעריקער װעגן איר: װי און װאָס זי איז געקומען און צו װעמען פאַרפאָרן? פאַרקערט, אַף כאַװײרים דאָרטן האָט ער געפרעגט, און װעגן קאַמף דאָרטן האָט ער געפרעגט, און זי האָט אים װעגן אַלץ לעבעדיק דערציילט.

דאָס צימערל, װאו זי האָט אים געבראַכט, איז געװען גװאַלדיק קליין, לעבן אַ קיך און שטאַרק ניט באַקװעם. אַ יינגעלע האָט זיך געדרייט אונטער די פיס, געקראָכן אַף די הענט צו אַ דיאַדיע. איז טאַקע דער דיאַדיע געװען דער כאַװער קאַראַסיק, אַ צוציק, אַ יונגער און פריילעכער. און אינדרייען האָבן זיי אויס- געזען װי הינדעלעך, װאָס פיקן פריילעך אַף אַ ברעטעלע; עפעס האָט געדאַכט, אַז ניט ער הייסט עס איר מאַן פון עטלעכע יאָר, נאָר דערדאָזיקער קאַראַסיק איז װי אויסגעװאַקסן מיט איר, אַזוי ענלעך און צוזאַמענגעװאַקסן, און דאָס קינד איז װי פון זיי אויסגעשניטן אַפילע אין ענלעכקייט. איין שאָטנדל האָט זיך דאָ געפילט — די דירע. װען און װאָס װעט מען דאָס קענען איבערבייטן די דירע? דעמאָלט האָט זיך נאָסן אַ װיילינקע פאַרטראַכט, אַז די דירע מאַכט אַמאָל אַ בייז לעבן. האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער קאָן זיי געבן אַ דירע, טאַקע זיין דירע, און דער ייִד מיט די לאָקשן זאָל גיין אַהער. ער קלאָגט זיך טאַקע דער װעגעטאַריער, װאָס די קיך איז װייט.

איז אָט דער פלאַן אַזוי ליבלעך, פריילעך אויפגענומען געװאָרן אי פון דעם פאָרל, אי פון דעם ייִדן. אַפילע דער כאַװער קאָמענדאַנט, מיט אַ פאָנעם פון אַ לאָקשענעם טייגעכץ, איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן, אויסגעשטאַט זיי פיין דאָס צימער.

און אין אַ פאָר טעג איז דאָס דורכגעפירט געװאָרן, אָבער קיינעם איז נאָר ניט איינגעפאַלן פרעגן, װאו און אַף װאָס װעט ער, נאָסן, לייגן זיין קאָפּ?

## XIV

אין פאַבריק צװישן דער אַרבעט האָבן כאַװײרים דערציילט װעגן דעם גוטן אייסעק, װאָס נאָסן האָניקשטיין האָט דאָ געמאַכט. ער, נאָסן, האָט אַף דעם סקעפטיש געשמייכלט, ער האָט ניט געהאַלטן, אַז דאָס, װאָס ער האָט געטאָן, איז געװען גוט אָדער שלעכט. אָבער דאָס בעסטע, װאָס ער האָט געקאָנט, האָט ער געטאָן. איז אָט, אַז אַלע װעלן טאָן דאָס בעסטע, װאָס זיי קאָנען, װעט דאָס אַװאַדע זיין דאָס בעסטע, װאָס װעט פון אונדזער שטייגער אויסראָטן דאָס אַלטע פון דוירעס-פאַרשלעפעניש אין אונדזער לעבן. אין יענע טעג איז נאָסענען איינ- געפאַלן איינע אַ רעפאָרמע אין דער אַרבעט: ניין, איין מענטש דאַרף זיך ניט פאַרנעמען מיט אַ רובמשיק, יעדע קעשענע דאַרף דורכגיין צען הענט. האָבן אַר- בעטער זיך גערעגט — װאָס הייסט אַזוי צעברעקלען אַ קעשענע? האָבן אַרבעטער געכויזעקט — װאָס הייסט, מעגדעלע האָט געמאַכט דעם בעסטן ראָק באַ טוישע פעטערבורגער, װעט ער הײנט זיצן אַ גאַנץ לעבן און אייבנייען איין לייסטעלע פון אַ קעשענע! כי, כי, כי, — האָבן אַרבעטער געקװאָלן — אַ װאָך אין דער

לערע האָב איך שוין געקאָנט צונויפוואַרפן אַ קעשענע, וועל איך איצטער בלייבן אַ גאַנץ לעבן אַפן ריגעלע. כאַ, כאַ, כאַ! — האָט מען געלאַכט און עפשער מאַקע געוויטיקט. ווייל אַסאַך קונסט און ליבשאַפט האָבן קוואַליפיצירטע אַרבעטער געפילט צו דעם זעלבשטענדיק געמאַכטן ראָק. האָט ער, נאָסן, איבער דעם זיך גענויקעמט.

— יאָ, יאָ, איר האָט אַ היפש ביסל האַרץ און מאַרך אַריינגעטאָן אין דעם ראָק, אָבער וואָס איז אייך געבליבן פאַר זיך, פאַר אייער היים? — מידקייט, טעמפקייט און בייזקייט. ניין, מיר וועלן אונדזער אַרבעט מעכאַניזירן ביז דעם מינימום ענערגיע. און אונדזערע בעסערע פעאיקייטן און געפילן וועלן מיר אויסנוצן ווי שענער, ווי בעסער צו בויען אונדזער ניי לעבן.

איז אָט אין יענע וואָכן האָט נאָסן נאָך מער געפלאַמט מיט דער אידייע, אַז צום נייעם קאָלעקטיוו אָפמאַך זאָל עס שוין גרייט זיין, מע זאָל עס קאָנען קלאָר טאַריפיצירן. ער האָט אָרגאַניזירט דעם ערשטן צענדליק אַרבעטער און אין די גרויסע רעזולטאַטן האָט ער געזען ניט בלויז מער קעשענעס מיט מער געהאַלט, נאָר ער האָט געקוואָלן: מיר וועלן באַקומען מער ווערט אין אונדזערע קעפ, אין אונדזער האַרצן.

— איז וואָס פאַר אַ גליקלעך לעבן באָט ער אונדז אָן צו זוכן אין די לייסטעלעך? ער איז צעמישט, דער באָכער — האָבן אַרבעטער געבורטשעט, — אָבער שפעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לייסטעלעך עסן אויף אַסאַך איבעריקע רעגעס און נאָכדעם שאָען, און פון דעם וואַקסן אָן טעג גאַנצע איינגעשפאַרטע, און אַז דו לייגסט צו אַ נאָז צו אַ קעשענע, פילסטו ניט קיין שוויס פון דעם ווי פריער, פון אייגנע ביטערע הענט. דאָס האָט אויך נאָסן אַנטדעקט...

ס'איז געווען אין יענע טעג באַ נאָסענען אַ שטיקעלע איבערבראָך. ער האָט אָפגעאַרבעט. אומעטום איז ער, נאָסן, געווען. עפעס איז פאַרשוואונדן זיין סקעפטיש שמייכל. כאַווירים האָבן אים שווער דערקענט. אָבער אין ליידיקע שאָען האָט ער געבענקט — וואָס זשע האָט זי אים, יענץ מיידל געוואָלט זאָגן? און וואָס איז זי מער ניט געקומען?

ער האָט געוואוסט, אַז זי איז בערלס אַ באַקאַנטע, אָבער ער האָט דאָך ניט געוואָלט גיין צו הוואוירעלען. ווייל עפעס האָט ער זיך ניט געקענט גויוער זיין. ווייל הוואוירל איז דאָך בלויז געווען אַ צופאַל צוליב אַ דירע. ווייל זי איז דאָך געשלאָפן אַף זיין בעטל, געשלאָפן געשמאַק, געזונט און פריילעך, ווי זי קאָן, הוואוירל. און צעוואָרפן מיידלש איר לייב און איר פאָנעם האָט געשמייכלט. און אין זיין זיקאָרן איז פונקט געווען אַ ווייטער זייכער פון אַ קליין ווייבעלע. האָט ער זיך אָנגעצונדן אַמאָל מיט אָט דער געזונטער פרייד אין הוואוירעלען, האָט עפעס דאָס געוועקט אים פון נעלעגער, אָפגעריסן זיינע אויגן פון בוך און אַהינצו געצויגן מיט קראַפט. ניין, ער האָט ניט געפילט קיין איין רענע, אַז הוואוירעלע איז עמעצנס, אַ ליגן, זי איז אינגאַנצן דאָ, אָט אין אָ דעם בעט, און עפעס אַ שיינקייט האָט ער אַנטדעקט אין איר, וואָס אין יאָרן פון יונגער

באַקאַנטשאַפט האָט ער עס ניט געפילט. האָט ער איינמאָל געקושט אין די פריי־דיקע מויל־ווינקלען, האָבן זיך אויגן געעפנט, מילדע און גלויביקע, און הענט האָבן זיך פאַרלייגט אַף זיין האַלדז, הענט האָבן אים געצויגן צו זיך און אים האָט איינגאַנצן אַ ריס געטאָן צו איר... אַף מאָרגן איז נאָך פרייד געווען, אַסאַך פרייידן, און אַף איבערמאָרגן. אָבער אירע אויגן האָבן עפּעס דעמאָלט געזוכט. זי האָט איינמאָל אַזוי פריידיק און שטיפעריש געפּאַקט אירע זאַכן, און ער איז זיכער געווען, אַז היינט־מאָרגן גייט זי אַוועק צו בערלען...

ער האָט דעמאָלט געגעכטיקט באַם כאַווער, טאַקע באַ דעמזעלביקן כאַווער, וואוהין בערל האָט הוואוירעלען געבראַכט. איצטער האָט דאָ געבאַלעבאַטעוועט אַ היפּשע פרוי, אַ רונדיקע אין פיינע כאַדאָשים, און אָנזאָג אַף אַ פערטן. ער איז איינמאָל געזעסן און געקוקט אַפן כאַווער, ער האָט מיט גרויס האַסמאָדע גע־לייענט אַ ציימונג פון טאָוול ביז מאָוול, אָבער ער האָט דערפילט נאָסנס קוקן, ווייל זיי האָבן אַסאַך יאָרן צוזאַמען אַף אונטערערד־אַרבעט און אין דייטשישער און פּוילישער אָקופּאַציע זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין. וואָס, האָט ער געפרעגט נאָסענען, וואָס קוקסטו אַף איר?

האָט נאָסן געשמייכלט: דו האָסט דאָך שוין דריי. האָט דער כאַווער אויך געשמייכלט: נו, וועט זיין אַ פערטער.

עפּעס האָט ער פאַרשטאַנען, נאָסן. ער האָט געקוקט, ווי דער כאַווער אַרבעט איבער זיך פלייסיק, און געוועזן איז אָט דער כאַווער שטאַרק צעבראָכן פיזיש, און אַסאַך וואָכן געפּאַטערט אַפן כעשבן פון פאַבריק, און ערשט איז ער געווען שטייף און מיט גאָר גרויסן ווילן און מוט און ניט געקלעמט זיך פון אַ פערטן. ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט, נאָסן: אַנומלטן, ווען מע האָט אין פאַבריק גע־בראַכט די מאַשין אַף סטריגעווען ברעגן אין גראָבן שטאָף, האָבן זיך די שטאַר־קערע אַרבעטער געוואָרפן צו דער מאַשין, גאָר זיינען באַלד אָפּגעגאַנגען און אין אַ פּאָר וואָכן זיינען אַלע גיבוירים אָפּגעגאַנגען פון דער מאַשין, ווייל עס איז שווער, און די רעזולטאַטן זיינען נישטיקע, און אויסגעקומען איז, אַז מע האָט די מאַשינע געגעבן, זי זאָל קיין אָרט ניט פאַרנעמען, און סטריגעווען גראָבע ברעגן וועט מען שוין ווי די זיידעס, געדיכט אונטער דער נאָדל.

דעמאָלט איז ער אַף דער מאַשינע אַוועק, אָט דער כאַווער, וואָס אין אונ־טערערד האָט מען אים גערופן וואַסיל אבוכאָוו. האָבן אַרבעטער געבויזעקט, געכעכנט, וויפל אבוכאָוו בלייבט נאָך צו לעבן, יעהנפאַלס וועט עס קאָסטן דער מעלוכע ניט וואָלוול: אַ פּאָר כאַדאָשים סאַנאַטאָריע מיט אַ האַלב יאָר סטראַכ־קאַסע. און ביז איצט אַרבעט אבוכאָוו אַף דער מאַשין אָן אַן איבערשלאָג, און די צאָל ברעגן אַ טאָג איז שוין אויסגעוואַקסן קאָלאָסאַל. עס זיינען שוין דאָ נאָך מאַשינעס און קיינער דעריאָגט ניט דעם כאַווער אבוכאָוו. אויסערדעם, האָט ער געמאַכט קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען. אַזויפיל לערנט ער און לייענט, אַז מע צייכנט אים שוין אָן פאַר סעקרעטאַר אין פאַר־קעמערל. איז פונוואַנען נעמט זיך עס, פונוואַנען?

— די דירע, — האָט אים אַנומלטן געזאָגט דער כאַווער אבוכאָוו, — די דירע האָט אונדז אַרויסגעטראָגן.

עפּעס איז געווען אין דעם אַ רעטעניש. כאַ, כאַ, כאַ, אָט האָט ער שוין טאַקע גאָר קיין דירע ניט, איז דען די שטאָט ניט זיין היים? טאַקע, לויט נאָמנס גוסט איז דאָך אַזאַ לעבן געווען שווער און וואָגיק. אָבער אָט קומט ער, אבוכאָוו, אַהיים, זיצט ער שוין בײַ זיין טיש און אַרבעט. ער האָט אַ צווייטשפּיציקן שטערן, עפּשער אַ זייכער פון הערנער אַפן אור-אור-זיידנס שטערן... אָבער אויגן האָט ער פון אַ מילדן הירש, און זיי טרינקען פול, אָט די אויגן, פון בוך די טוירע, וואָס אין לעבן האָט ער עס פּראַקטיש אַ היפּש ביסל דורכגעקייט.

און אָט דעמאָלט שטייט דאָס ווייבל מיט אַ באַזונדערן יירעס-האַקאָוועד, מיט אויגן קליינע און זאַפּטיקע, און עס פּרייט זי, וואָס דער קאָליר פון זיין האָלדז איז היפּש ברוין — און זי רופט אים מיט זיין היימישן נאָמען — אַרעלע! אָבער בײַ איר באַקומט זיך עס ווייכער — אַרהעלע, ווערסט געמען אַ וואַנע? אַלץ איז גרייט. איז דאָס אים פון אָנהויב ווי איבעריק, עס גלוסט זיך נאָך, נאָך ליגנען, לערנען, קענען. אָבער זי שטייט אַלץ איבער אים, רייסט ער זיינע אויגן אָפּ און דערזעט זי אַלץ אַזוי רונדיק און רויטלעך אַפן פּאָנעם, און ער דערמאָנט זיך אָף דעם „פּעסעלע ראָסל“, ווי מע האָט זי דעמאָלט גערופן. דאָס האָט ער זי טאַקע אַגיטירט און געבראַכט אָף דער ערשטער מאָסאָווקע אין אַנטאָקאָליער וואַלד אין אַ זייער שיינעם מאָל, וואו ס'האָט געשמעקט מיט זשיוויצע. און זי האָט מיט יונגן פרישן לעבן געאָטעמט. און זי געדענקט דאָך אַוואַדע זיינע האָר, וואָס ליגן שוין הייגט באַרואיקטע און אַפן מויעד אויסגעקראָכן, ווייל אַ זודיקן קאָפּ האָט ער, אַרעלע, און זי האָט אים מיט אַלץ געדינט. זיי האָבן אויך צוזאַמען קנאַפּ געלעבט. זי האָט אים אויסגעהאָדעוועט צוויי טעכטער מיט אַ זון פון פּעריאָדישן צוזאַמענלעבן. זי האָט אויך געקעמפּט און אַסאַך, אַסאַך זאָקן אויסגעאַרבעט פאַר אָט דער צייט. ער האָט ניט געוואָלט אייגוואַקסן אין אַלטן פאַמיליען-לעבן, זי זאָל זיין אַ ווייב און אַ קעכן. בײַ זיין גאַנצער אומפּעאיקייט מאָן וואָס פאַר זיך, איז אים האָך געלונגען אייגאָרדענען די קינדער אין קינדער-הייזער, אָבער מיט איר בראַנזשע האָט עס ניט צום בעסטן געהאָלטן. האָט זי באַקומען צייטווייליקע אַרבעט, און די שיינע דירע, וואָס האָט לאַנג אָף עמעצן געוואַרט, איז נאָך מער פאַרלאָזן, פאַריאָסעמט געבליבן, און אָפט, גאָר אָפט האָבן די ווענט מיט אַן אומצופרידענעם פּראָטעסט, מיט כויזעק געקוקט אָף אָט דעם נייעם לעבן, וואָס גרייט צו איינוואַלידן. ער האָט באַקומען אַ בלוט-שטורץ און זי איז געבליבן אָן אַרבעט, אָבער ניט געקוקט אָף דעם, האָט זי אויסגעזוכט מיטלען קעגן זיין ווילן. האָט זי זיך גענומען אים צו פּילגעווען, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז די דירע דינט איר. האָט זי געוואַשן און געפּרעסט מיט פאַרגעניגן, ווייל אַלץ איז געווען אונטער דער האַנט — אַ וועש-שטוב מיט אַסאַך וואַסער, און אַפן גאַז האָבן זיך געקאָכט אָן טירכע מאַיכאָלים. און טאַקע

גיך האָבן זיך אַרויסגעוויזן רעזולטאַטן. זי האָט אים אָנגעגאָסן אָרעלען ווי אַ נוס מיט געזונטער ענערגיע, האָט פאַרגעטעוועט זייגע לונגען, און אַליין איז זי געוואָרן רואיק און באַפרידיקט.

און ערשט טראָגט זי שוין מער פון אַ האַלבן זון אין אירע געדערים. אָבער זי האָט עס פּראָפּאָרציאָנעל איינגעאַנצן רונד אַרום, און אַז ער רייסט זיך אָפּ פון בוך, קוקט ער אַף איר מיט אַכטונג — די וואַנע וואָלט איך אַליין געמאַכט. פּאָטער, זאָגט זי, דאָס איז מיר געזונטער, דו טו דיין אַרבעט, — און אירע אויגן, זאַפטיקע אויגן גיבן נאָך צו — זיי דער בעסטער קאָמוניסט, און זאָל ריין שיין פאַלן אַף איר, אַף דער געוועזענער עלקע די בונדעווקע, וואָס וועט אים אויסהאָדעווען זין מיט טעכטער — אַ גייעם געזונטן פּעאיקן אומבייט!

פרייט מען זיך צוזאַמען און אין אַ גרויסן פרימאָרגן זיצט שוין דער כאַוער אבוכאָוו און דערהווייזט איבערלייענען ווי עס געהער צו זיין די רעשט ציי־טונג און נאָך עפּעס ביז צו דער אַרבעט גיין.

גייט מען צוזאַמען אַף דער אַרבעט. רוקט אבוכאָוו זיין האַלדז אין קאָלנער, קוקט ער אַף גאָסענען מיט פולן דערעכערעץ — אָט אַף דער נאָסנס גרינגקייט, וואָס אומעטום האָט ער גרייט זייגע נעגל. בונטעווען און קעמפן, ווי נייער און בעסער, ווי לייכטער אויסבויען די נייע וועלט. קוקט גאָסן אַף דעם כאַווער אבו־כאָוו און טראַכט, אַז דאָס איז דער סאַמע געזונטער פּראָלעטאַרישער קערן, וואָס וואַקסט און פאַרפעסטיקט מיט זיך די נייע אָרדענונג. ווייל אָט דער קאָפּ האָט געגוג צייט אַף איבערצולייגן אין זיך, וואָס איז ראַציאָנעלער און צוועקמעסיקער. און אַז זיי שטייען שוין באַם אַרייגגאַנג פון פאַבריק, קוקן זיי זיך ראַפּטום אַנעט — נו, וואָס, נאָסן, וועסט זיך היינט עפּעס זוכן און עפּעס געפינען פאַר דער ציימונג? — נו, און דו וועסט קנאַקן אַף דער מאַשינע די ברעגן, און וועסט זיך גוט און געדולדיק איבערלייגן, צי איז עס צוועקמעסיק?

## XV

אויסערלעך האָט פון גאָסענען זיך קיין פלעמל ניט געריסן. געדראַכט האָט, אַז אין אים איז האָ עפּעס אַזעלעכס, וואָס קוואַלט אַמאָל מיט אַ פונק, אַמאָל מיט אַ רויכעלע, וואָרום טאַקע פונדאַנען קומט צו אים אָט האָס סקעפּטישע שמייכעלע זיינס? איז אָבער אָט דער פונק זייגער געווען פון לאַנגן דויער, און אין זיין איך האָט עס היפש באַלויכטן, און, פאַרקערט, זיין רויכעלע האָט בלויז אים אַליין געקאָנט צייטנווייז שטיקן. און עפשער דערפאַר האָט נאָסן קיינמאָל ניט געפלאַמט פון ליבע. אָבער ער איז ניט צוגעגעסן געוואָרן פון אייפער און קינע. אים איז פרעמד געווען סענטימענטאַלע צערטלעכקייט. האָבן אים אַמאָל כאַווי־רים כווישער געווען, אַז נאָסן רעדט גאַנץ געמיטלעך מיט באַלעבאַטים אַפילע דעמאָלט, ווען דאָס גייט וועגן פאַרביטערטסטן קאַמף, וועגן פאָדערונגען. אָבער

פונקט דעמאָלט האָט מען זיך ניט ווייניקער געוואונדערט אַף זיין האַרטנעקיקייט אין קאַמף, אַ פיינט פון פשאָרעס־מאַכן. האָט ער געטאַינעט — אַ קלאַס, אַן אָרדענונג האָט ער פיינט! קעגן בורזשויען איז ער! אָבער זיין באַלעבאָס האָט „רעמאָך" אייוורים, ווי ער, אַ שלעכטן מאָגן מיט אַ קראַנק האַרץ. און מיט דער באַלעבאָסטע איז ער ניט זיכער, אַז זי פאָרט ערגעץ אַליין... די קינדער פאָלגן ניט, און פון די אַרבעטער האָט ער אַ האַרץ־ווייטיק און גאָר, גאָר אַזעלכע שוואַכקייטן, צי קאָן מען אים ניט מיטפילן אין דעם... איז אָט נאָך ווייניקער פון דעם האָט ער, גאָסן, געהאַט עפעס אויסצושטעלן קעגן כאַוויירים: אַ דירעקטער, אַ טוער אין פאַבקאָם און נאָך. זיי פערזענלעך האָט ער אַוואַדע געקענט מיטפילן. אָבער אויסער כאַווערשע שוועריקייטן איז דאָך דאָ דער אַלגעמיינער גרויסער ציל, וואָס ער שטייט אָפּ איינגעשפּאַרט ביז לעצט. איז אָט דאָס האָט פון אים אויסגעאַרבעט אַ כאַמע אַקטיוון אַרבקאָר, פאַר וואָס מע האָט אים מער געטאַדלט ווי געדרוקט, און ביידע זאַכן האָט ער ניט גענומען אַף זיין כעשבן, ווייל גאָסן איז אַ קאָמוניסט, און ער טוט זיין כויוו!

האָט אויך זיין כויוו געטאָן בערל קאַזשדאַן, אָבער פון אים האָבן פלאַמען געריסן פאָרוים. ער האָט אַף אַן עמעס זיך אָנגעהאָרפן אַף דעם בוך, וואָס ער האָט אין די ערשטע טעג בלויז געבלעטערט, ווי ער אַליין האָט געזאָגט. אָבער געטאָן האָט ער עס ניט פון פוסטעפאַסעוועז, פון פאַרגעניגן, נאָר ער האָט עס געהאַלטן פאַר זיין כויוו, ווי אַן עמעסער באַלעבאָס מוז וויסן, אַ־ן וואָס און וועלכן ליגט זיין גרויס פאַרמעגן. געוויינלעך, האָט ער ניט געטראַכט אַפילע אַף איין מינוט זיך מיט דעם צו באַנוגענען, נאָר דאָס וועט זיין דער אָנהויב, פונדאַנען איז נאָך דאָ דער גרויסער פאַרבאַנד מיט אַלע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אומעטום, אין די סאַמע טיפן פון אַרץ־ און קוילן־גרובן, מוז ער זיך אַראָפּלאָזן, זען ווי עס בויט דער פּראָלעטאַריאַט זיין סאָציאַליסטיש לאַנד. אָט אין דעם האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן כאַווער סאָלאָמאָנטשיק, וואָס האָט איין גרויסע זיסע האָפענונג געהאַט, אַז אָט דעם פרילינג פאָרט ער שוין אַוועק אַף פּראַקטישער אַרבעט.

און דערווייל האָט סאָלאָמאָנטשיק טאָגטעגלעך קליין און פּיצלדיק געטראָגן אַף זיך צוויי אין קינדער־גאָרטן און אין אָנפאַנג־שול, און זי, זעלדקע, האָט אַ דריטן געטראָגן אין יאַסלע און דערנאָך צוריק. און אַז זעלדקע איז פאַרנומען געוועזן ערגעץ אַף אַ זיצונג, האָט ער, סאָלאָמאָנטשיק, זיך אַרומגענומען מיט אַלע דריי און מיט אַ שרעקעדיק האַרץ, איינעם פון זיי זאָל כאָלילע ניט צעריבן ווערן. און ניט פאַרטראָגן האָט ער, וואָס זי, זעלדקע, קוועלט דאָס אַזוי פון אים: מיילע, מע האָט אַוואַדע ניט געטראַכט האָבן קיין דריי, — האָט ער איר צוגעוואָרפן, אָבער, אַז זיי זייגען שוין דאָ, איז אַ שאָד אַ מענטש...

האָט עס אָבער בערלען געמאַנגלט אין אַלע גלידער. ניין — וואַרף זיי אַריין אין אַ ברונעם. אָט די ווערטעלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעלייגט, וועלן דיך אופ־

פרעסן. טאַקע, זעלדקע איז דאָך נאָך אַ יונגס און קאָן נאָך שיטן, און דו ווערסט זיי ווי די קרענצעלעך אָנוויקלען אַפן האַלדז און ניין מיט זיי הין און צוריק. און אַז דו ווערסט האָבן אַרויסצוזאָגן דיין בעסטן געדאַנק, וועט איינער דיך קימפלען — ער וויל עפעס... ניין, ער, בערל, שטעלט זיך ניט פאָר אַ גייעם אינזשענער, ער זאָל ניט ווּסן, וואָס באַ אים אונטער דער נאָז טוט זיך. וואָרום טאַקע, אָט קען ער אים אַפילע ניט זאָגן, וואָס טוט זיך אין אסטאַנקינאָ אָדער אין קאָלאָמנע און אַפילע אין אַ מוזיי. אָבער סאָלאָמאָנטשיק האָט געשמייכלט און זיינע קנאָפ אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן געכויזעקט פון אָט די טאַינעס, ווייל אָט די אַלע דילעטאַנטישע יעדיעס טויגן אַף קאַפאָרעס. ער, סאָלאָמאָנטשיק, לערנט גרינטלעך און אָרנטלעך זיין פאַך. עמעס, עס פעלט גלויבן, גאָר ניט באַ אים, באַ כאַווײרים, אַפילע זעלדקע גלויבט ניט אין זיינע קרעפטן: אַז איר אַרט ניט האָבן אַ מאַן אַ גוטן געזונטן שוסטער, איידער צוויי יאָר אַף דער עלטער אַ מאַן אַן אינזשענער, כאַ, כאַ, כאַ.

אָט אַזוי שניידט זי אים, זעלדקע, און אַלעמאָל איז זי גרייט זיך סוימעך זיין אַף נאָסן האָניקשטיין. ער וואָלט לייכטער געקאָנט ווערן אַן אינזשענער, האָט ער אָבער ליב די פאַבריק, און לערנען זאָל די יוגנט, וואָס האָט ניט קיין הויקער אַף די פּלייצעס. איז פאַרדריסט אים אַף זעלדקען, פאַרדריסט. און דעם נאָסענען האָט ער פאָשעט פיינט. טאַקע, וואָס פאַראַ ביישפּיל איז נאָסן? דרייט זיך אַליין ווי אַ וואָלפקעלאַק, טומלט אין פאַבריק, אין די ציימונגען און האָט זיך ליב אַ שאַר מאָן לעבן אַ פרעמד ווייבל, ווי אַ קאַץ באַ סמעטענע, און דאָס, וואָס זי, זעלדקע, קאָן נאָך שיטן אים מיט קינדער, גרוילט אים ביז אונטער די נעגל. און ער בייסט זיך די ליפן — ער איז אַן אויסוואורף, דער נאָסן! ער וואַרפט אַף אַ פרעמדנס האַלדז זיינע קינדער!..

דער פרילינג האָט געשפּאַרט פון אַלע זייטן. געשפּאַרט ראַשיק, און אַלע אויגן האָבן באַקומען נייע פאַרב און באַ זעלדקען אין שטוב איז געווען הימל־ קערעניש, ווייל זעלדקע האָט אין די טעג באַדאַרפט אויסריכטן אירע צוויי על־ טערע מיט זייער קינדער־גאָרטן אַף זומער אין אַ קאָלאָניע, און דעם דריטן מיט זיין יאַסלע אויך היגטער דער שטאָט. און דערנאָך קלייבט זיך גאָר סאָלאָמאָנ־ טשיק פאָרן זומער אַף פראַקטישער אַרבעט.

האָט שוין סאָלאָמאָנטשיק אין די טעג ניט גענומען קיין ביכל, קיין בליי־ שטיפט אין האַנט. געזעסן מיט זעלדקען און געהאָלפן צוגרייטן פאַר אַגאַ אוילעם אַ גאַנצע פאַמעליע. ווייל יעדערנס שמאַטקעלע האָט מען באַדאַרפט באַזונדער אָפּצייכענען און מאַכן אַ באַזונדער פעקל, און געמאַנט האָט מען עס פינקטלעך. אַגו, גענומט נאָר אויסרעכענען, וויפל מע האָט געמוזט שטיקלעך פאַר איינעם אַ פעקל, אַז אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ שטרוי־זאַק ביז אַ פאָר קאַלאַשעלעך מיט אַ וואַרעם מאַנטעלע און אַ בערשטעלע אַף רייניקן די ציין, מיט אַ ביימעלע און אַ קווערטעלע, — הייגט העמדלעך, און הויזלעך, און לײלעכלעך און גאָז־

טיכלעך, און טרוסן, און נאָך, נאָך, גאַנצע באַסענע־קליידער. זיינען אַלע טוירעם אָפּגעלייגט געוואָרן אן דער זייט, און טאַטע־מאַמע האָט געשוויצט. און אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען אַפילע אין דער שטיינערנער שטאָט האָט פרילינג געקושט יעדע באַק, איז זעלדקע מיט סאָלאָמאָנטשיקן געגאַנגען באַגלייטן אירע יאַטעלעך אין לאַנד אַריין. זיינען די עלטערן געגאַנגען אין ריי מיט געזאַנג, און מיט אַסאַך מאַמעס. איז געגאַנגען סאָלאָמאָנטשיק אין שפּאַן. אַפן רוקן האָט ער געהאַט אַ זעקל, אין הויזן—רעכט אויסגעלאַטעטע, אין ענגלישע זאָקן, אין אַ קרעם־בלוזע מיט אַ רעגנמאַנטל אַפן אָרעם. האָט ער געשפּאַנט, און מיט פרייקייט האָבן זיך זיינע אויגן געטראָגן. אַהינצו, אין פאַבריק, אַף פראַקטישער אַרבעט, — האָט אין זיין אויער געזונגען. נאָר אָפט איז זיין בליק געפאַלן אַף דער ווייסער, אַף דער ווייצענער, וואָס האָט געהאַט צעפלאַמטע באַקן, האָט ער זי געמאָסטן מיט אומרו אַרום, צי בלייבט עפּעס ניט אין אירע געדערים דאָ?

געלאַסן, האָט זיך געדאַכט, איז די זונטיקדיקע שטאָט, און זעלדקע איז געגאַנגען אַליין פון באַן. עפּעס האָט מאָדנע אין אירע אויערן געקלונגען פון פאַרטראָגענעם טומל. עס האָבן זיך נאָך איר געטראָגן קינדערשע שטימעלעך, בליקן פון אַ מאַן, אָבער אירע הענט זיינען פריי געווען און אין באַוואוסטזיין האָט דורכגעדרונגען, אַז היינט און מאָרגן וועט זי קיינעם ניט טראָגן אַף זיך, אַז זי איז איינע. איצטער דאָ אין גאַס, אין שטוב — מאָרגן און איבערמאָרגן, און עפּעס האָט ווי אַ קראַנקער צאָן געמאַנגלט די ניט־געוואוינטע לייכטקייט, אָבער לייכט, מאָדנע לייכט, איינע אַליין! איז זי געגאַנגען פאַמעלעך מיט דעם געפיל, ווי אַמאָל אין קאַמף־יאָרן, ווען מע האָט זי פון טפיסע אַרויסגעפירט און געלאָזן אין גאַס. עפּעס מיט כאַרפּע האָט זי געטראַכט, וואָס זי איינע האָט מען אָפּגעריסן פון כאַווירים, זי איינע...

די זון האָט שטיפעריש איר אַ ברי געטאָן אין ווייסן האַלדז אַריין, און בוימער האָבן שאָטנס געשפּרייט אַפן בולוואַר מיט אַ שאָק שפּאַצירער, וואו קינדער מיט ביאַניעס, מיט מאַמעס האָבן געהילכט, געקוואָלן, געטומלט. האָט זיך אַהיים ניט געגלוסט גיין, טאַקע וואָס וועט זי טאָן איינע? האָט זי נאָסענען באַגעגנט. ער איז געגאַנגען אין ווייסן אָנגעטאָן און געהאַלטן אַ גאַנצן בונד בעז, אַ צו גרויסן בונד, און מיט אים איז געגאַנגען אַ ייִד, באָרוועסע פיס אין סאַנדאַלן, אויך אין ווייסן מיטן בלויזן קאָפּ מיט דער גרויסער באָרד און נאָך מיט אַ ברייטער געלעכטער און מיט אַ גאַנצן קויש גרינס. האָט ער זיך יעדע רעגע צוגעלייגט צום בעז און געשמעקט און געפרייט זיך און ניט געלאָזן די באַגעגנטע כאַווירים אַ וואָרט אויסריידן: — קומט צו מיר אַריין, וועט איר זען, מיט וואָס פאַראַ געטראַנק איך וועל אייך מעכאַבעד זיין, אַ קאַפּאָרע אַלע געטראַנקען, וואָס צעשפּאַרן די געדערים אָדער שפּילן אַפן קאָפּ. דאָס שטילט בלויז דעם דאָרשט און איז לייכט ווי די לופט היינט, האַ, קומט אַריין!

— פאַרוואָס ניט? — האָט זי געקוואָלן, זעלדקע, היינט קאָן מען זי רופן וואוהין מע וויל, זי וועט אומעטום גיין. זי איז פריי, איינע אַליין, ווי אַ מיידעלע.

אָבער נאָסן האָט געקוקט אָפּן מיידעלע, ווי זי האָט זיך געענדערט. דער דריטער יאָטל האָט זיך שוין צו שטאַרק, צו וואָגיק אָפּגעשטעמפּלט אָף איר לייכטן שטאַלט, די ברוסט אָפּגעפּלאַכט און דער בויך אַרויסגעטיילט, און די קלובעס אַן אַ מאָס — ער איז דאָך שטענדיק געווען מיט אַט די צוויי מיידלעך צונויפגעלייגט, זעלדקע און הוואווירקע. זיי זיינען אים געפעלן מיט זייער זאָרגלאָזיקער פרייד אין שווערסטע מינוטן. אָבער מער פון זייער פרייד און שטיפן, וואָס האָט צו זיי געוואָלדיק געפּאַסט, האָט ער גאָרנישט געוואָלט פון זיי. ערשט האָט אים גרוילעך פּאַרדראָסן, וואָס אַזוי אומראַכמאָנעסדיק צעהויקערט זיך מיידלשע שיינקייט.

— וואָס איז מיט דיר, האָט ער זי געפרעגט, וויזנדיק אָף איר בויך, ניט שוין האָסטו זיך פאַרמאָסטן אָף אַ פערטן?

אַ פּלאַם האָט אַ שפּאַר געטאָן אין איר פּאָנעם. זי האָט פאַרביק געקוואָלן און פאַרזיכערט אים, אַז סאָלאָמאָנטשיק אירער שטייט אָף דער וואַך, אַז ער איז זיך אַליין כווישעד די לעצטע צייט. האַלט זיך ווייט פון איר און מאָנט, זי זאָל אים ברענגען אַ צייגעניש פון אַ דאָקטער, אַז באַ איר איז אין דעם פּראַט אַלץ אין אָרדענונג. ניין, סאָלאָמאָנטשיק איז דיר, נאָסן, מעקאַנע. דו, זאָגט ער, וואַרפסט אָן דיינע קינדער אָף פרעמדע העלדזער. האָסטו טאַקע אַזויפיל קינדער אָנגעפּלאָדעט, נאָסן? כאַ, כאַ, כאַ?

— אַזוי גאָר?

די זאַך איז אים געפעלן — אָף ריכטיק האָט ער אַפילע ניט געוואוסט אָף זיכער, צי דאָס געווידישטע יונגעלע איז זיינס. זי האָט אים געשריבן, האָט ער איר געטרויט. אָבער זי ווייס דאָך, די ווייסע, אַז ער איז מיט איר זייט באַ זייט געלעגן און גוט געדענקט, אַז זי איז סאָלאָמאָנטשיקעס ווייב און ניט באַרירט זי...

— ניין, ניין, ניט דאָס, — האָט זי געפּלאַטט, — הער, נאָסן, קום טאַקע צו מיר. וואָס וועל איך טאָן אייגנע אַליין אין מיין דירע?

דעם עמעס זאָגנדיק איז דאָס געווען צו דער צייט, ווייל אָט שוין עטלעכע נעכט, אַז ער נעכטיקט באַ אָט דעם כאַווער, וואו ער איז געגוימיקט עסן אַלע טאָג זיינע וועגעטאַרישע געריכטן און טרינקען זיינע געטראַנקען, וואָס זיינען אָף אַן עמעס ניט זיס, ניט ביטער, ניט זויער, און וועלכע ער מוז רימען אין דער העל אַריין, ער זאָל ניט באַליידיקן זיין גרויסן גלויבן אין דער קראַפט פון זיינע געריכטן. אָבער האָט אַלץ נעמט ער אָן, נאָסן, פאַר ליב, ווייל דאָרטן באַם כאַווער אבוכאָוו איז דאָ געגוג אי לופט, אי בעקוועמקייט, אי געמיטלעכקייט פאַר זיך! עס קלעקט אָבער ניט פאַר אַ פרעמדן. האָט ער מיט פרייד אָנגענומען זעלדקעס אָנבאָט און זי נאָכאַמאָל קוועלנדיק געוואָרנט:

— זע, אָף אַן עמעס, עפּשער איז מיט דיר עפּעס, זאָל אָף מיין קאָפּ ניט פאַלן קיין אומזיסטע צוולע, איך האָב מיינע געגוג...

# XVI

ס'איז געווען זונטיק. נאָסן האָט באַגלייט זעלדקען צו איר דריטן אין יאַסלע, ס'איז געווען איינער פון די זעלטענע טעג, וואָס עס גיט זיך איין אין מאָסקווער אומגעגנט. אַ טאָג אָן אַ רעגן. האָט מען גענומען דעם כעוורעמאַן ביזן מיטאָג מיט זיך אין וואַלד אַריין, פאַרשפּרייט נאָסנס רעגנמאַנטל און זיך געמיטלעך צעלייגט. עפּעס זיינען מענטשן היינט פון פרייד ווי דולע געלאָפן, געשריען, געטומלט. זי איז איינגעשלאָפן, זעלדקע, אַף די ווייכע אָנגעבעטע סכאַר=נאָדלען. סאָסנעס האָבן זיך צעוואַרעמט און שטאַרק געשמעקט, און איר פּאָנעם האָט זיך שוין פאַרפאַרבט, די גאָלדענע האָר האָבן זיך צעשאָטן און לעבן איר בוזעם האָט זיך דאָס קליינס געפּאָרעט: ער האָט זיך מיט כיישעק דערגרונטעוועט צו דער מאַמעס ברוסטן, פון וועלכע מע האָט אים, נאָך זיין מיינונג, צו פרי אָפּגעריסן. האָט ער טאַקע געפונען אַ מיטל ווי אופדעקן איר בוזעם און אַריינגורען זיין פּענעכל אין שניט אַריין. אַזוי שיין, האָט עס געדאַכט, און אַזוי זיס האָנאָטדיק האָט זי עס געפילט, זעלדקע, פון שלאָף, ווי אָט דאָס שוואַרצע פּענעמל גראָבט זיך אין איר בוזעם. האָט אויך נאָסענען אַ כיישעק גענומען אַ קוש טאָן אין די שמייכלענדיקע מאַמע=ליפּן. אָבער אין דער רעגע האָט ער געהערט אַ נאָענטן טראָט אַף די סכאַר=נאָדלען. האָט ער די אויגן אופגעהויבן און באַמערקט סאָלאָמאָנטשיקן מיט אַ מאָדנעם פּאָנעם. האָט אים אָנגענומען אַ געלעכטער:

— כאַ, כאַ, כאַ, זע, וואָס שטייסטו עפּעס אַזוי אומגליקלעך? קוק אָן אַ בילד, ווי דאָס קליינע כאַזערל שעפּט דאָס נאַכעס פון זיין מאַמע, — האָט ער דעם יאַטל אַ היפּש פּעטשל געטאָן אין הינטן אַריין, — אָט דאָס וועט שוין זיין איינמאָל אַן אומבייט.

נאָר וואָס, וואָס האָט זיך געטאָן אין סאָלאָמאָנטשיקס פּאָנעם — אַ גענעם. עפּעס האָט ער זיך נעקרימט, געמאַטערט, געראַנגלט מיט זיך, מיט זיינע קליינע הענט, זיי זאָלן זיך ניט וואַרפן אַף נאָסענען און ניט ברענגען אים צו געלעכטער. האָט ער קלוימערשט געשמייכלט, און אין האַלדז האָט אים געוואָרגן. האָט ער זיך צוגעזעצט, אָפּגעשלעפּט דאָס קליינס אַזוי אַן צערעמאָניעס און פאַרדעקט דעם בוזעם. אָנגעבייזערט זיך אַפן קליינעם — מע טאָר ניט. און אַז זי האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט ער געזאָגט מיט פאָרוואורף — ווי ליגסטו, ביסט דאָך ניט איינע דאָ אין וואַלד!..

און דערנאָך האָט זיך ניט געקלעפּט ניט איר פרייד, וואָס ער, סאָלאָמאָנטשיק, זעט אַזוי גוט אויס, איז פאַרברויגט געוואָרן, און אויך ניט דאָס, ווי ער איז אַהער געקומען, אַז ער זוכט זי אַרום פון אינדערפרי — ווי לאָזט מען ניט קיין צעטל? ער איז שוין געווען דאָרטן אין קאָלאָניע באַ די קינדער. האַקלאַל, דאָס איז געווען אַזוי קלעפּיק, און אים, נאָסענען, איז גאָר געקראָכן אין פּאָנעם אַ בילד, וואָס האָט קיין שום שאַיכעס צו דעם ניט געהאַט. דאָס איז געווען אַמאָל אין אָדעס, אין זיין צימער האָט ער שטענדיק געהערט, ווי עס ווערטלען זיך די

באַלעבאַטים, און געדאַכט האָט, אַז זי, אַ היפּשע ייִדענע, האַלט אים, דעם באַלעבאָס, אין די הענט, ווייל ווען ער פלעגט קומען אויסגעטרונקען, פלעגט זי אים פראַסקען איבער די באַקן, און ער פלעגט וויינען. אָבער אין איינער אַ גאָכקאָליגידרע=נאַכט האָט ער, נאָסן, דערהערט הימלרייסנדיקע קוילעס פון דעם באַלעבאָס שלאָפצימער. האָט ער ניט דערוויזן אַף זיך אַפילו עפּעס אַרופכאַפּן און איז געלאָפן נאָכן געשריי. אין שלאָפצימער איז געווען ליכטיק, די טיר אָפן, און ביידע מוטער=נאַקעט. זעט ער, נאָסן, ווי ער האַלט זי באַם אָפענעם פענצטער אַזוי פעסט אַרומגעקלאַמערט. — וואָס טוט איר דאָס? האָט ער, נאָסן, אַ געשריי געטאָן ניט מיט זיין קאָל. האָט דער באַלעבאָס אַף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ מאָדנעם פאַראַכטן בליק: — אייך טשעפּע איך ניט? ס'איז מיין ווייב, וויל איך זי פון פענצטער אַרויסוואַרפן. — פון פינפטן שטאָק? האָט ער, נאָסן, אַ געשריי געטאָן. — כאַ, כאַ, כאַ, האָט יענער געלאַכט, — און אַז פון פינפטן איז וואָס? זי איז דאָך מיין ווייב, זייט רואיק, איך בין פולשטענדיק ניכטער. האָט ער עס פאַרשטאַנען, נאָסן, און איז אָפּגעגאַנגען, פאַרלאָזנדיק זיך אַף איר וואָג און היפּשע פיס, וואָס האָבן זיך אין דיל אַריינגעשפּאַרט... און טאַקע, אַף מאָרגן זיינען זיי געמיטלעך צוזאַמען געלאָפן אין שול אַריין...

ער איז דאָ איבעריק געוואָרן, נאָסן, האָט ער זיך אופגעהויבן, אויסגעטרייסלט זיין רעגנמאַנטל. האָט זי אַף אים אָנגעשטעלט פאַרדריסלעכע אויגן. — זעט, מיר האָבן דאָך אָנגעקויפט אַ גאַנצן פּאַק עסן, וואָס לויפט איר? קומט כאָטש אָפּעסן.

דאָס קליינע יאַטעלע האָט זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום נאָסנס פיס און געקוקט צו אים אַרוף און געטרייסלט זיך, שרייענדיק, פּאַ=פּאַ־פּאַ.

האָט זי הילכיק געקוואָלן און גערופן: — סאָלאָמאָנטשיק! הער, ווי ער רופט אים פּאַ=פּאַ.

איז סאָלאָמאָנטשיק געגאַנגען אַזוי פאַמעלינקע מיט פאַרדריקטע ציין, געפילט, אַז אויב ער וועט זיך ניט באַהערשן, וועט זיין שלעכט... אַ ציגעלע אַף אַ שטריקל צוגעבונדן האָט קעגן אים געקוקט, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן צום ציגעלע און גענומען גלעטן עס אונטערן בערדל און געטראַכט דערביי, עפּשער וועט אים פון דעם אָפּגיין אַביסל פון אונטערן האַרצן...

פיר דעם זייגער האָט באַדאַרפט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבקאָרן, און נאָסן האָט אַהין נעאיילט. ער איז געווען פאַרקאָכט מיט דער אַרבקאָרןבאַוועגונג. אָט דאָס איז דער ערשטער אָנוואוקס פון דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ, וואָס וועט ניט פאַרלאָזנדיק די פאַבריק אויסוואַקסן אין אַ קולטוראָנפירנדיקער קראַפט.

אַף דער פאַרזאַמלונג האָט ער אַביסעלע פאַרשפּעטיקט. און אַ רעדע האָט געהאַלטן דער כאַווער בערל קאזשדאַן, וואָס האָט דאָ אין דער באַוועגונג אויך געהאַט ניט קיין לעצט וואָרט. ער האָט טאַקע זייער שיין געשילדערט די אַרבקאָרישע צילן און דעם צאָרן און פיינטשאַפט, וועלכן זיי האָבן צו זיך אַרויסגע=

רופן אין דעם קאַמף מיטן געמויזעכץ און קעגן די קאַשערע און פרומע, און אַז די אַרבקאָרן דאַרפן דאָך גוט וויסן זייער אויפגאַבע און ניט מאַכן פון אַ מילב אַ העלפאַנט. ער האָט נאָך געהאַט אַסאַך צו דערציילן, פון אַסאַך, אַסאַך פאַקטן, טאַקע גלייך ער וואָלט גאָר געהאַט מיט דעם זיין פאַרנומען. מע האָט אים געהערט מיט איבערעס, און ער, נאָסן, האָט דאַפקע געהאַט כיישעק זיך אַרויסרוקן פון דער פאַרזאַמלונג, ווייל עס האָט זיך אים גאָר נים געגלוסט באַגעגענען זיך מיט בערלען. פון יענעם אָוונט אין קלוב האָט ער זיי ביידן ניט געזען, אָבער אַוועקגיין איז שוין געווען שפעט, ווייל בערל האָט אים פעסט געהאַלטן אין אויג. אָט האָט ער פאַרענדיקט, אַראָפ אין זאַל. אַ הויכער, אַ שטייפער, אַ באַראַשטער, מיט אויגן פריידיקע, איז ער גלייך צו צו אים.

— ביסט ערשט נעקומען? עס טויג ניט, הערסט! דער אַרבקאָרן=באַוועגונג איז באַשערט שפילן די גרעסטע ראָליע אין אונדזער סאָציאַליסטישן בויען!

— יאָ, יאָ, האָט נאָסן געשטאַמלט, ווייל בערל האָט אים עפעס מאָדנע געפאָרשט מיט די אויגן:

— ביסט דאָך אַליין. וואו דרייסטו זיך אַרום? וואָס קומסטו גאָרניט אַריין? דוואוירקע פרעגט זיך אַלץ אָפ דיר, און דו ווייזט די אויגן נים. זי איז דאָך קראַנק, דוואוירקע. ליגט צו בעט.

עפעס האָט עס אַ ריס געטאָן אין נאָסנס האַרץ. ער האָט באַמערקט, ווי בערלס אויגן האָבן זיך אָפ אַ מינוט פאַרנעפלט.

— וואָס, וואָס איז איר, דוואוירעלען, איך האָב גאָר נים געוואוסט, איך בין אַלץ מיט מיינע אַסאָקים געווען פאַרנומען, וואָס איז איר, דוואוירקען?

ער האָט נאָסענען געטרייסלט פאַרן אַקסל און געשמייכלט: אַז אַבאָרט נים קיין געלונגענער. ס'האָט געהאַלטן זייער שלעכט מיט איר. דער אַבאָרט איז אַביסל פאַרשפעטיקט געווען, ערשט איז שוין נישקאָשע. זי האָט אַלץ געפרעגט: בערל, נאָסענען זעסטו נים? נו, וואו זעט מען דיך? — קום אַריין צו איר, האַ? קום אַריין! איך האָב פאַר איר אַ האַמשע באַקומען. ווילסט, קאָנסטו דאָרטן אויך אַ פאָר וואָכן אָפרוען, האַ? קום צוגיין!

— איך גיי מיט דיר, — האָט זיך באַ נאָסענען אַרויסגעריסן פון מויל. גייסט אַהיים?

האָט ער שוין דערנאָך שטאַרק כאַראָטע געהאַט, ווייל בערל האָט אים געהאַלטן אונטער דער האַנט און געטראָגן אים און געקוקט אים אין די אויגן און אַלץ דערציילט — אַז אַבאָרט, פאַרשטייסט, אַ פאַרשפעטיקטער אַביסל, און נאָסענען האָט געדאַכט, אַז אָט=אָט זאָגט ער אים: דו, הונט, האָסט דאָך געקאָנט וויסן דעם כעשבן! אָבער ניין, ניין, ער האָט זיך צו אים געפרעסט, ווי צו אַ ליב מיידל און אַלץ געפרייט זיך — זי וועט זייער זיין צופרידן, דוואוירקע, זי האָט זיך שטאַרק געענגערט, דוואוירקע. נאָר די אויגן האָבן געברענט צווישן טונקעלע רעדער, דאָס פּאָנעם מאָגער, אָבער ראַפטום האָט זיך אַ פאַרב אָנגעגאָסן אין די באַקן, צי פון פרייד, צי פון עפעס אַנדערש, ווייל בערל איז שוין צו האַסטיק

אַרייַנגעלאָפן מיט זיין גאַנצער אויפגעלייגטקייט: — נאַ, אָט האָסטו נאָסענען! קוים געפונען דעם אויצער, כאַ, כאַ, כאַ.

ער האָט נאָסענען דערלאַנגט אַ בענקל צו איר בעט, און אַליין ווי אַ געטרייע מאַמע אונטערגעהויבן די קישן, פאַריכט די קאָלדרע, אַרויסגעטראָגן וואָס מע האָט באַהאַרפּט, געלאָפן גיך מאַכן טיי, צעוואַשן די געפעס. אַלץ פלינק און אויפגעלייגט און מיט ליבשאַפט אַ קוק געטאָן איר יעדעס מאָל אין פּאָנעם, צי האָט זי מאַקע געגונג פרייד פון נאָסנס קומען, און אַז די טיי איז שוין פאַרטיק געשטאַנען, האָט ער זיך געאיילט — גו, טייערע, איך מוז נאָך אַ ווײַלע צולויפן צו אַ כאַווער. נאָסן וועט טרינקען טיי און וועט מיט דיר אַביסל פאַרברענגען. נאָר נאָסן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן — גיין, ניין, ער וועט קיין טיי ניט טרינקען. ער מוז אויך גיין, ער מוז. ווייל אים, נאָסענען, איז שווער געווען מיט איר אויג אויף אויג בלייבן...

עפשער האָט זי עס פאַרשטאַנען און געסמאַרעט זיך קווענן — גייט, גייט ביידע, איך קאָן שוין אַליין אַראָפּ פון בעט און אָנגיסן זיך טיי. אָבער גאָס זיך ניט לאַנג, בערל. און דו, נאָסן, מעגסט קומען אָפטער!

האָט ער, בערל, זיך צוגעלייגט צו איר שטערן און דריי מאָל היים געקושט זי און געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן און געזאָגט. מעגסט דאָס אַנדערע מאָל געדענקען בעסער דעם כעשבן.

האָט זיך אויך נאָסן צוגעלייגט צו איר און ליב געקושט די אויגן, די פאַר־ברענטע ליפּן און אַ פריידיקער האָט ער געזאָגט: — איך וועל קומען. און ביידע באַוויירים האָבן זיך פעסט באַ די הענט גענומען און אַוועק פון שטוב. און אַף דער גאַס האָבן זיך די הענט נאָכאַמאָל געדריקט, ווי ערשט הייבט וואָלטן זיי עבטע כאַווערשאַפט געשלאָסן. אים, נאָסענען, איז עפּעס אָפּגעגאַנגען פון האַרצן, און געווען איז ער שוין זיכער אין אָט דעם מילדן זומער־אָוונט, אַז אין לעבן פון פּראָלעטאַריערם אַלטעגלעכקייט קוואַלט פריש און נייס. ס'איז שוין געווען שפּעט, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף גיין ערגעץ נעכטיקן, ווייל זעלדקעס דירע וועט ער שוין ווייבן. איז ער אַוועק צום יידן, האָט ער אים געפונען מיט זיין צעקעמטער באָרד באַם טיש מיט וודיקע מאַיכאָלים, מיטן גרויסן שמיכל, אָבער אַף די קני האָט ער געהאַלטן אַ היפּש מיידל, אַ יונגס, אַביסל אַ געשטופלטס און היפּש צוגעפּאַרבט. האָט ער זי ווי אַ פויגעלע געהאָדעוועט פון האַנט.

— זיצט, זיצט, — האָט ער געבעטן נאָסענען. זיצט, באַקאַנט זיך, דאָס איז מיין ווייב, קומט עסן. היינט האָב איך גוטע בעבלעך, זיסע אָפּגעקאָכט און אַ קאַלטן באָרשטש און בלאָע פּאָמעדאָרן איינגעהאַקט. פאַרזוכט.

אין דעם צימערל איז קוים געשטאַנען אַ בעט, אַ טיש מיט אַ פּאָר בענקלעך און אויסקערן זיך אַ מענטשן איז שוין ניט געווען וואו. נאָר דאָס פּאָרל איז געווען צופרידן, שטאַרק צופרידן. האָט ער, דער ייִד, פריילעך דערוויזן, אַז פון ווענעטאַרישן און היגיענישן שטאַנדפּונקט דאַרף אַ מענטש האָבן אַ ווייב, נאָר ער האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז אָט וועט זיין אין

פוילן אַ רעוואָלוציע, וועט ער פֿאָרן צו זיין ווייב, וואָס ער האָט מיט כופעקדושן. אַ שיין ווייבל. אָבער אַהער וויל זי ניט פֿאָרן, און מאָנט בײַ אים, אויב ער וויל ניט קומען צו איר, זאָל ער איר שיקן אַ געט. איז פֿון געטן האַלט ער ניט, און די רעוואָליוציע אין פּוילן האָט זיך אָפּגעלייגט. האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ ווייב. נו, איז אַנומעלטן זייער אַ הייסע נאַכט געווען, און אַ הייסע נאַכט לאָזט ניט שלאָפֿן, יאָגט פֿון צימערל. לויפֿט ער, לויפֿט איבער דער טווערסקאָיע. ער זעט, מע ווילדעוועט גוואַלדיק. בעקייוועס פֿאַרשיידענע באָטן זיך אָן — ניין, ער וועט זיי ניט נעמען. דאָס ניט — קעמפֿט ער מיט זיך, און אָט איז ער שוין טאַקע באַלד זיי פֿאָטער געוואָרן. נאָר וואו נעמט זיך אָט דידאָזיקע, מאַמעש אַ היימ-לאָז הינטל, שלאָגט זיך אין פֿיס — נעם זי מיט און נעם זי, מאַמעש מיט טרערן. ס'איז שוין שפּעט, און זי האָט נאָך גאָרנישט געהאַט און מאָרגן ווי היינט וועט זי הונגערן. ער האָט אַ קוק געטאָן איר אין פּאָנעם, פֿאַרפֿאַרבט, אָבער פֿון אונטן קוקט הונגער. — נו, זאָג איך, קום, נאָר זאָלסט וויסן, אַז איך האָרף דיך ניט, קאָנסט בײַ מיר נעכטיקן און אָפּעסן, אַ פּאָר רובל קאָן איך דיר אויך געבן. און, אַז דו ווילסט, קאָנסטו ווערן מיין ווייב, איך וועל דיך ערלעך האַלטן, אָבער פֿריער מוז זי מיט אים זיין בײַ אַ דאָקטער, צי זי איז פֿול געזונט. איז אָט איז זי בײַ אים שוין אַ גאַנצע וואָך, און ערשט היינט זיינען זיי געווען בײַ אַ דאָקטער און איצט וועט זי שוין זיין זיין ווייב, ווי זי וויל, מיט אָפּשרייבן, אָדער אָן, ווי זי וויל...

דאָס מיידל האָט געהערט די מאַיסע מיט אַ מאָדנעם אינטערעס, געלופּעט מיט די אויגן און אָפּטמאָל געקוואָלן אַפֿן קאָל און געקנייפּט מיט אירע הענט זיין האָריקן בוזעם, און ער האָט מיטגעקוואָלן. און נאָסן האָט אויך געקוואָלן און געמוזט פֿאַרזוכן פֿון זיינע געריכטן. אָבער שטערן זיי אין אַזאַ נאַכט, האָט ער קיין רעכט ניט געהאַט, ניין, ער האָט ניט געוואָלט שטערן זיי אָט דאָס ביסל גליק...

איז ער אַוועק און אין אַ פּאַרק געבן אַ דענקמאָל האָט ער זיך צוגעשפּאַרט און געכאַפּט אַ דרעמל. עמעצער האָט אים לייכט אַ צי געטאָן, האָט ער זיך אופֿגעכאַפּט. פֿאַר אים איז געשטאַנען א יונגע פֿרוי מיט אויגן אונטער גרויסע רעדער פֿאַרבאַהאַלטן. זי האָט אים גערופֿן: קום. און עפּעס האָט אַ ריס געטאָן מיט איימע זיין האַרץ. אַזוי ענלעך איז זי געווען אַף אָט דעם מיידל ריווע ברוק, וואָס איז מער ניט געקומען זאָגן אים עפּעס נויטיקס. האָט ער זי געפֿרעגט: — האָסט אַ היים? מע קאָן זיך בײַ דיר אויסשלאָפֿן?

— ניין, — האָט זי געזאָגט און געשמייכלט קעגן אים. אַף אַ נאַכט קאָן מען אָט האָרטן אין גראָז זיך אַריינוואַלגערן. אַז דו ווילסט, כאַ, כאַ, כאַ, — האָט זי געקוואָלן און געצופּט אים — קום, ביסט עפּעס גאָר אַ יאָלד, כאָטש דו זעסט אויס ווי אַ קאָמיסאַר. יאָלדיקל, אויב דו וועסט אָט אָ דאָ אַף דער באַנק בלייבן שלאָפֿן, קאָן מען דיך אויסטאָן נאַקעט, כאַ, כאַ, כאַ.

האָט ער אַזוי פֿויל דערלאַנגט פֿון קעשענע עפּעס אַ שוואַרצס און גע-שמייכלט: — זעסט, שוועסטערל, אָט דאָס שוימערל האָב איך אַ מעווע טראָגן?

מיט זיך אַף יעדן פאַל. אָבער אויב דו ווילסט, קאָנסטו מיט מיר אָט אָ דאָ בלייבן זיצן. איך וועל דיר באַצאָלן, ווייל דו דערמאָנסט מיר זייער אַ ליב פּאָנעם.

— פאַרוואָס ניט, זי קאָן זיצן, אָבער צוליב וואָס נעמט ער עס זיין בלאָקנאָטל מיטן בלייער? ניין, ניין, זי וויל ניט באַשריבן זיין. נעם, בעסער לייג דיין קאָפּ אַף מיין שוים אָפּרוען, אויב דו ווילסט מיך איינגאַנצן ניט. פילסט, די לופט ווערט שטאַרק פריש, און די זון רייסט זיך שוין צו טאָג. וועסט מיר דען איינגאַנצן אומזיסט באַצאָלן? לאָז כאָטש אָפּרוען דיין קאָפּ. שרייב ניט! שרייב ניט!

## XVII

אַ כאַווער פון דירע־אָפּטיילונג האָט זיך געוויצלט איבער נאָסנס מאָטיוו, אַז פון נעכטיקן אין די בולוואַרן קאָן מען בלייבן פרי אַ אינוואַליד. פאַרקערט, ער, דער כאַווער, האַלט, אַז פאַר אַ מענטש מיט אַ פען איז עס גוואַלדיק נוצלעך: אַלנפאַלס, נוצלעכער, ווי שרייבן קאָרעספּאָנדענצן פון פאַבריק און טומלען די מויכעס. ער האָט ניט געהאַלטן, דער כאַווער, פון די קאָרעספּאָנדענצלעך. וואָרום טאַקע, אָט קומט נאָסן אָט דאָ אין דירע=אָפּטייל, וואו עס קישעט מיט מענטשן, דער שרייט, דער טאַינעט, דער האָט היסטעריקעס, דער לאָזט איבער אַ פּאָר קינדער און אַנטלויפט, און איר האָט עס גראָד דערזען, כאַפּט איר זיך גלייך, אַז דער אַפּאַראַט אַרבעט שלעכט. די מאַשיניסטקע דערציילט די היספּאַילעס פון אַ באַגעגעניש און פודערט זיך צו די באַקן פונקט דעמאָלט, ווען יענע כאַלעשט לעבן איר; איינער מישט גאָר זיך מיטן לעפעלע אין גלאָז און בייסט=צו אַ פּאָנטשיק, כאַ, כאַ, אַ שרעק! אַן איימע! סאַבאָטאַזש, גוואַלד! און עס פליט אַ קאָרעספּאָנדענץ, און איר זעט ניט, אַז דאָ איז שטאָף פאַר דער גרעסטער טראַגעדיע, און האַפּקע גיט די, וואָס כאַלעשן, זיינען די העלדן, גאָר די, וואָס מישן דאָס גלאָז טיי און פודערן די באַקן, ווייל דאָ אַרבעטן דאַרף מען זיין אַ העלד מיט אַ גוואַלדיק האַרץ, ווייל דאָ האָט זיך אַמשוועריסטן פאַראַקשנט די סאָציאַליסטישע פּראָבלעם — אַף דער דירע.

אָט אַזוי האָט דער כאַווער גערעדט און עפּשער זיך טאַקע געזוכט באַוואָרענען פון אַ קאָרעספּאָנדענץ אין ציימונג אַריין, ווייל נאָסן איז דאָרטן אין יענע טעג צופיל געקראָכן אין די ביינער, און קעדיי פּאָטער צו ווערן פון אים, האָט ער דאָך אים דערלאַנגט אַן אָרדער אַף אַ צימערל, וואו עס וואוינט שוין איינער — עפּשער וועט ער זיך מיט אים צוזאַמען איינגאָרדענען.

אָבער אין הויזקאָם האָט ער געטראָפן אַ פריילעכן געפעש מיט אַ רויטער נאָז. ער האָט זיך שטאַרק גויקעם געווען אָן דער דירע=אָפּטייל מיט די אָרדערס, וואָס זי גיט. פּכי, פּכי, זיי וואָלטן זיך בעסער פאַרנומען מיט באַגרעבעניש, איידער מיט שאַדכאָנעס. טאַקע אָקאָרשט, אַז עס גייט אַרום אַ מענטש איינער און פּלאָצט כאַסענע האָבן, האָט ער ניט קיין דירע, און אַז ער האָט אַ פּיצל צימערל באַקומען. שיקן זיי אים ערשט אַ מאַנסביל, פּכי, כי, כי. איז אָבער יענער ניט קיין פעטער און האָט זיך פריער אַריינגענומען אַ ווייב אין שטוב אַריין.

— אָבער איך האָב דאָך אַן אָרדער, — האָט נאָסן געטאַינעט, — אויף אַ האַלבן צימער אַן אָרדער.

האָט זיך די רויטע נאָז צעשאָסן פון שטיקעניש: משכי, משכי — אוי, איר זייט דאָך אַ קאָמיק, צי וואָס? איר האָט אַן אָרדער, ס'וועט צוניץ קומען... ס'איז דאָ אין הויף אַ טשיקאַווע דאַמעלע, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פאַרן מיט איר מאַן אין גאַרים, וואָלט מען אייך בעסער צו איר פאַרשאַדכנט, זי האָט אַ צי-מער, פכי, כי, כי.

האָט נאָסן אַביסל אַרויסגעצויגן דעם האַלדז פון קאָלנער אויפן מענטשן מיט דער נאָז, וואָס האָט זיך וואויל געטאָן אויף זיין חשבון. האָט אים נאָסן אַרופגע-לייגט אַ הארטע האַנט אַפן אַקסל — פּעטערל, איר זייט אַ פּיצעלע ציניקל! אָבער איך רייד מיט אייך וועגן אַן איניען אַן ערנסטן און פון אַן אַנשטאַלט, פאַר וועלכן איר מוזט האָבן דערעכערעץ!

האָט זיך דער מענטש אַ שטאַרקן קנייטש געטאָן און פון אָט דער האַרטער האַנט און האָט באַקומען אַ נעבעכדיקן פּאָנעם: — איך בין דאָ גאָר אַ הויז-פאַרוואַלטער, ניט מער. איך האָב פאַר אייך אַ אייצע, וואָרום, וואָס קען מען טאָן מיט אַ קאָמוניסט אַ טומלער, וואָס האָט דאָ באַקומען אַ צימער פון די צען פּראָצענט און פאַרכאַפּט צו דעם אַ קליין צימערל? מיר מאָנען עס בא אים, און ער באַווייזט אונדז אַ פייג. אייער אָרדער קאָן גילטן אויך פאַר דעם צימערל, ס'איז אין דערזעלביקער דירע. אַדראַבע, מאַכט דאָרטן אַזאַ טומל, ווי איר טוט עס בא אונדז, עפשער וועלן זיי אייך כאָטש אָפּטרעטן אַ ווינקל?

נו, איז ער, נאָסן, געגאַנגען אָנקוקן דעם כאַווער קאָמוניסט, און דורכשמועסן זיך מיט אים, עפשער וועט ער אים טאַקע אָפּטרעטן אַ ווינקל. פאָרויס איז גע-לאָפן דער הויזפאַרוואַלטער, און דאָרטן האָט ער געקלונגען, ווי אַ פּאָסט-טרעגער, און נאָסן האָט אין צעטל איבערגעלייענט — צו די קאַזשדאַנס צוויי מאָל. האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ — וואָוהין פירט איר מיך, צו די קאַזשדאַנס? און ער האָט אויסגעפּלאַצט אַ געלעכטער: כאַ, כאַ, כאַ, טאַקע, דאָ וואוינען זיי דאָך. ער האָט אַ שוואַכקייט — פאַרגעסן אַ נומער פון הויז און אַ נאָמען פון אַ גאַס, כאַ, כאַ, כאַ.

האָט אים דער מענטש מיט דער נאָז אָנגעקוקט ווי אַ דולן: — קומט אַריין, וואָס מיינט איר, דאָס זיינען שלעפּער? איר וועט שוין אָנקוקן דאָרטן אַ ווייבל, כי, כי, כי.

די טיר האָט זיך געעפנט אויפן קייטל. אַ פּאָנעם האָט זיך באַוויזן, אויגן אין שוואַרצע רעמעלעך:

— די קאַזשדאַנס זיינען אינדערהיים ניטאָ. זי איז היינט אויף דאַטשע אָפּגע-פאָרן, און דער כאַווער קאַזשדאַן האָט געבעטן, ווער ס'וועט קומען, זאָל לאָזן אַ צעטעלע.

איז וואָס זשע האָט עס אַ שלאָג געטאָן אים צום האַרצן, אַ צופּלום אין קאָפּ, און דאָס פּאָנעם האָט זיך מיט בלוט-פאַרב פאַרגאָסן, און ווי אַ יונגל איז

ער הילפלאָזיק געשטאַנען. אָט רוקט זיך אָפּ דאָס פּאַנעם און די טיר האַלט זיך
באַ פאַרמאַכן און פאַר די פּיס דרייט זיך דער גימעסער מענטש מיט דער גאָז,
פּאַכט מיט די הענט און שטופּט נאָסענען פון טיר און שרייט: — ניין, ניין
אַ צעטעלע זאָלט איר זיך גיט דערהוועגן! איר'ט אַלץ קאַליע מאַכן. הערט, איר,
וואָס זייט איר אַזוי געפּלעפּט געוואָרן? קוק נאָר אָן אַ מענטשן, גלייך ער געב-
טיקט שוין אַ יאָר אַף דער גאַס... אַז וויבאַלד זי איז אַף דאַטשע, און איר האָט
אַן אָרדער, איז ווארט צו אַ קלייניקייט, מאַכן מיר אייך אַ דירעלע, אַפילע מיט
אַ ווייב צוזאַמען, בי, בי, בי.

— גיי צו אַלדערוכעס, — האָט אים נאָסן דערלאַנגט אַ ריס פון זיך און
איז צוגעפאַלן צו דער טיר:

— כאַווערטע, דערלויבט, עפנט די טיר, איך וועל פאַרן כאַווער באָרים
קאַזשדאַן לאָזן אַ צעטעלע, דערלויבט, כאַווערטע!

איז חאָס איז עס געווען פאַר אַ פּאַנעם, וואָס האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן
אין טיר-שפּאַלט, פלאַטערדיקער מאַרמער. ווי אַזוי האָבן הענט אָפּגעקייטלט —
נאָסן האָניקשטיין! איר האָט געדאַכט, אַז זי האָט עס שטאַרק אויסגעשריען, און
איז געבליבן שטיין מיט אַ פאַרשלאָסן מויל. זי האָט דאָך געוואָלט נאָר, נאָך
שרייען: — האָניקשטיין, אין אייער צימער האָב איך אייך געזוכט, איך האָב
פרעמדע מענטשן געפונען, זיי האָבן, דאַכט זיך, געכויזעקט, וואָס איך זוך אייך
אַרום. זיי זיינען נערעכט, איך בין אויסגעגורעט פון לעבן, צי מעג איך אייך
אַרומזוכן? האָט זי זיך עפּעס ראַפּטום דערמאָנט, אַז זי האָט די מעגלעכקייט
לויפן אין איר צימער און פאַרשליסן זיך פון איר אייגענער כאַרפּע. אָבער די טיר
דאַרף מען פאַרקייטלען. האָט זי עס פאַרקייטלט און אַ מענטש שטייט. האָט זי
געזאָגט: — אַ קווימעלע קאָנט איר אָנשרייבן באַ מיר אין צימער און כאַווער
קאַזשדאַן האַרף גיך קומען.

איז ער, מיטן אָרדער אין האַנט, איר נאָכגעגאַנגען און געפּלאָגט זיך, ווי
הייסט זי? האָט ער געזאָגט — כאַווערטע, איך האָב אַזוי גוט געוואוסט אייער
נאָמען. פון שלאָף, ווען איר רייסט מיך אוף, זאָג איך עס, און אין אַדרעס-טיש
האָב איך אַף דעם נאָמען נאָכגעפרעגט, האָט מען געזוכט און געענטפערט, אַז
קיין ריוועלע ברוק איז נימאָ, אַך! האָט ער פאַרפּלעצט מיט די הענט, איר הייסט
דאָך טאַקע ריוועלע ברוק! איך האָב מיך דערמאָנט. זעט אַ צופאַל, אָט דעם
אָרדער. איך גיי זוכן אַ ווינקל. אַ מענטש מוז האָבן אַ וואו אַ קאָפּ צולייגן. האָב
איך געפונען אייך. זאָגט, וואָס שווייגט איר? איר געדענקט מיין נאָמען, נאָסן
האָניקשטיין? איר געדענקט? איר האָט מיר עפּעס וויכטיקס צו זאָגן? זאָגט,
זאָגט, ריוועלע ברוק, זאָגט!

---

אַ פרישער, פון אָפּגעקאָלטער אין ווייסן אָנטאָן איז נאָסן געגאַנגען אַף דער
אַרבעט אין דער שאָ, ווען שאָפערן גרייטן ערשט מאַשינעס און טראַמוואַיען
טראָגן זיך פול געפאַקטע מיט אייליגדיקע אַרבעטער, וואָס ציען זיך נאָכן סירענע-

רוף צום טאָג־אַרבעט. איז ער צופוס געגאַנגען, נאָסן. עפּעס האָט אים געדאַכט, אַז אַלץ באַגריסט אים, זאָגט אים: מאַזלטאָוו, נאָסן!

און אָפּגעפרישטע ליגט זי אין איר באַגינען, די שטאָט, מיט אירע בולוואַרן און פּאַרקן און בלומען־בײמן. טומלען פויגלען אױף די בוימער און העל און זודיק אין דער הימל. און אַז אַ פאַרשפּעטיקטער גאַסן־ראַמער וואָרנט אים: — כאַוועך, קערט זיך אָפּ, פּאַרהערט עס נאָסן און ווערט אָפּגעשפּריצט פון אַ קישקע, און די קעלט פרישט אים אָפּ, לאַכט ער צוזאַמען מיטן ראַמער, מיט מענטשן, קינדער אין גאַס און גייט ווייטער פּאַרטראַכט, וואָרום קיינמאָל האָט ער, נאָסן, ניט געטראַכט פּאַר זיך, ווייל פון זיך און אין טיף איז זיין געדאַנקען־גאַנג געווען, און ערשט האָט זיך עם אַביסעלע געטשעפּעט צו זיך, וואָרום אָט אַזאַ שטייט זי פּאַר אים אַן אָפּגעצערטע, אַ בלאַסע, אַ הויכינקע מיט אַ קינדערשן פּאָנעם, וואָס איז אַסאַך בייגעשטאַנען און בלויז אַן אומרו, שרעק איז פּאַרבליבן אין די אויגן. און אַזוי קינדערש איינגעשפּאַרט בעט זי זיך — זי וויל אין נייעם לעבן אַריין. זי האָט מוירע פּאַר דעם, וואָס האָט זי אַקאָרשט אַרומגענומען. אַלץ, אַלץ האָט זי אָפּגעגעבן זיינע מענטשן; אַלץ, וואָס מע האָט איר געלאָזן. האָט זי אַפּילע פּאַר די וועגט מוירע. אַזוי צו דער צייט איז ער געקומען, נאָסן, אַזוי צו דער צייט האָט ער זי מיט זיך פּאַרדעקט. מיט דעם, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט ליב געהאַט, האָט ער זי ערשט באַשענקט, און זי בעט זיך—זי וויל פון די וועגט, זי וויל אין נייעם לעבן, און ער ווייס ניט, ווי זאָל ער איר אָנווייזן אַ ניי לעבן. אַז ער ווייס ניט, אַז ער טראָגט גאָרנישט מיט זיך פון דעם אַלטן — איז ווי און ווי אַזוי זאָל ער איר טייטלען: קינד, אָט דאָס איז דאָך ניי לעבן... ווייל אַלץ איז ניי, אַפּילע דיין פּאַרשיקטער אין גאַרים, אַרקאַדיע נעבעמיעווימש, אַפּילע דער לייזיקער אָרדער אין זיין קעשענע אַן אַ דירע, אַפּילע דיין אומרו, דיין מאָנען, דאָס זיינען דאָך אַלץ סימאָנים פון דער גרויסער איבערקערעניש, וואָס האָט צעשמעטערט דאָס אַלטע און בויט און זוכט די נייע פאָרמען אַפּילע אין לעבן פון איינציקן.

אַף דער צווייטער זייט איז געלאָפן דער ייִד מיט דער גרויסער באָרד. גע־טראָגן דאָס מאָל נאָך אַ העכערן שפּאַלט אויסגעלייגטע לאַטקעס און האָט עס אָפּן וועג נעגעסן נאָך מיט מער טאַם. ווייל דאָס מאָל מאַכט עס אים זיין צונגע־שטופּלט ווייבל, וואָס פּאַרבט זיך שוין ווייניקער, מאַכט עס אים אין פּרימאָרגנס פרישינקע, און אַ סימכע האָט ער אויך, ווייל זי איז איבגאַנצן געזונט, אַ סימען זי איז שוין פּאַרגאַנגען אין טראָגן. קוועלט ער אָפּן גאַנצן קאָל און איז מעכאַבעד מיט לאַטקעס מיט פרישינקע: — נעמט, פאַרזוכט, ס'איז געזונטער פּאַר אייער וואורשט, וואָס איר עסט. ווייל קוקט אים אָן, ער איז דאָך פול מיט ענערגיע און ער פושעוועט אוים מיט צען בראָצענט מערער ברענגן ווי פריער, כאַ, כאַ, כאַ!

און אָט דאָרטן, וואו עס ברענגען רויטע טיכלעך קעגן אופגייענדיקער זון, באַ דער וועש־פּאַבריק, שטייט זי, זעלדקע, אַ ברייטלעכע און קוועלט קעגן אים:— איינע איז זי, פּאַרוואָס קומט ער ניט? ס'איז איר אומעטיק, שלאָפט זיך איר ניט. פּאַרעט זי אום ווי אַ הון מיט אַ איי, אומעטום איז זי פול, אומעטום, און עס רייסן

זיך אין אירע אויערן קינדערשע קוילעס, כאַ, כאַ, כאַ. און ער, סאָלאָמאָנטשיק, האָט זיך אַזוי שיין פאַרברוינט, ערשט איצטער הויבט זי אָן גלויבן, אַז ער וועט טאַקע זיין אַ אינזשענער!.. אָבער בייז און אומרואיק איז ער געוואָרן, און אַלע זונטיק איז ער דאָ. ס'קאָסט דאָס פאָרן, און ער רוט ניט אָפּ, און זי מוז אַף אים וואַרטן, און ראַק ער מעסט זי מיט די אויגן און איר ברייט, און שיקט מיך צו אַ דאָק־טער, און אַליין, כאַ, כאַ, כאַ, האַלט ער זיך פון איר ווייט און מיט מוירע, וואָס נעמט זיך פון ליבע, כאַ, כאַ, כאַ. הערסט, נאָסן, ער איז אין מיר היינט פאַרליבט ווי אין אַ מיידעלע. און דיך האָט ער פיינט, און איך ווייס ניט, זאָג, וואָס האָט ער צו דיר, נאָסן? הער אים ניט, קום צוגיין. קום צוגיין!

דער פרימאָרגן־גלאָק רוישט אין די אויערן, רופט צו אַרבעט און אין קאָפּ פלאָנטערט זיך אַ מאַיסע פון נעכטן — זעלדקע, דוואָוירקע, ערגעץ הינטן אין אַלטער ייִדישער שטאָט אין נעדרייטע געסלעך פון געטאָ, וואו הייזער בייביקע מיט גאַניקעס, מיט טרעפּלעך, מיט פליגלען צוגעטשעפּעטע האָט עמעצער טאַקע אים געזאָגט, אַז יעדער טרעפּ איז דאָ אַ בלעטל געשיכטע פון ייִדישן געטאָ. ער האָט דעמאָלט אינטערעסירט זיך מיט אָט דער געשיכטע, פונוואַנען ער האָט דעם פאָדעם געצויגן אין די ענגע געסלעך, וואו זיי האָבן אין ענגשאַפט ווי מיר־מל זיך געריבן און פייער געשפּריצט און אין גראָען טאָג געבלעמט אַ מאָרגן. אָט זיינען זיי די קינדער פון יענער גאַס—זעלדקע, דוואָוירקע, וואָס האָבן מיט לאַכן, מיט בויזעק געענטפערט.

אָט שטופּט זיך אין פאַבטויער אַן אוילעם יוגנט. זיי האָבן דעם היינט, דעם ווירקלעכן היינט, און צווישן זיי דער כאַוועד אבוכאָוו, דער נייער סעקרעטאַר פון פאַר־קעמערל. אַ גרויסן שטערן האָט ער, שפּיציקע שלייפן מיט האָר שטייפע אַפן קאָפּ. ער איילט זיך אַף דער מאַשינע סטריגעווען ברעגן, און צוזאַמען אופּ־פּאַסן די ברעגן פון דעם גייעם טאָג, און עם הילכט דער דריטער גלאָקן־קלונג: אַפן אָרט, יעדערער אַף זיין אָרט.

און אין דעמזעלבן פאַרנאַכט, ווען נאָסן איז געלאָפן אַהיים צו איר, זיין הויכינקער, וואָס ציט זיך צום נייעם לעבן, האָט אים בערל קאזשדאן אַרומגע־כאַפּט מיט גוואַלדיקער פרייד. געכאַפּט טאַקע קושן — אך, אך, איך זוך דאָך דיך אַרום. איך בין אַפילע געווען אין פאַבריק, האָט מען געזאָגט, אַז דו ביסט ניטאָ אַף דער אַרבעט, דו זוכסט אַ דירע, כאַ, כאַ, האָסט דאָך מיין גאַנצע שטוב!

— וואוהין האָסטו זיך דאָס אַזוי פאַרפּוצט? מיטן זאַק אַפן פּלייצע? — האָט נאָסן געפרעגט.

— הער, הער, אייל מיך, אונזערע זיינען שוין דאָרטן אַוואַדע אַפן וואָקזאַל. מיר פאָרן אַרבעטן און לערנען אַפן זומער. הער, די קינדער האָב איך היינט אַרי־בערגעפירט אין זייער אַ גוטער היים. זיי וואַקסן זייער גוטע יאַטן. אָבער דוואָוי־רעלע, הער נאָסן, כאַווער, קום צו איר אָפּטער. נאָסן ברודערל מעגסט אַ קוק טאָן אַף איר אָפּטער. זי קומט צו זיך, איך אייל מיך. זיי געזונט, זיי געזונט.

אַ באַראַשטער איז נאָסן אַהיים געגאַנגען. אין טיר האָבן אים אויגן באַגעגנט, אויגן אין שוואַרצע רעמעלעך, וואָס ציען זיך צום נייעם לעבן...

# קולינקע

## I

באַ דער אַלט־געבויגענער קוזניע, וואָס אַף דער מיט פון גרויסן ציילעם־שליאַך, איז געשטאַנען דער אַלטער לייזער, מיט דער האַנט איבערגערעכלט איבער די אויגן, און געקוקט צום געצונדענעם מיזרעך־ראַנד, מיט וואַלד־שפּיצן צעפלאַמטע, און איבער זיי — אַ רויטער בעזים, וואָס האָט דאָך עפּעס באַדייט...

און אָפּגעקרעכצט האָט דער אַלטער: אָך, אָך, וויפל וועט זיך נאָך גיסן בלוט אָט אין דעם קאַנט...

און דאָ באַ זיינע פיס, אַף דער פריזבע באַם קוזניע־שטיבל, איז עלקעלע געזעסן, געקוקט אים אין מויל און פון די ליפּן אָט דאָס בייזע וואָרט אַראָפּגעכאַפּט:

— בלוט, זאָגסטו, זיידע? וואָס? עס גרוילט מיך, זיידע, דערמאָן מיר ניט. בלוט מיט פּאַסן לייב געמישטע, האָב איך מיט מיינע אויגן געזען. זיי שטאַרבן, די פּויערים, זיידע, זיי שטאַרבן. פאַרשטיסן האָט מען זיי, די בעסטע געראָטענע באָכערים. כ'האָב געגרוילט קוקנדיק, מיין האַרץ האָט פון ווייטיק געפּלאַצט. קוק, זיידע, צי זייגען מייגע האָר גיט ווייס געוואָרן, ווי דייגע?

וואָלט אַזאַ אַלטער לייזער, וואָס האָט אָט דאָ מיט זיין קוזניע דורכגעמאַכט אַ ווייסט לעבן, זיינע אויערן פאַרשטאָפּט און ניט הערן, ניט זען, וואָס אַרום טוט זיך, ביז זיינע אויגן וועלן זיך אַף אייביק פאַרמאַכן, ווען ניט אָט די יונגע עלקעלע, וואָס האָט זיך געבן אים דערהאַלטן פון אַ גרוים געזינד, ווי מעקענע צעשטויבט אַף אַ גאָרער וועלט, — ווער ווייסט גאָר, וואו עמיצנס געביין געפיגט זיך, און ווי אַ דין ריטעלע איז זי, עלקעלע, אין אַ בוים אויסגעוואקסן און אַזוי־שיין זיך צעבליט. אָבער צי קאָן ער זי נאָכקוקן אין אַזאַ געפערלעכן עלטער, אין אַזאַ טומלדיקער צייט? — שלאָפט ער ניט קיין נעכט, און וואַרט זי מיט אומרו, וואו בלאָנדזשעט זי ערגעץ, זיין עלקעלע, אין דאָרף, צי אין וואַלד, צי אַף שליאַכן, אָן אַ מאַמעס אַן אויג?

אָך, עלקעלע, ווי אַ יונג ציגעלע פון סטאַדע אָפּגעריסן ביסטו, און הענטלעך האָסטו שטייפיגקע, און פיסלעך — פלינקע, שפּרינגסטו מיט סימכע, און ווי וועלפישע קוקן — באָכערישע אויגן אַף אַ פרעמד אידיש מיידל, און קיין מאַמעס אויג, וואָס זאָל נאָכקוקן נאָך דיר, איז ניטאָ...

און ווי רעגן אַף צעהיצטע גראָזן, פֿאַלן יעדן טאָג דיזעלביקע ווערטער אַף איר יונג האַרץ, קעכלען און צערטלען און שטייפֿן זי, און אומעטום זעט זי מיט סימבע, אַז ווי ווענישע קוקן — באַכערישע אויגן, כאַ, כאַ, כאַ.

גאָר ערשט פֿילט אַליין דער אַלטער, אַז אַט די ווערטער זיינען צו יונג און גיט דערוואַקסן פֿאַר איר. קוקט ער מיט אַלטע אויגן און הערט זי מיט וויטיק, און זיין אַלטער קאָפּ באַברעט זיך און אירע געבראַכטע יעדיעס:

— פֿאַרשמיסן? זיי שמאַרבן? די בעסטע פּויערים! וועלן זיי מאַכע אַט די מאַשכיסים, דייטשן, אויפֿרעסן, ווי די היישעריקן? איז וואָס דערציילסטו, עלקעלע, פּריצים באַלעבאַטעווען ווידער? אַז האָרט אין קהאַך, וואו מע האָט די רויטע אַף קלויסטערס געהאַנגען, האָט מען אַ העטמאַן געקרוינט? פּלאָגט דעם אַלטנס קאָפּ — אַף וועמען לאָזט מען עלקעלען איבער? וואָלט ער צוגעמאַכט די אַלטע אויגן און גאָרנישט געזען, ווייל ער באַנעמט שווער אַלץ, וואָס דאָ קומט פֿאָר. ניט אַנדערש, אַז וועלט איז מעשוגע!..

האָט שוין די פּרימאָרגן־זון געטרונקען פֿולע בליטן־בעכער טוי, וואונטשן און פֿרייד געשפּריים אַרום־אַרום.

האָט עלקעלע איר האַרץ געפּרעסט צום הויבן, זאַפּטיקן גראָז. געפֿילט, ווי זונען־שטראַל זוכט איר באַק.

— זיי, קולינקע, אונזער אַטאַמאַן אין וואַלד, — האָט איר דער פֿריילעכער מאַקאַרקע אָנגעבאָטן, — אַ וואַלד־קרוין פֿון שענסטע בלומען וועלן מיר דיר אויספֿלעכטן, וועלן מיר דיך באַקרוינען, און יעדן לעבעדיק־געפּאַנגענעם סוינע וועלן מיר צו דיינע פֿיס לייגן, דיין שפּיז זאָל אין זיין האַרץ בויערן און הייסע סאָנים־בלוט זאָל דיך באַשפּרינקלען, און דעמאָלט, ווען דיין מיידל־האַנט וועט ניט אַ ציטער טאָן, ווערן מיר אומבאַזיגטע...

ווי דעם זיידנס מאָדנע טילים־געזאַנג אין גרויסע פֿאַרטאָגן, אַזוי סוידעסדיק האָט עס צו איר האַרץ געשפּראָכן, אַזוי רייצנדיק האָט עס פֿון זיין באָכער־מויל געגאָסן זיך, ווי פֿון מירמלשטיין־מויל — אַ וואַסערל:

— ביסט מאַסקים, קולינקע? ביסט מאַסקים! כ׳האָב גאָך דיינע אויגן גע־טראָפֿן. גיב, לאָמיר דיך אַרומנעמען און דיינע ליפּן קושן!

ווי שמאַרקער וויין האָבן קושן איר קאָפּ געטומלט... איר האַרץ געפּולט, גערעגט. איז זי אים נאָכגעלאָפֿן, דעם פֿריילעכן מאַקאַרקען, וואָס פֿלעגט אַלטע קעפּ אין דאָרף פֿאַרכאַפּן מיט מאַיסעס און כאָכמעס פֿון פֿראָנט געבראַכטע. פֿאַרוואָס ניט געקושט זיין? פֿאַרוואָס ניט געקרוינט זיין? פֿאַרוואָס ניט לויפֿן מיט אים אין וואַלד אַריין טיף, טיף?..

שוואַרץ, ווי אַ גאַלעד־רעליע, האָט זיך נאַכטיקער וואַלד אַף אַלע קנעפּלעך פֿאַרקנעפּלט. גאָר ווי דורך ברייטע הענגענדיקע אָרבל וואָלט דאָס ווינטל זיך אַריינגערים, אַ ווינטל, וואָס האָט מיט פּרילינגפֿולע ליפּן אַף פּלאַם פֿון צעלייגטן שייטער געבלאָזן, געשפּריצט מיט קנאַק פֿון דינע צווייגן אַף פּעגימער, ווי פֿאַרוי־

בערט קופּער מיט העלן גאָלד געבלענדט, פון אַפּלען, ווי פון קליינע קלייענדיקע זונען דינע שטראַלן געצויגן.

איז זי איינע אַ פרוי געווען מיט אַזוי פיל מענער אין נאַכט, אין ווייטן וואַלד, גאָר גיט קיין איימע האָט זי געפילט אין איר האַרץ.

וואָס זשע וויל ער איר זאָגן, אָט דער טאַראַס, וואָס האָט פון פּראָנט איין אָפּגעשניטן אויער מיט אַ פאַרנאָטעוועט פּאָנעם. זי לאָזט קיין צייט נים פאַרלירן:

— אומזיסט מיינט טאַראַס, אַז איך בין דאָ פאַרלאָפן אין וואַלד אַריין, ווי אַ פאַרמאַגיעט ציגל, נאָר אַף לאָזן זיך קושן און גלעטן פון יעדערן. בין איך דען גיט גלייך ווי אַלע דאָ אין וואַלד אָנגעפולט מיט ביטערגיש און פיינטשאַפט צו אָט די נימעסע פרעמדע, וואָס האָבן, ווי רויב-פויגל, פון לעבן אַרויסגעריסן מיינע נאָענטע, און וואָס טראָגן ערשט אומגליק אין דאָרף אַריין? צי וועלן שוין מיידלעך קאָנען פריילעך זיין? צי וועלן שוין באָכערים טראָגן אַף די ליפּן אַ גוט וואָרט? זאָל מיין נאָמען קולינע אָפּגעווישט ווערן, אויב איך בין נים גרייט, ווי אַלע אָט דאָ אין וואַלד, געקאָמע געמען!

איז שוין די גאַנצע האַרטקייט פון קופּער, פון אַ געגאָטעוועט פּאָנעם מיט ווייכן אָפּגלאַנץ פאַרצויגן, גלעזערנע אומצוטרויליכע אויגן האָבן אַ לעבעדיקן בליק באַקומען:

— יונג מיידל, דיין טאָג, וואָס דאַרף דורכגיין אין פרייד און געזאַנג, דיין אָוונט — אין צערטלען און וואָרקען פון אַ טויב, איז צי האָט איינער דאָ פון דער גאַנצער איידע קרעפּטיקער, אויפריכטיקער זיין וואָרט געהאַט? אין דיינע אָדערן דינגט געווים בלוט פון גרויסע זיידעס, אָבער דו ביסט דאָ צווישן אונז די יונגסטע, מיט ווייניקער געניטקייט, מוזטו גרייט זיין אַף ניסיונגעם!..

אַ האַרמאָניע מיט אַ פּייקל, אַ פּאָר באַלאַלאַיקעס האָבן גאַכט-אומעט געיאָגט:

העכער, קלעזמער! שטאַרקער, לוסטיקער! אַרום שייטער, אַף גרינעם ערדן-טעפּיך טאַנצן פּויערים-פּים: געוואָרפן, געקנייטשט און הויך געהויבן, פּים גע-קניטע, פּים געטופּעט, פּים אַף פינגער, פּים אַף קנאַפּל. טאַנצט, באַטראַקעס, יאָגט פּונדאַנען שוואַרצע אַצוועס אַף שוואַרצע פליגל. שוואַרצע סאָוועס בלענדן טעג. העט-העט פּונדאַנען! העט!

נאָר זי איינע נעמט קיין פרייד נים. איר קאָפּ עגבערט אַ געדאַנק, איר האַרץ איז פול מיט ניסאָיען:

— גיט שוין זאָל זי פאַרנאַרן אים, דעם יונגן טאַמענקען, וואָס האָט זי ערשט געכטן צו זיך אַפּן זאָטל גענומען און ווי אַ ווינט זיך געטראָגן, זיין בלישטשענ-דיק קאַפּטן אַף איר אָנגעוואָרפן, דער רעגן זאָל איר לייב נים ווייקן, און זיינע האָר האָבן זיך ווי דעמב-צווייגן געפּאָכט אַפּן ווינט, און זיינע ווערטער-דימענט-שטיינער גלאַנצן און פאַלן ווי בליצן פון מויל:

— דו, קולינקע, ביסט דאָס שענסטע מיידל אין גאַנצן פּאָוויט, און איך — דער רייכסטער באָכער. זעסט אָט די ברייטע פעלדער מיינע, זיי וועלן נאָך פּאַר-

ברײטערט װערן, גאַנצע סטאַדעס פֿי אַף די לאָנקעס, זײ װעלן נאָך פֿאַרמערט װערן. װילסטו, קוליגקע, װערן די באַלעבאָסטע איבער דעם? דו לאַכסט, דו כױ־זעקסט, — װײסטו ניט, װער איװאַן כאַמענקע דער כליבאָראָב איז הײנט, און װאָס אים שטײט פֿאַר מאָרגן צו װערן...

איצטער מאָנט פֿון איר אָט די אײדעלע פֿױערים, זי זאָל איװאַן כאַמענקען מיט איר מײדל־רײץ אַהער אין װאַלד פֿאַרנאַרן, זײן צונג זאָל אױסגעשניטן װערן, — זײן צונג, װאָס װי יודאַ פֿאַרקױפֿט ער צו פֿרעמדע און פֿריצים דאָס אָרעמע פֿױערטום... אַ ציטער נעמט זי דורך, זי װיקלט זיך אין גראָען שינעל מיט רויטע אונטערלאַצן, װאָס דער פֿרײלעכער מאַקאַר האָט אַף איר אָנגעװאָרפֿן, און אַלײן האָט ער זיך געלאָזן אין פֿליגלדרײ פֿון טאַנץ, און עס בלאַנקען נאָר די גלאַנצן פֿון זײנע שטיװל אין צוזאַמענגאָס פֿון האַרמאָניע־, פּײקל־ און באַלאַלײַקע־קלאַנגען.

...ערשט שטאַרבן זײ, בײדע פֿױערים — דער פֿרײלעכער מאַקאַר און דאָס פֿאַרנאָמעװעטע פּאָנעם אָן אײן אויער, טאַראַס. פֿאַרשטײסן האָט מען זײ בײדן. װער, װער האָט זײ צו די סאָנים אין די הענט איבערגעגעבן? װער? ניט שױן טאַקע איװאַן כאַמענקע?!

## II

זון האָט שאָטנס געשלונגען. װעגן ברוקירטע, שליאַכן נעזעמדיקטע, מיט גאָלד באַגלײזט.

אַפֿן שמיד־אױװן איז אַ קעסעלע מיט עסן געשטאַנען. דער אַלטער לײזער האָט געװיגט דעם בלאָזאַק, דאָס עסן זאָל גיכער פֿאַרטיק װערן.

— װאוהין קלײבסטו זיך, עלקעלע, װײטער? װאוהין? אָט איז דאָך שױן דאָס עסן פֿאַרטיק. דאַרף טאַקע אַ קינד, אַ מײדל אַרומקריכן אָט דאָרטן, אין אומרו?

— אָך, װאָס װײסט אַ זײדע, װאָס הײסט אַן אומרואיק האַרץ?

— גײן, זי װעט לױפֿן אָט אַזױ פֿון שליאַך אַראָפּ מיטן ברעג װאַלד דורך פֿעלדער און לאָנקעס — דאָרטן, װאו זי טרעפֿט אים אָפֿט, דעם יונגן כאַמענקען. זי װעט בלױז אַרײנקוקן אים אין די אױגן. אױגן זאָגן אױס, װאָס אין אַ האַרץ טוט זיך, און אױב איר סאָפּעק װעט פֿאַרשװינדן, אױב זי װעט נאָר גלױבן, אַז טאַקע, עמעס, ער, כאַמענקע, האָט די פֿױערים איבערגעגעבן, װעט זי שױן ניט אױסקלײבן קײן מיטלען, אַז זײן צונג זאָל אױסגעשניטן װערן און זײן קאָפּ זאָל אױפֿגעהאַנגען װערן.

אַזױ מאָדנע, מאָדנע האָט איר אַלץ געדאַכט. ניט געמורמלט האָט דאָס װאַסער אין טײַכל, פֿױגל האָבן ניט געזונגען, ניט געװױנט האָט זיך דער װאַלד, אַזױ אומעטיק שװער, װי איר האַרץ, װאָס סאָפּעקט: צי לאָזט זיך עס גלױבן, אַז אַ ברודער זאָל אַ ברודער איבערגעבן?

האָט זי אים אָבער הײנט אומזיסט געזוכט, ערגעץ האָט זי אים ניט געפֿונען. אין איר סאָפּעק נאָך גרעסער געװאָרן, צי איז ער גאָר, כאַמענקע, דאָ, צי איז ער

שוין גאָר לאַנג נים אַוועק, ווי ער האָט זיך באַריממ, און צי וועט ער זיך גאָר אומקערן?

איז וואָס זשע וועט זי ערשט מאָן דאָרטן בא איר זיידנס קוזיניע־הייזל? ניין, זי וועט נאָכאַמאָל צולויפן אין דאָרף אריין. אָבער אָט אַזוי וועט זי מאַכן אַ גרויסן אַרום ביז דער באַמע, וואו עס ליגן די פּאַרשמיסענע.

אינמיטן פון רעגן אויסגעוואַשענעם ברוקיר־וועג, האָט זיך געצויגן דייטשיש מילימער, געגאַנגען קאַלט און פעסט, ווי פון אַ געוואוגענער שלאַכט, געזונגען גיצאָכנדיק און געזיים איימע און ציטערניש. מיט די פיל פאַרגומענע שטראָף־טראָפּייען אַף פול־געפּאַקטע פויערשע פורן — בעהיימעס, שעפּסן, באַזיירים, אויפעס — זיינען אויך מיט דעם צוזאַמענגעבונדן געגאַנגען באַוואַכטע פויערים, וואָס מע האָט שוין גאָר אַף לעצט פאַרגומען אַלס אָחוועס־לייט...

קולינקע האָט דאָס דאָרף געפונען אַן אויפגערעגטס, אַ צעשראָקנס. אין וואָלאָסט־הויז זיינען די פאַרשמיסענע געלעגן. שפּאָגל נייע וואַרטעס האָבן דעם אוילעם געטריבן מיטן לעדערנעם קנופּ. קולינקע האָט זיך אויך געדרייט צווישן פויערים, געוואָלט הערן, וואָס רעדט מען.

ערגעץ האָבן ציינער געקריצט, אָבער אָן אַ קיים. ווען קולינקע האָט זיך אהינצו דערנענטערט, האָבן זיי זיך מיט כשאַר אָפּגעקערט, האָט זי זיך איינע גע־דרייט אין דאָרף — אַ פרעמדע, פאַרוואָס? צי האָט אין נאַכט אַ שלאָף זי גענומען? צי טראָגט זי נים אַ מאָג, ווי אַלע, דעם ווייטיק פון דאָרף?

עפּעס האָבן זיך מענטשן אין קיין שטוב נים געהאַלטן, פאַר קיין אַרבעט נים גענומען. מיטן נעשטויבטן שליאַך האָט זיך אַ פור אָנגעטראָגן, אָפּגעשטעלט זיך באַם געוועזענעם שענק־פּלאַץ — אַ גאַנצע קאַפּעליע בלינדע. פונוואַנען און וואָס געקומען? און אַלט, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט און אין איין טאָג געבוירן, מיט קעפּ ווייסע, מיט שטערנס הויכע, מיט פּענימער, ווי געקניישטער פּאַרמעט, וואָנצעס, ווי בייגל געדרייטע, אַרום גלאַטע בערד, מיט גוף און מאָרבע איינגע־וואַקסן, און באַ די קונציק פאַרוויקלטע לאַפּטיעס זיינען בולעוועס געלעגן מיט באַנדורעס באַהאַנגען, און געשפּילט האָבן זיי רירעוודיק, געזונגען מיט יונגע שטימען נים פון אַלטן לאַזער, נאָר פון גרויסן העטמאַן, וואָס געזאַלבט האָט מען אין אוקראַינע, אין דער קרוינשטאָט קיעוו, אַף דעם גרעסטן פּלאַץ, אין רייכסטן קלויסטער מיט הייליקסטע געמעלן. פון געל און בלאָ איז זיין קלייד, מיט אַ בו־לעווע אין האַנט. אויגן — ווי בורשטין, ווי טוואָרע צייטיקע איז זיין וואָרט, ווי בינען־האָניק גיסט ער זיך צום אוקראַינישן פאָלק, וואָס בלאָנדזשעט, פאַרפירט פון מאָסקאַלן, ווי זונדיקע וואָגלער, אָן גאָט און אָן הערשער. אַ דאָרף מענטשן, ווייבלעך, מיידלעך, קינדער האָט זיך אַרומגענומען, געגאַפט, געוואונדערט זיך און געשראָקן.

איז קולינקע אין אַ זייט געשטאַנען, און איינער געבן איר אויסגעוואַקסן. אייגער אַ פּאָוואָדיר מיט אַ בלעכן שיסל אין האַנט.

— ווי שיין ביסטו, מיידל, ווי די זון וואַרימט דיין בליק, אָט הער איך פון

הימל דיין נאָמען קולינקע, פון אַ פרעמד פאָלק מיט אַ נימעסן גלויבן, אָבער זע, דער הימל צייכנט דיר אַ וועג צום עמעסן גלויבן. ווייל דער, וואָס האָט דיך ליב, איז רייך מיט גוטס און מיט קאָוועד, איז צו וואָס זאָלסטו זיך פלאָנטערן אין אומשולדיקער קאָפּ צווישן בונטאַרן? אָט זע איך אַ טרער פון דיין אויג, וואָס איז מער ווערט, ווי זייער אַ צעבער בלוט.

נישטוימעס איז זי געשטאַנען, ער האָט געהאַט פאַרפּלוסקעטע אויגן, אַ געשטופּלט פּאָנעם, ווי אַ ריביזן, אָבער אַזוי קענטלעך דאָס קאָל, אַזוי טשיקאַווע זיין וואָרט.

איוואַן באַמענקע — האָט זי זיך דערמאָנט, — נאָר ער האָט זיך שוין אין אוילעם נעדרייט מיטן בלעכענעם שיסל און געבעטלט. דער אוילעם איז אַזוי פאַר־טומלט געווען, אַז מע האָט ניט באַמערקט די מאַשין, וואָס האָט זיך מיטן שליאַך געטראָגן, קיינער האָט אַפילע ניט געהערט די סירענע וואָרענונג, און די מאַשין האָט זיך אינמיטן אַריינגעשניטן, און קוילעס האָבן די לופט אָנגעפילט. האָט זי, קולינקע, געכאַפּט אַן ערשטן שטיין און נאָך דער מאַשינע געלאָזן. נעמט שטיינער, — האָט זי גערופן. און כעוורע האָבן זיך נאָך איר געלאָזט מיט שטיי־נער נאָך דער מאַשינע, וואָס איז הינטערן שטויב נעלעם געוואָרן. סטעפּעניע פויערים האָבן געשריען: נימע, נימע. נאָר זי, קולינקע, האָט ניט געהערט און נאָך אַלץ געלאָפן מיט יונגוואַרג און שטיינער געוואָרפן, ביז עמיצער האָט זי פאַר די צעפּ אָנגעכאַפּט און אָפּגעוואָרפן:

— גיי אין קאַפּאַקאַל, זשידיווקע! וואַרט, דו וועסט נאָך האָבן דיין סאָף!

דאָס איז געווען כוועסקע — אַ פאַרשיקערטע סאָלדאַטקע.

---

אין מאַירעוו־האַנד האָבן מאַרמאָרנע ריזן גלוטיקע קוילן געקייקלט. קולינקע איז אייגנע אַהיים געלאָפן, בײַ דעם שמיד־שטיבל האָט איר אייגנע אַ ציגייגערן דעם וועג פאַרשטעלט, געבעטן זיך:

— ווייז קאָרשט, מיידל, דיין הענטל, וועל איך דיר דיין מאַזל אָפּטרעפן, איך וועל דיר זאָגן אַפילע, וואָס נעכטן איז געווען.

— כאַ, כאַ, כאַ, וועגן נעכטן? — וועגן היינט קריכט שוין מיר פון גאָרגל! אָט וועגן מאָרגן וואָלט געווען טשיקאַווע הערן, איז אָבער גלויב איך ניט, ווייל יעדערנס מאַזל איז דאָך צונויפגעבונדן מיט אַ דאָרף אָדער נאָך מערער.

— ווי ספּרימנע דו ביסט, קליינע. דערלאַנג, דערלאַנג דיין הענטל. דו ביסט אַזוי שיין, אַז פון יעדן מויל שפּריצט צו דיר אַ בראָכע. אָט נאָך די צייכנס פון דיין דלאָניע זעט מען, אַז דער מאַזל וועט דיר נאָכגיין, ווי אַ געטריי הינטל.

— זאָג, זאָג, אַלטע.

— ער וועט דיך וואַרטן ניט ווייט פון דיין היים, ער איז אי שיין, אי רייך, ער וועט דיין נאָמען אין זיין זאַטל אומטראָגן, דיך צו אַן עמעסן גלויבן, צו אַ רייך לעבן.

— זאָג, אַלטע, איך ווייס, דאָס האָט דיך געשיקט איוואַן באַמענקע!

איז שוין די אַלטע געלאָפן צוריק אַהין, צום צעליינטן שייטער אין פּריילעכן טומל פון ציגיינער־לאַגער.

כאַמענקע, כאַמענקע, — צי דאַרף זי טאַקע זיין קאָפּ גיט לאָזן הענגען אַף דער ערשטער ווערסט, און ניט אָפּווישן דעם כשאַד פון זיך אין די אויגן פון אַ דאָרף? יאָ, מאָרגן וועט זי אים גיין באַגעגענען!

## III

ניט געוואָרט האָט דאָס מאָל דער אַלטער לייזער אַף זיין עלקעלען. זי האָט אים אין בעט געטראָפן אַ האַלבן גויסעס. ער האָט נאָר געקאָנט אַרויסזאָגן עטלעכע ווערטער: זי זאָל רופן דעם אַלטן פּייוול דעם שויכעט. ער וויל ווידע זאָגן, און מיט אויסגעלאָשענע אויגן געקוקט איר אין פּאָנעם: עלקעלע איך שטאַרב, וועסט בלייבן איינציק ווי אַ פינגער.

דער זיידע שטאַרבט. דאָס האָט איר וויי געטאָן, שטאַרק וויי געטאָן. זי האָט אים היים געקושט, טרערן זיינען פאַרונען אַף זיין איינגעשרומפּן פּאָנעם, אָבער געזאָרן האָט אין איר יונג האַרץ עפּעס אַנדערש. האָט זי ניט געפילט, ווי אירע פיס האָבן זיך שוין גוט אָפּגעטראָטן פאַרן טאָג, האָט זיך לויפן געלאָזט מיטן ברעג פון וואַלד — איבערהאַקן דאָס דאָרף און אָפּן קורצסטן אויפן דערקלייבן זיך צו דער סטאַנציע, אויספילן דעם זיידנס לעצטן באַגער. פון וואַלד קענען לעוואָנע־שיין האָבן זיך אפן געלן זאַמד אויסגעלייגט מענטשלעכע שאָטנס. מיט איר שאַרף געהער האָט זי אָפּגעטיילט פון וואַלד־גערויש פערדיש טאָפּן אַף איין אָרט. זי האָט זיך קיינמאָל ניט געשראָקן פאַר קיין מענטשן. איצט אָבער, האָט זי אַ ציטער געטאָן, אַ וואָרף געטאָן זיך אין זיימיקן גראָז אַריין, האָט זיך אין זיי מיט אויגן איינגעשניטן, באַמערקט, ווי זיי טאָפּן דעם וועג, קוקן וואָס אויס — עפּשער אַ פור אָפן וועג? עפּשער וואַרטן זיי אַף וועמען? זי איז זיכער געווען, אַז זיי זיינען פרעמדע, אָבער ניט קיין דיימשן. אַזוי משיקאָווע איז עס געווען אין אירע אויגן. וואָס זשע טוען זיי דאָ? וואָס זשע דאַרפן זיי דאָ אַזוי נאָענט פון איר היים? איר האַרץ, וואָס האָט די לעצטע טעג ראַק פון צופאַלן געשלאָגן, האָט עפּעס אַף אומגעריכטס געוואָרט.

דער זיידע שטאַרבט, זיין לעצטער פאַרלאַנג ווידע זאָגן! — האָט אין איר קאָפּ אָפּגעשלאָגן מיט פאַרוואורף, און זי האָט זיך פלינק ווי אַ פוקס אַ גליטש געטאָן אַרויס און געלאָזט זיך שנעל מיטן וואַלד. נאָר עפּעס האָט איר האַרץ צוריק געצויגן! מענטשן און אַזוינע מאָדנע און אין אַזאַ שאָ, אָט דאָ נאָענט געבן איר היים! האָט זיך אומגערן פון איר האַרץ אַרויסגעריסן אַ ווילד־מיידלשער: אַהאַ־הו!

אַ גרופּע מענטשן, און זי איינע.

— פונוואַנען גייסטו, מיידל, און אין אַזאַ שאָ?

— מיין זיידע שטאַרבט, און איך לויף אַף דער סטאַנציע רופן אַ אידן, ער וויל ווידע זאָגן.

— ביסטו פון דאָרף?

— ניין, אָט דאָ אַפן קרייז פון שליאַכן איז אונזער קוזניע, אָבער איך בין אַלע טאָג אין דאָרף.

— ווען ביסטו לעצט אין דאָרף געווען?

— אָקאָרשט האָב איך זיך פון דאָרף געקערט.

— דערציייל זשע אונז, האַרציניקע, וואָס טוט זיך אין דאָרף. מיר דאַרפן עס וויסן.

ווערטער אַזעלכע האָבן נים געפרייט, גאָר ווי מיט אַ דובינע איר דערלאַנגט, זי האָט קאָפּ געבויגן:

— צאָרעס גרויסע, צאָרעס איז אין דאָרף. אָבער וואָס ווילט איר וויסן? איך קאָן גאָרנישט דערציילן. דאָרף האָט מיך אַזוי אויך פון זיך אָפּגעשטויסן און ניט געלאָזט מיך טיילן זיינע ווייטיקן. דאָרף באַשולדיקט, אַז קולינקע ט'עס פאַרקויפט, צוזאַמען מיט אירע סאָנים גייט קולינקע, די זשידאָווקע!.. איר קומט פון היגטער מיכאַילעווער בוטער? איר זייט רוימע. איך שטויס מיך אָן, איך קאָן דאָ יעדן אָרטיקן, און איר זייט נייע, פרעמדע.

— אָך, ביסט צו נייגעריק, מיידל, אָבער שטעל זיך פאָר, אַז דו ווייסט, וועט מיר זיינען, דערציייל, וואָס דו ווייסט פון דאָרף. אַז מיר האָבן שוין יאָ אַזעלכע באַגעגנט, איז פאַר וואָס זאָלסטו טאַקע ניט פירן אונז אין דאָרף אריין?

— איך, איך ווייס אַליין, און איך וואָלט גערן גיין מיט אייך, אויב איר מיינט באַפרייען די פאַרשמיסענע פויערים. אָבער וואָס זאָל איך טאָן! — דאָס איז אַ לעצטער פאַרלאַנג פון אַ זיידן און דערנאָך בלייב איך איינינקע, ווי אַ פינגער.

— ניין, מיידל, פאַרשטיי, אונזער צייט קאָן טייער קאָסטן אונז און דאָרף-אַגעף, ווי זאָלן מיר דיר טרויען, אַז דו אַליין מיינסט, אַז דאָרף איז דיך כווישעד? אי-בערצייג אונז, קולינקע, אין דיין אויפריכטיקייט. מיר זיינען פרעמדע און האָבן רעכט יעדן כווישעד זיין, פאַרשטיי אַליין...

איין מינוט איז קולינקע אין פאַרלעגנהייט, ווי צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט געווען, און גלייך באַשלאָסן:

— זאָל דער זיידע שטאַרבן אָן ווידע! זאָל ער! איך גיי מיט אייך צו די פויערים, וואָס פּלאָגן זיך אין זייערע וואונדן. איך גיי מיט מיט אייך, ווייל יענע ווייטיקן זיינען שטאַרקער ווי מיינע.

— עלקעלע — איך וויל ווידע זאָגן! האָט זי אין נאַכט געהערט דעם זיידנס קאָל.

— רוקט זיך אַריין טיפער אַביסל אין וואַלד אַריין, עפּעס זייט איר גאָר קנאַפּ אין צאָל. דאָרטן זיינען דאָ אַ צען וואַרטעס אין דאָרף, אַ טעלעפאָן פאַרבונדן מיט דער סטאַנציע, מיטן צוקער-זאַוואָד, וואו עס געפינען זיך אַ וואַרטעס, אַ נענוג דייטשן. מע מוז עס גוט באַטראַכטן.

— ריכטיק, מיידל, מע מוז באַלד אַלץ באַטראַכטן, מיר זײַנען לעסאַמע קנאַפּ, אָבער, אַז מע באַגעגנט אָט דאָ אַזאַ מיידל, ווי דו ביסט, צי ווערט גיט באַ יעדערן די דרייסטקייט צען מאָל גרעסער? קום באַטראַכטן. צייט איז גאָר דאָ. ווי מיינסטו, צייט איז נאָך דאָ?

ערשט האָט זי מעגלעכקייט באַקומען באַטראַכטן אַ מענטשן, ווי מיט קופּער אַ פּאָנים באַצויגן און פּאַרויכערט און פאַרלעדערט, און דאָס האַרץ האָט אַ ברויז געטאָן. זי האָט זיך דערמאָנט אַ נאָמען, וואָס האָט זיך די לעצטע טעג געטראָגן פון מויל צו מויל: „קרופּינקאָ" האָט דער נאָמען געהייסן, קרופּינקאָ, — אָט דאָס זוכן אים די דייטשן אַרום. ניט שוין איז ער דאָס פון די ווייטע וועלדער געקומען אַהער?

— הערסטע, מיידל, זאָגסטו, אַז ביזן ערשטן האָנען־קריי קען מען זיך צו־ריקערן פון סטאַנציע. אַ גלייכע זאַך. זאָלסט אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך, און דיין באַוואָר, וואָס איז באַקאַנט דאָ מיט יעדן שטעגעלע, וואָלט צונוץ געקומען.

— כאַ, כאַ, כאַ, ער איז אַ הויקערל, מיין כאַוואָר, און אַ האַרץ האָט ער אַזאַ, וואָס בענקט נאָך אַ אייגן אידיש לאַנד, זיצט ער דאָ אַף דער סטאַנציע און ער קעמפט, זאָגט ער, דאָ טאַקע, אָבער פאַר דאָרטן, פאַרן ווייטן אייגענעם לאַנד.

איז צי דאַרף ער אַמאָל ניט קעמפן פאַר אייגענעם דאָרף אויך?

## IV

בײַ דער סטאַנציע האָט זיך אַ מאַרק מיט קרעמלעך געצויגן, באָכערים און מיידלעך האָבן אַפן ברוקיר־וועג געשפּאַצירט. אַ שטאַרק באַבערדיקטער האָט מיט זיי אייגנטאַטאַיגעט וועגן צוויי ווערטער — לאַבאַריזאַציע און פּראָלעטאַריזאַ־ציע, ביז איינער אַ באָכער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— כאַוואָר שמועל, אָבער פאַרוואָס טאָר מען ניט מישעבאָוו שפּילן קיין כאַסענעס, און שאַבעס נאָכמו מעג מען שפּילן כאַסענעס? סאַכאַקל איז דאָך אינמיטן אַ גאָרנישט מיט אַ נישט!

דער כאַוואָר שמועל איז געבליבן מיט צוויי אויסגעשפּאַרטע אויגן: וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָשל צו אַ טאָרבע פלעקער, דאָס האָט גאָרנישט צו מאַרקסיזם. וואָדען, ער קאָן אים טרייסטן, אין דעם אייגענעם לאַנד פּאַלעסטינע וועט די גאַנצע פראַגע אָפּפאַלן, ווייל דאָרטן וועט מען אַ קיילעכיק יאָר מעגן שפּילן כאַסענעס.

קולינקע האָט פון אַ זייט אונטערגעקוקט, צי איז דאָרטן ניטאָ איצעלע דער הויקער. זי האָט זיך ניט געוואָלט באַגעגענען מיט אָט דעם כאַוואָר שמועל, ווייל זי האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זאָל אַ מענטש פאַרלאָזן אַ באַרד און וועלן אויסזען מיט פערציק יאָר עלטער, פאַרוואָס זאָל ער גלאָצן מיט די אויגן איב־דערהויך און ריידן אַזעלכס, וואָס זי זאָל ניט פאַרשטיין? אָט האָט זי פאַרשטאַ־

צען מאקאַרקען, אָט הײנט האָט זי באַגעגנט פרעמדע מענטשן און פאַרשטײט דאָך, װאָס זײ רײדן, און אָט דער סאַמואיל זאָגט איר שטענדיק:

— זי איז פאַרפױערט, פאַרגרעבט געװאָרן און קאָן ניט פאַרשטײן, פאַרװאָס די גאַציע לאַבאַריזירט זיך און קאָן זיך ניט פראָלעטאַריזירן, נאָר אין איר יע־דושע־לאַנד װעט זי זיך אַגראַריזירן און פראָלעטאַריזירן און קעמפן פאַרן סאָ־ציאַליזם. פאַרשטאַנען?

ניין, איר קאָפּ פאַרנעמט עס ניט, אירע אױערן זײנען פול מיטן קרעכץ פון די פאַרשמיסענע פױערים און װאָס גיכער װיל זי זײ גײן באַפרײען, און זאָל דאָס אַפילע איר קאָסטן דעם קאָפּ. שמעקט זי און קוקט אומעטום. אָט דאָרטן בײַ לײב דעם פישער איז ליכטיק און פֿרײלעך, אידן מיט דײטשן. רוקט זי זיך אַרײַן פאַמעלעכקע. אַן עסטרײַכער אַ קריגס־געפאַנגענער איז דער טאַלמאַטש:

— עס זײנען הײנט אַװעק די עלטערע, אַװעק אין שטאָט, און זײ שטײען בײַ די צוקער־לאַגערן און קאָנען אַרױספירן אַ צענדליק זעק צוקער אױף אײגענע פערד פאַר אַ סאָלידן פרײז.

דינגען זיך אידן מיט דײטשן, און קולינקעס האַרץ שלאָגט האַסטיק, ביז עמיצער באַמערקט זי:

— װאָס האָסטו געװאָלט, מײדל?

— פײװל דעם שױכעט דאַרף איך, דער זײדע שטאַרבט.

אין יענעם הױז איז פײװל דער שױכעט, ער שטײט און פליקט דאָס העלדזל באַם האָן מיטן באַלעף אין מױל, און אַרום שטײען װײַבער מיט אַ בראָכע צו זײנע הענט. קײן אײן הון װערט ניט טרײף. ער איז אַ בײזער איד, פײװל דער שױכעט, ער האָט אַ טאָכטער אַ גראָע מױד, הײסט זי „עליזאַװעטאַ פּאַװלאָװנאַ", איז זי אַ דאַנטיסטן אָן אַ קאַבינעט און האָט ניט ליב קײן אידן און קײן פױערים און גלאַט פּראָסטע מענטשן, אָבער פײװל דער שױכעט קאָן לױפן הונדערט װערסט צוליב אַ מיצװעלע.

— אַזױ, ער שטאַרבט? ער װיל װידער זאָגן? פײן, פײן, װאָרען מ'ער גע־מײנט, ער װעט גאָר קײנמאָל ניט שטאַרבן? אַ איד צװישן פױערים פאַרבראַכט אַ לעבן.

העלפן אים װײַבער, שנײַצן די נעז אין די פאַרטעכער:

— יאָ, אַ מאַיכעל צװישן גױאים לעבן און שטאַרבן. אַ מאַראכע, װאָס די דײטשן האַלטן זיך, אַז ניט װאָלט מען אױסגעקױלעט.

— װעט איר גײן, רעב פײװל, ער שטאַרבט דער זײדע.

— גײ, גײ. ער װעט ניט שטאַרבן, ער װעט מיך מוזן װאַרטן, אַ איד קאָן ניט שטאַרבן אָן װידע, ער װעט װאַרטן.

זי האָט זיך פון שטוב אַרױסגעשאַרט. ערשט מוז זי אױספירן איר שעלי־בעס. מיט הינטערשטע געסלעך גאַנװעט זי זיך צו איצעלען, יאָ, ער איז אַלײן. ער זיצט אױפן טיש, די קני אונטערן האַרצן. דער קאָפּ זיצט, װי אין אַ קעמל־רוקן. װאַרפט ער מיט די בײנעדיקע הענט און זינגט:

— איך זע, ווי די שמערנדלעך לעשן זיך איינציקווייס, ניין, ניט געדוועריק לאַנג וועט די נאַכט.

און ראַפּטום איז עלקעלע בײַ אים אין שטוב, אַזוי שיין איז זי, עלקעלע, און אַזוי קאַפּריז!

— נעם פאַרלעש דעם לאָמפּ, איך וויל ניט, מע זאָל זען, אַז איך בין דאָ, — און גלייך שטעלט זי אָן אירע ליפּלעך אױפן לאָמפּ, גיט אַ בלאָז און פאַרלעשט.

— צוליב וואָס, עלקעלע, איך האָב אַזויפיל אַרבעט, פּריצישע אַרבעט, כ׳האָב זיך גאָר געקליבן זיצן ביז טאָג, כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט געקומען מיר העלפן.

— דער זיידע שטאַרבט, איך בין געקומען רופן דעם אַלטן פּייזיל, ערשט לויף איך צוריק.

— איינע אַליין, עלקעלע, איצטער איז אַזוי ניט רואיק. נעכטן האָבן די דייטשן דאָ אומעטום אַרומגעזוכט איינעם אַ קרופּינקא מיט זיין בעוורע רויטע, ער האָט שוין אַ היפּש ביסל באַלעגופים און צוריקגעקערטע פּריצים אויסגע־לייגט, און דאָס דאַרף צוּ זיך צו אים, ווי אַ בין צו האָניק. דערלויב מיר, וועל איך דיך באַגלייטן, עלקעלע.

— קום, האָט זי געזאָגט, — נאָר אָט אַזוי, אין טונקלקייט, קיינער זאָל אונז ניט באַמערקן. זי האָט צוגעדריקט זיין ביינערדיקע האַנט, און זיין האַרץ איז אי פון זיסקייט פאַרגאַנגען, אי פון שרעק:

— פאַרוואָס עפּעס צום וואַלד, האַ, אַזוי שפּעט אין נאַכט?

זי האָט אים איר הענטל אױפן מויל געלייגט:

— שאַ, שטיל, פרעג ניט, זעסט — אָט דאָ שטייט אַ געזאָטלט פערד, קאָנסט זיך מיט מיר אַריינזעצן אין איין זאָטל, אַז ניט, קאָן איך זיך בלויז אויפן פערדס האַלז אונטערהענגען. ווייסט דאָך, איך קאָן פאַרשיידן רייטן.

יאָ, דאָס ווייסט ער, ער רייט אויך ניט שלעכט, נאָך ביז ער איז אַ שניידער־געוואָרן האָט ער דעם פאָטערס פערד מיט פאַסאַזשירן געטריבן צווישן באַן און צוקער־זאַוואָד. און אַמאָל ספּעציעל בריוו געפירט רייטנדיק, אָבער וואָס פאַר אַ פערד איז עס, און וואוהין וויל זי אים פירן אין שפּעטן אָוונט אַריין?

— אָך, ווי דו ציטערסט, צעשראָקענער איצעלע. הער, איך האָב געוואַלדיק פיינט דיין שמועלן מיט דער באָרד, און דיך וועל איך נאָך טאָפּלט פיינט האָבן, אויב דו וועסט מיר אויך רעדן, אַז איך זאָל ניט פאַרשטיין. אָט זאָג מיר, מיט וועמען ביסטו — מיט די רויטע, צי מיט די דייטשן, מיט די פּריצים? מיט וועמען ביסטו? האָסט ליב דאָס דאָרף? צי דו האָסט עס פיינט, ווי כאַמענקע, וואָס פאַרמאָסערט די בעסטע צו די דייטשן אָדער פּריצים? אָדער ווילסט זיך פאַר זיי אָנגעמען, ווי קרופּינקאַ דער באָלשעוויק?

נאָך קיינמאָל האָבן אַף אים ניט געקוקט אַזוינע נאָענטע ברילִיאַנטענע מיידלשע אויגן מיט שמרענגקייט, געמאָנט עפּעס פון אים אַפניך. ער האָט דאָך צוויי הויקערס געגלייכט, און זיינע איינגענע פּלאָנען צו פאַרלייכטערן האָט ער זיך־

פרי אָנגעהויבן קוויקן מיט אידישן גאָלעס. אָט די גאַנצע וואַניקייט פון נאַציע מיט קלאַס האָט ער מיט איינגעשפּאַרטקייט געטראָגן אַף זיינע הויקערס גרייט אין קאַמף, און אַז זיין צונג האָט זיך איינגעריבן און געמאָלן פלינק: מיר, די אי=דישע אַרבעטער סאָציאַל=דעמאָקראַטישע לינקע פּויאַלעציען און נאָך נאָך, — האָט ער זיך אויסגעגלייכט און מיט באַגייסטערטער ליידנשאַפט האָט זיך זיין פּאָנים באַצויגן און אַפילע כיין דערוועקט באַ יעליזאַוועטע פּאַוולאָוונע די דאַנ=טיסטן, וואָס האָט איינמאָל קלאָר געמאָלדן, אַז „זי זעט ערשט דעם ערשטן אידן, וואָס זאָל אָט אַזוי בלאַגאָראָדנע סטראַדאַיען דושאָי פאַר אַ גאַנצער נאַציע, אַ קלאַס, ווי ער זאָגט“.

ניין, גיין, דאָס איז ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן, און דער נאָמען איזאַק פּייטע=לעוויטש, מיט וועלכן זי האָט אים געבענטשט, האָט אים ניט געקליידט. איצעלע האָט ניט נאָר געליטן, ער איז אויך געווען פאַרליבט אין מאַרקסן און נאָך אין באָראָ=כאָוון. ער האָט זיי מאַקע ביידע ניט געקאָנט — אי מאַרקס קאַפּיטאַל, אי באָראָ=כאָווס פּלאַטפאָרמעס האָט ער שוין גרייטע מיט פּערושים באַקומען פון שמועל דעם אינטעליגענטס מויל. האָט ער מאַרקסן ליב געהאַט פאַר דעם, וואָס ער גייט אויסלייזן דעם פאַרשקלאַפטן אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, און באָראָכאָוון, וואָס ער פאַרמעסט זיך אויסגלייכן די נאַציע, וואָס וועט זיך אי אַגראַריזירן אי פּראָ=לעטאַריזירן אין אייגענעם לאַנד...

ערשט איז ער אין שפּעטיקן אָוונט געשטאַנען מיט עלינקען אויג אַף אויג: אין שמילן וועלדל און באַדאַרפט איר געבן אַן ענטפער אַף אַ פּאָשעטער פראַגע, צו וועלכער ער איז אינגאַנצן ניט צוגעגרייט. וואָס, וואָס זאָל ער איר ענטפערן?

ס'איז דאָ אַן אָרגאַניזאַציע, ס'זיינען דאָ אידן, וואָס בעטן גאָט פאַרן דייטש, אַז ניט, וועט מען כאָלילע שניידן, איז ווי זאָל ער, איצעלע, פאַר זיך באַשטימען, מיט וועמען ער איז. ער איז דאָ מיט אַרומיקע דערפער אויפגעוואַקסן און גע=כאַוועט זיך מיט אַלע באַטראַקעס, אָבער ווי זאָגט שמועל דער אינטעליגענט אַ ווערטל:

— „זיינען זיי שטיינער, וועט עס שלאָגן איבער אונזערע קעפּ, זיינען זיי רעדער, וועט עס רעדערן איבער אונזערע בייכער...“

ווייל זי אָבער גיט הערן פון שמועלס ווערטלעך און וואַרט אַפילע ניט אַף זיין ענטפער און יאָגט אים:

— פלינקער, פלינקער, איצעלע, אַפּן זאָטל, ס'וועט קלעקן פאַר ביידע. — פאַרכאַפּט אים דער אָטעם, שפּאַרט ער זיך אין איר שייגעם שטאַלט, זי ציט זיך ניט אָפּ פון אים, נאָר לייגט נאָך איר הענטל אַרום זיין האַלז:

— נו, פאָרן מיר, איצעלע! אָט דאָרטן באַם קרייץ=וועג אין וואַלד וואַרטן אַף אונז רויטע כאַווירים פון הינטער מיכאַילעווער כוטער. געקומען באַפרייען די פאַרשמיסענע פּויערים, זיי זיינען ווייניק באַקאַנט אַרום. איז צי וועסטו זיך אָפּזאָגן מיט מיר צוזאַמען העלפן זיי, האַ, איצעלע?

איז ווי זאָגט מען איר עפּעס, אַז דאָס פּערד טראָגט זיך, און דער קאָפּ גרוילט פון אָט דער ריזיקע, און דאָס הארץ צאַפּלט, דער אָטעם פאַרכאַפּט פון אַזאַ נאָענטן גליק, צוזאַמען ווי אויסגעגאָסן מיט עלקעלען!

# V

איין אויער צו דער ערד צולייגן אין שטילער זומער־נאַכט אַף אָפּגעשטאָר־בענע שליאַכן — וואָלט מען געקאָנט הערן, ווי דערפּער קרעכצן אונטער דייטש־פּריצישן טראָט.

אָבער פּאַרוואָס געמט קיין שלאָף ניט אין אַזאַ נאַכט דאָס איינציקע זינדל, דעם שענסטן און רייכסטן כאָסן, וואָס אָט שוין אַ פּאָר כאַדאָשים, אַז ער הערט ניט אויף צו הוליען און באַפרידיקן זיך אַף פאַרשיידענע אויפאַנים? — פאַרן טראָפּעלע שמערצן, וואָס די רויטע האָבן אים און זיין מישפּאָכע פאַרשאַפט, זויפט ער נעקאָמע גאַנצע עמער בלוט און טישעט זיך, און גוויקעמט זיך איבער די „האָלאָדראַנצעס", וואָס קומען ניט מיט קיין פּאָווינע און קושן ניט דעם פאַ־רעצס טריט. אַהאַ, אַסאַך מיטלען האָט ער, דאָס געראָטן זינדל, אַף אַרויסצוגעבן דאָס דאָרף — שפּיאָנירט ער און גריטירט באַלעגופישע זינדלער פאַר סטאַרצעס, באַנדורע־שפּילער, וואָס פּילן אָן דאָרף און מאַרק און פריידיקן, שטראָפן און מוסערן, באַזינגען דעם העטמאַן און זאָגן נעוויעס, און גלייכצייטיק שמעקן זיי אויס און גיבן אוים אין דייטשיש־פּריצישע הענט יעדן אומרואיקן פויער.

פאַרוואָס זשע נעמט אים קיין שלאָף ניט אין אַזאַ נאַכט, אָט דאָס צימעריק זינדל, וואָס זיין אַשירעס וואַקסט אין דאָרף, און אין שטאָט איז פאַר אים אַ קאַ־ריערע געזיכערט — אַ מיליטערישער אָדער אַן אַדמיניסטראַטיווער פּאָסטן, ווייל באַמענקאָס נאָמען איז שוין באַוואוסט באַם העטמאַן אַליין?

אַזאַ נאַכט און עס געמט קיין דרימל ניט זיין אויג. צי מיינט ער ערגעסט, אָט דער צעהוליעטער באָבער, אָט דאָס באַגינענדיקע באַנגענגיש מיט קולינקען, וואָס ער האָט עס אַף אַזאַ קונציקן אויפן צוגעגרייט? צי מיינט ער עס ערגעסט, צי פּאַסט עס אים פאַרנעמען זיך מיט אָט דעם אידישן מיידל, וואָס אין אירע בליקן און איר שמייכל שפּילן די גיט־גוטע פון איר גלויבן, וואָס טשעפּען זיך מיט דינגע נעגעליעד אין דער נעשאָמע און שלעפּן זי צום טייוול?

אַף דעם ברעג וועלט, וואָס איבער זיין שמוב, הענגט נאָך די נאַכט. פאַרביי פענסטער שאַרט זיך די לעוואָנע אַ יוסטע, אַ פעט־באַלעגופישע. שטייט שוין באַמענקאָ באָרוועס אין טיפּן, טויאיקן גראָז און וואַרט אַף באַגינען:

טאָג־פינגער דריפּלען גאָלדענע פרענז, סאַרווערן טישן אַף טערקישע שאַלן. דער טאָג בולט כאַמענקען אַ גאָלדענעם קרוג... טראָגט ער זיך, מיידט ער אויס טראַקטן און שליאַכן, ניט אַ צאַפּל פון יעדן שאָרך — ניטאָ זי.

ניטאָ זי, קולינקע, אַזוי לאַנג און שווער צים זיך אַ רעגע, אַזוי לאַנג און שווער, ניט שוין האָט אים די ציגייבערן גענאַרט?

— „מאָרגן, ווען די זון וועט נאָך ניט אָפּלעקן דעם טוי פון גראָז און בלאַט, וועסטו זי באַגעגענען“. ווי נאַריש דידאַקטיק האָט געקלונגען אָנבאַלבען. שלאָפט זי נאָך געווים, קולינקע, און איז ניט כווישעד, אַז איך וואַרט. שניידט ער איבער דעם ציילעם־וועג — קיין לעבעדיקן נעפעש זעט מען אַלציינם ניט, גייט ער צו צום קוזנע־שטיבל. אָבער וואָס באַדייט עס? — פון אידגם פענסטערל קוקן ליכט־לעך, קוקן סווידעסדיק און קישעפן, עמיצער זיגגט דאָרטן אַ מאָדנעם ניגן, און עס גרוילט אים און עס זידלט.

— אָך, דו, גימעסער זון, צי וואָלט אַ דאָרף ניט טרייבן קיין קאַטאָוועס איבער אים, כאַ, כאַ, כאַ, — אַ באָכער, וואָס לאָזט זיך פאַרגאַרן פון רוסאַלקע מיט צעפּ ביזן סטאָן, און ווען טאָג וועט אָנקומען, וועלן היימישע אים געפינען אונטער אַ בריקל אין בלאָטע.

עס שאַריעט ערשט דער מאָרגן, נימאָ נאָך קיין זון, אַזוי פרי איז ער גע־לאָפן. פון גראָער ווייט הערט זיך אַ גלאָק־קלאַנג. כאַפּט ער זיך אויף צעשראָקן. יאָ, געווים אין דאָרף קומט עפּעס פאָר, און ער שטייט איינער אַליין אָט דאָ באַם אידישן פענסטער, וואו עס קישעפט דער טייוול. אָט הערט זיך אַ ווייטער פערדישער טאָפּן אין וואַלד, שטעכן די האָר אין קאָפּ, לאָזט ער זיך לויפן צום בריימן שליאַך:

— ראַטעוועט, ראַטעוועט!

יוסטע באַלעגופים האָבן זיך ערשט פון דאָרף אַרויסגעריסן:

— באַנדיטן, באָלשעוויקעס, האָבן די נאַכט דאָס דאָרף באַפאַלן, וואַרטעם הענגען אַף די בוימער; קרופּינקא מיט זיין כעווריע, אַלע האָלעדראַנצעס לויפן נאָך אים אין וואַלד אַריין.

כאַמענקע האָט זיך פון ווייטיק פינגער געביסן:

— זי, קולינקע, איז געווים מיט זיי, און ער, דער הינטישער זון, לויפט זי זוכן. ערשט ווייסט ער אָן וועמען געקאָמע צו נעמען. אָט אין קוזניע־שטיבל, וואו עס ברענען נאָך די ליכטלעך און וואו עס ציט זיך דער אומעטיקער ניגן, ליגט דער וואָרצל פאַר יעדער אַוולע:

— קומט געקאָמע נעמען, קריסטן! רעכטגלויביקע, נאָך מיר!..

## VI

צוויי קעפּ זייגען אַף פלעקער אָנגעטאָן געווען, צוויי אַלטע קעפּ מיט ווידע אַף די ליפּן פאַרגליווערט, גופים נעפערטלטע, עקלהאַפּט באַקוויטיקט. אַ דאַנ־מיסטן, וואָס האָט געהייסן עליזאַוועטע פּאַוולאָוונע, האָט די דייטשן געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי איר טאַטנס, פּייוול דעם שויכעטס, קאָפּ קומט דאָ אַפן פלאָקן, און אַז געטאָן האָט עס עמיצער אַנדערש, כאָלילע ניט פּייוול דער שויכעט אַליין.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז עלקעלע, וואָס איז געקומען רופן פּייוול דעם שוי־כעט צום גויסעמן זיידן, איז אַזוי דערשלאָגן געווען, אַז זי איז ניט אימשטאַנד

געווען גיין צוריק אַהיים, איז זי געבליבן געכמיקן בײַ איצעלע דעם הויקער, און ערשט אינדערפֿרי געפֿונען די ביידע קעפּ אויף די פּלעקער.

האָבן די דייטשן אַזוי פֿאַרפּראָטאָקאָלירט:

„אין דעם יאָר, אין דעם כוידעש, אין אַזאַ טאָג און אַזאַ שאָ האָט איינער אַ בונטאַר קרופּינקאַ מיט זיין באַנדע באַפֿאַלן דעם וואָלאָסט, איבערגעשניטן דעם טעלעפֿאָן, געבונדן די וואַרטע און באַפֿרייט די אַרעסטירטע און אַפֿן וועג צערויבט און אונטערגעצונדן דעם שמידס שטיבל, געהאַרגעט צוויי אידן און אָנגעטאָן זייערע קעפּ אויף די פּלעקער".

אידן האָבן זיך געטרייסט מיט צאָרעס ראַבים...

איז קולינקע זייטיק געשטאַנען, געקוקט ווי אידן נעמען צונויף שטיקער צעהאַקט לייב, געגאַנגען נאָכן וואָגן און נישט פֿאַרטראָגן די נעבעכדיקע בליקן אַפֿן פֿאַריאָסעמטן מיידל, וואָס איז שיין ווי גאָלד, אָבער פֿאַרפֿויערשט און ווילד.

האָט מען די שטיקער באַערדיקט, ווי געהעריק איז, און נאָכאַמאָל געשאָלטן דעם טרייפֿן נאָמען פֿון באַנדיט קרופּינקאַ.

האָט איר נאָרגיט געקימערט, וואָס אידן און אידענעס מיט ראַכמאָנעס־בליקן זיינען זיך צעגאַנגען אין די היימען און פֿאַרגעסן, אַז אָט דאָס פֿאַרפֿויערשט מיידל איז פֿאַריאָסעמט געבליבן און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ניין, זי האָט גע־נרוילט, ווען מע האָט דערמאָנט דעם נאָמען קרופּינקאַ, איר האָט זיך געוואָלט שרייען: ניין, נישט קרופּינקאַס הענט האָבן געהאַקט איר זיידן אַפֿן טויטן בעט! אָבער אַ ביטערקייט האָט געגעסן דאָס האַרץ: פּריצים און באַלעגופֿים זיינען זיך נויקעם אין אָרימען פּויער, וואָס וויל ערד, פֿאַרוואָס אָבער קוקן די אָרעמע פּויערים אויף קולינקען מיט כשאַד, און צוליב וואָס האָט מען געהאַקט אידישע קעפּ אַפֿן קרייץ פֿון וועג?

איין איצעלע איז פֿונם פֿעלד נישט אַוועק. ער האָט געהאַט אַ פּאָנים פֿון אַ באַל־טשואווע, אָבער ער האָט נאָרנישט־נאָרנישט דערמאָנט וועגן דער נאַכט, וואוהין קו־לינקע האָט אים פֿאַרפֿירט. ער האָט מיט אַ קאָל פֿון אַ גוטן טאַטן געזאָגט:

— ביסט איינגעמיט, עלקעלע. וואוהין לאָזסטו זיך ערשט גיין? ווייסט דאָך מיין שטוב, קום צו מיר. ווערסט וועלן נייען, אַרבעט איז דאָ. איך בין דאָך נישט העגעכל דער שניידער, וואָס לאָזט איבער דעם אַרבעטער די ביינער אין טעלער און שרייט: עס, עס, שעם זיך נישט. מירן אַרבעטן קאָמונע. איך וועל מיין כיילעק טיילן מיט שמועל דעם אינטעליגענט, וואָס הונגערט און אַרבעט פֿאַרן אידישן אַרבעטער־קלאַס. הערסט, וואָס ער זאָגט:

— דער אידישער אַרבעטער קאָן אומעטום ברענגען אַ קאָרבן, אָבער בויען קאָמוניזם וועט ער אין זיין אייגן לאַנד, און—אַז די קרופּינקאַס וועלן קאָמונעס בויען אויף אידישע גופֿים...

נאַכט איז געווען. קולינקע האָט אויף זיך געטראָגן מאַקאַרקען. ער האָט שטאַרק געקרעכצט, ער האָט איר געדאַכט לייכט ווי אַ פֿעדער. ער האָט געבאָלבעט פֿון היץ, דער פֿריילעכער באָכער:

— ווער ביסטו, וואָס, וואוהין טראָגסטו מיך אין פעקלע אַריין? איך זע דיך נים. קראָען האָבן מיינע אויגן אויסגעפּיקט.

זי האָט אַף זיך געהאַט איצעלעס רעקל מיט זיין היטל און ער האָט איר קאָפּטע געהאַט אַפן הויקער אָנגעצויגן מיט אַ טוך פאַרבונדן, און זיינע אויגן האָבן ווי פרעמדע געקוקט פון אונטער אַ שווער־קראַנקן, וואָס איז איבער זיין הויקער געהאַנגען, און דאַמאָלט האָט זי נאָך צוויי אויגן דערזען, וואָס האָבן זיך אין איר ווי ציין איינגעבּיסן:

— דאָס ביסטו, קולינקע? דו האָסט צופיל אָנגערוקט אַ מענערש היטל, אָבער איך דערקען דיך, טאַראַס האָט נאָך מיט דיר וואָס צו רעדן. זאָלן נאָר מיינע ווייטיקן זיך לינדערן.

האָט זי נים געוואוסט, וואָס צו טאָן און וועמען פריער, און ווי אַזוי לינדערט מען ווייטיקן, אַז אַרום איז מער ניטאָ ווי וואַלד און פייכט גראָז? אָבער זי, קו־לינקע, מוט ערשט אָן צוריק איר בלוזע און גיט אָפּ איצעלען זיין רעקל מיטן היטל:

— נאַ, אָט בין איך פאַר דיר אַזאַ ווי אַלעמאָל, טאַראַס. קולינקע וועט שוין אָט דאָ בלייבן אין וואַלד.

אַ דאָרף יונגע פּויערים האָבן דעם וואַלד אָנגעפילט, אַוועק נאָך קרופּינקאָן מיט די קראַנקע פּויערים אַף זיך.

— לויף, קולינקע, אַהיים, — האָט איר קרופּינקא באַפוילן, — קיינער־קיינער זאָל דיך נים באַמערקן, מיט אַ פאַרשלאָסן מויל. מירן דיך נאָך דאַרפן, אַסאַך מאָל דאַרפן.

האָט זי שוין מיט טאָג — צוויי הענגענדיקע קעפּ אַף פלעקער געפונען.

איז וואוהין זאָל זי טאַקע ערשט זיך לאָזן גיין פונדאַנען? עפשער טאַקע בלייבן דאָ אַף דער סטאַנציע באַ איצעלע אין שטוב?

ער האָט אַן אייגן באַזונדער שטיבל געהאַט, האָט ער עס מיט זיך לייעך איבערגעצוימט, צוליב קולינקען. אין דער צווייטער האַלבער שטוב האָט ער זיין בעט און זיין וואַרשטאַט געמאַכט. יענע טעג האָט זיך גרינג געאַרבעט און גרינג געלעבט אין קאָמונע. קולינקע האָט געטריבן די מאַשינע, ווי אַ דולע, און ער האָט באַם טיש און באַם פרעס געאַרבעט און געזונגען:

— איך זע, ווי די שמערנדלעך לעשן זיך אייביקוויים,
גיין, נים געדויערן לאַנג וועט די נאַכט.

דער סאַמע אָפּטער גאַסט אין אָט דעם שטיבל איז געווען דער כאַווער שמועל, וואָס איז דאָ געווען קימאַט ווי אַ קעסט־קינד. ער איז פאַרלאָפן אַהער פאַרפרי, אויסגעוואַשן זיינע האָר, אַ כאַפּ געטאָן אַ גלעזל טיי מיט אַ בים און איז ווייטער געלאָפן, לויט דער געוואוינטשאַפט, וואָס אים איז פאַרבליבן נאָך פון דעמאָלט, ווען עס איז געווען אַסאַך פאַרשיידענע וואַלן־לויפעניש.

# VII

ער האָט גראָע פּאָטערלעכע אויגן געהאַט, דער כאַווער שמועל. ער האָט געהאַט אַ באַרוף צו לערנען, און אין די טעג האָט ער קולינקען באַלערנט:

— האָסט זיך צופיל מיט גויעם אויסגעמישט און אָפּגעריסן פון אידישקייט, אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט שוין אַזאַ געשיכטלעכן מאַזל, אַז יעדע אַסימילאַציע גייט אָפּ מיט אַן עמער בלוט.

און קולינקען האָט זיך געדאַכט, אַז ווען מע טוט אַף אים אָן אַ בעגעד מיט ברייטע אַרבל, וואָלט ער אויסגעזען, ווי יענע גאַלאָכים-פּאָטערלעך, וואָס מע זעט אָפּט אין די דערפער מוסערן און שלעפּן באַ די פויערים לייוונט, פּאָליאַניצעס, — וואו מע קאָן זיי נאָר נעמען. אַפילע צו די מיידלעך קריכן זיי אין די נעכט. האָט זיך טאַקע דערפאַר זיין וואָרט געקלעפּט צו איר, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. ניט איר קאָפּ, ניט איר האַרץ האָבן זייגע ווערטער פאַרנומען, ביז איצעלע האָט זיך עס אַף זיין שטייגער גענומען איר טייטשן:

— טאַקע, זע אַליין, קולינקע, ביסט דעם דאָרף געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, איך ווייס דאָך, נו, האָט מען דיר ווי אַ הונט געגלויבט, און דיין זיידן, אָט דעם פאַרגויעשטן שמיד, און דעם אַלטן שויכעט, וואָס האָט ניט געטשעפּעט אַ פליג אַף דער וואַנט, האָט מען אַזוי אַכזאָריעסדיק געפּערטלט, פונקט דערמאָלט, ווען דו האָסט זיך פאַר זיי מויסערנעפעש געווען.

— אָבער דאָס האָט געקאָנט באַגיין אַזאַ אַכזאָריעס נאָר כאָמענקאָ. ער, דער צעהוליעטער פויער, האָט דאָך זייגע ברידער אויך איבערגעגעבן צום טויט. פאַלן דען איצטער ניט קיין פויערים ווי פליגן? — האָט זיך קולינקע געפּרואווט באַשיצן. אָבער לאַנג האַלטן זיך אַף אָט דעם אויפשוואונג פון באַוואוסטזיין — האָט איר זיבערקייט געפעלט, איז זי אָפּגעטראָטן. האָט זי טעג געאַרבעט מיטן גוטן איצעלען און איגאָוונט געגאַנגען אין באָראָכאָוו-קלוב, אָדער אַפּן ברוקיר-וועג מיט באָכערים, מיט מיידלעך. אָבער איר האַרץ איז פון דעם ניט געטרייסט געוואָרן, און נימעס זייגען איר געוואָרן די גיים, וואָס דער כאַווער שמועל האָט יעדעם מאָל געבראַכט:

— עס ברענט אַ פייער אין דאָרף. קרופּינקאַ דער באָלשעוויק האָט זיך אַרומגענומען מיט דעקלאַסירטע עלעמענטן, וואָס קאָנען די מעלאָכע פון שיסן. ווער און וואָס עס איז גערעכט, אָבער די אידישע נאַציע באַצאָלט פאַר אַלץ. נעכטן האָט מען אַפּן שליאַך געפונען געהאַרגעטע צוויי אידן קאַצאָווים, און היינט האָט מען אין זיין קרעמל געפונען אויפגעהאַנגען דעם כאַווער גאָטע. אַסאַך, אַסאַך העספּיידים האָט מען געמאַכט דעם כאַווער גאָטע. ער האָט געהאַט אַ אידיש האַרץ, און כאָטש ער איז געווען אַ קרעמער, פונדעסטוועגן האָט ער געהערט צום אידישן פּראָלעטאַריאַט, געווען אַ מיטגליד פון באָראָכאָוו-קלוב און ברייט געשענקט אַף דער אָרגאַניזאַציע. איז קולינקע אויך געווען אַף דער פיינער לעוואַיע, ווייל גאָטען האָט זי אויך געקענט, ווייל ער, אָט דער הויכער גאָטע, האָט איר

געגעבן די ערשטע לעקציע, וואָס איז אַזעלכס קאַמף. זי איז אינגאַנצן אַלט געווען עלף יאָר, ווען דער זיידע האָט זי געבראַכט צו פּייוול דעם שניידער באַם צוקער־זאַוואָד און אָפּגעגעבן זי אין דער לערע, האָט זי דאָרטן געפונען נאָמען מיט איצעלען שוין פאַרטיקע אַרבעטער. האָט ער אַ מעווע געהאַט, פּייוול דער שניי־דער, באַ וואַרימעס פלעג ער אויסהוילן די ביינער פון פלייש, און עס צורוקן צו די אַרבעטער און וואָרטשען: עסט, עסט, שעמט זיך נישט, עסט. האָט זיך אָבער נאָמע געשעמט, אָדער האָט עס איר פאַרדראָסן. ער האָט באַם טיש דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן, האָט ער נאָך וואַרימעס אָנגעשטאָפּט ברויט מיט ציבעלעס אין די קעשענעס און געכראָמטשעט באַ דער אַרבעט. אָבער ערגער איז געווען מיטן וועקן פאַר אַ גרויסן פאַרטאָג, מע האָט ערשט אַ שלאָף געטאָן אַ פּאָר שאָ, ערשט פּייוול שטעלט שוין דאָס לייטערל צום אַפּן־אויוון, ווייל נאָמע פלעגט זיינע פיס פאַרלייגן הויך אַפּן קויִמען אין די טעפּ אַריין, און פּייוול האָט ליב געהאַט וועקן פאַר די פיס.

— אָט וועסטו זען, וואָס הייסט קאַמף, — האָט נאָמע איינמאָל געזאָגט איצעלען, — טאַקע קאַמף אָן שיינע ווערטער.

האָט זי, די קליינע, געוואַרט מיט אומגעדולד, געוואָלט שוין טאַקע זען, וואָס איז עס אַזעלכעס קאַמף אָן ווערטער, און זי האָט טאַקע באַם קומענדיקן פאַרטאָג געזען: אַזוי פאַמעלעכן האָט זיך פּייוול געדראַפּעט אַפּן לייטערל דערלאַנגען נאָמעס פיס, וואָס זיינען הויך געלעגן, האָט ער, נאָמע, אַ ציִ־אויס געטאָן זיינע לאַנגע פיס מיט אַ גענעציק און דערלאַנגט פּייוולען אין האַרצן, איז ער פון לייטערל אומגעפאַלן און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אַ שטיק קויִמען מיט אַ פּאָר טעפּ. מער האָט שוין פּייוול ניט געוועקט קיין אַרבעטער אין גרויסע פאַרטאָגן. ער איז פאַר־בליבן אַ אינוואַליד. נאָמע האָט זיך אָפּגעוואַלגערט אַביסל אין טפיסע און איז געוואָרן אַ קרעמער. איצעלע האָט געזידלט פאַר אַזעלכע קאַמפס־מיטלען, אָבער קולינקע האָט מיט האַנאָע געדענקט ביז היינט, וואָס עס הייסט אַזעלכס קאַמף אָן שיינע ווערטער.

און איצט — לאַנגווייליק, נודנע זיינען איר געוואָרן די סאַד רייד וועגן אַ וועלט־קאַמף, וועגן אַ ווייט לאַנד. אָט־אָ־דאָ גאָר נאָענט גייט אַן עמעסער קאַמף מיט אַן עמעס לאַנד, אָן אַ קייסער, אָן פּריצים, וואו אַרבעטער און פּויערים באַלעבאַטעווען. אָט־אָט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, איבער מיכאַילעווער כוטער פּלאַטערט זי, די רויטע פאָן. זי האָט דאָך דעמאָלט געוואָלט אַוועק מיט די רויטע, האָט זי דאָס דאָרף צו זיך געבונדן, האָט זי אַ זיידן געהאַט אַפּן קרייץ פון שליאַכן. אָבער היינט האָט זי הענט צעבונדענע, — צי זאָל זי זיך ניט אַוועק־לאָזן אַהין?

---

דייטשן, פּריצים, גווירים, באַלעגופים, אַרבעטער און באַטראַקן פון דאָרף, פון שטאָט, פון פּראָפּאַרייגען ביזן וואָלאָסט, אַף באַנען, אַף שליאַכן, אַף טראַקטן, באַ דרימלענדיקע וועלדער — אומעטום גייט אַ פאַרביטערטער קאַמף. און דאָ

אַף אַ סטאַנציע צווישן אַ מערקל מיט קרעמלעך איז אַ שאַבעס פֿאַר זיך, שפּאַנט מען מיט פּאַנטאָפֿל־טריט, קיינער זעט אים ניט, אָט דעם „אַרבעטער־קלוב“, וואו אַ באַוואַקסענער באָכער שמועל שטייט באַם סטענדער, און זיינע גראָע אויגן זעען גאָרנישט, און זיינע אויערן זיינען פֿאַרוואַקסן און הערן ניט, אַז אוילעם קלייבט זיך גאָר טרינקען אַ גלאָז סיטרא דאָ אין גאָלעם־לאַנד און מאַכע נאַשן אַ וואַפֿליע אויך ביז וואָס־ווען. כּאַווער שמועל איז איצטער גוואַלדיק פֿאַר־נומען מיט גרויסע מענטשן, מיט לאָרדן, מיט דעקלאַראַציעס, מיט ליגע־נאַציעס. ער דיסקוטירט מיט אינטערנאַציאָנאַלן, מיט אייגעם מער, מיט אַ צווייטן ווײַ־ניקער, וואָס זיי אַלע אָבער זיינען נאָך ניט דערוואַקסן צו פֿאַרשטיין אייגע אַ סאַמע ראַדיקאַלסטע פּלאַטפֿאָרם, אַף וועלכער כּאַווער שמועל שטייט פֿעסט מיט ביידע פֿיס.

און אַז ער כאַפּט זיך אויף, און אַז ער עפֿנט די אויגן, דערזעט ער, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פֿון סטאַנציע, פֿון די אָרומיקע שטעטלעך, וואָס פֿאַר־זאַמלען זיך דאָ אַ שאַבעס, איז אויסגערונגען געוואָרן פֿון קלוב, פֿאַרלעכווייס שפּאַצירט מען און מע קנאַקט קערלעך און מע נאַשט עפּל, אַפֿילע איצעלע איז אויך גיטאָ, און נעבן אים שטייט זיין גרעסטער קעגנער אין אַ הוט מיט אַ טאַ־בישקע, דער פֿאָרזיצער פֿון דער קעהילע. הער — זאָגט ער אים, — שמועל, אַז מע וויל, זיינען מיר סאָנים אַף מעסער־שטעך, אָבער אַז מע קערט צוריק דאָס בלאַט, איז וואָס האָבן מיר ניט צעטיילט פֿאָניע־קוואָס מעדינע? עמעס, איך בין אַן אַלגעמיינער און דו ביסט אַ פּויאַלע, אָבער ציעניסטן זיינען מיר דאָך ביידע, צו אונזער לאַנד ציען מיר זיך גלייך. איז האָב געדולד אין רעגע, קאָך זיך ניט, איך גיי צו צום עצעם איניען, ווי דו אַליין זאָגסט, מאַרקסיסטיש־עקאָ־נאָמיש און מאַקע היסטאָריש אויך.

— אָ, אָ, אין אָט דער בורזשואַזער צונג איז דאָך דאָס גאַלע כילעל האַ־קווידעש! — באָרד און האָר שטייען באַם כּאַווער שמועל דיבאָם, אָט איז ער שוין גרייט באַגראָבן אים צען איילן אין דער ערד, דעם אַכדעסניק.

אָבער דער אַכדעסניק האַלט אים אַזוי פֿריינטלעך באַ די לאַצן און רעדט וועגן אַ קאָהעלשן איניען:

— אַזוי ווי די קעהילע איז פֿאַרבליבן אָן אַ שויכעט, מוז מען דאָך האָבן אַ שויכעט, האָט אָבער דער אַלטער פּיוול געלאָזן דער קעהילע אַ יעסוימע, די דאַנטיסטן עליזאַוועטע פּאָוולאָוונע, איז דאָך אַ גאָטס ראַכמאָנעס אַף איר. האָט די קעהילע באַשלאָסן געבן איר נאַדן און כאַסענע מאַכן זי און — אַ סאָף, אַז עק, פּאָטער געוואָרן.

איז ווייפֿל ווייטיק האָט אין דער רעגע געפֿילט דער כּאַווער שמועל, האָט ער מאַקע מיט די פֿיס געטופּעט:

— פֿראָאים, אויסוואורפֿן! ברעכט האַלז און נאַקן מיט אַלע שאָכטים מיט זייערע יעסוימים! וואָס האָט עס צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פֿון די לינקע פּויאַלעציען, וואָס באַקימערט גאָר די קעהילע, און ביפֿראַט

אַז די עליזאַוועטע פּאַוולאָוונע לייקנט גאָר אינגאַנצן אין דער אידישער נאַציע און אין דעם פּראָגנאָז פון דעם אָביעקטיוון, היסטאָריש-גויטווענדיקן, פּראָצעס.

— שמועל, שמועל — האָט זיך זיין גרעסטער קעגנער ראַכמים געבעטן, — איך וויים דאָך אַליז, אָבער איך בין דאָך צו דיר ווי אַ כאַווער מיט אַ כאַווערישן איניען. וואָס האָט עס צו דער פּראָגראַם! הער, וויפל איז טאַקע דער שיר צו זיצן אַ באָכער! ביסט דאָך אַ אינטעליגענט אָן אַ טאַכלעס, און זי איז אַ דאַנטיסטן אָן אַ קאַבינעט, גיט איר די קעהילע נאַדן, און ביסלעכווייס וועט זי זיך צוגעוואוי-נען צו דער פּראָגראַם און צו דעם היסטאָריש-נויטווענדיקן פּראָצעס. מע טאָרט דאָך נאָך גיט מאָרגן!

דער לעצטער מאָטיוו האָט טאַקע גוזעצט איבערן קאָפּ — יאָ, מע טאָרט נאָך גיט מאָרגן. און ער איז טאַקע אַ אינטעליגענט, אָן אַ טאַכלעס, און אַ מענטש מוז האָבן אַ קיעם.

זיינען זיי זיך, אָט די צוויי כאַווירים, ענדלעך, אַוועק מיט שאַבעסדיקע פּאַנטאָפל-טריט, און אַז זיי זיינען שוין גאָר נאָענט געשטאַנען געבן פּיוול דעם שויכעטס גאַניקל, האָבן זיי געהערט, ווי עליזאַוועטע פּאַוולאָוונע רעדט מיט היץ:

— איסאַאַק פּייטעלעוויטש, איך טשוווסטוואָווע צו אייך גאָר-גאָר אַ גרויסע סימפּאַטיע, ווייל איר זיים דער איינציקער איד, וואָס סמראַדאיעט בלאַגאָראָדנע דושאָי,—און זי זאָגט אים צו פּאָרוים אַ גוטע „בודושטשאָיע“ אָבער וואָס טוט עס אים האָרעווען און האָדעווען אַ פּוילן מענטשן, אָט דעם כאַווער שמועל? אַד, זי האָט פאַר אים, פאַר איצעלען, און טאַקע פאַר זיך אויך אַ פיינע פּראָגראַם, אַ צוגעגרייטע. זי, עליזאַוועטע, האָט שוין גאָר פּאַרגעסן, ווי מע נעמט אַרוים אַ צאָן פון מויל, און פּאַרגעסן זיך ערשט מיט אַזאַ ארבעט איז ניט נאָך אירע קויכעס, און זי גלויבט, אַז ווען איצעלע קלייבט זיך אריין אָט אַהער, צו פּיוול דעם שויכעט אין דירע און עפנט אַ פיינע שניידערייַ מיט אַ פּאָר אַרבעטער, וואָלט ער געקאָנט געבן אַ ווייב אַ פיין לעבן, בעסער ווי אַזאַ אינטעליגענט, וואָס רעדט און זיצט אַף יענעמס האַלז.

באַ איצעלען איז געגאַנגען דער קאָפּ אַרום פון דעם, וואָס זי האָט אים פון קלוב אָנגענומען אונטער דער האַנט און געפירט אַהער אַפן גאַניקל, וואו פּייוול דער שויכעט האָט שאַבעס נאָכן שלאָף געזאָגט פּיירעק. אָבער ער האָט גאָרנישט געהערט, ווייל זיין האַרץ איז אומרואיק געווען וועגן קולינקעלען: וואָס טוט זי אין שאַבעסדיקן באַטאָג, די ווילדע, די שיינע קוליגקעלע, וואָס אַז זי וואָלט געוואָלט, וואָלט זי אים געקאָנט באַפוילן קריכן אַפילע אין הימל אריין.

## VIII

פּאַמעלינקע, פּאַמעלינקע שפּאַנט זיך אַ שאַבעס מיט פּאַנטאָפל, און אין קלובל, צווישן מאַרק און קרעמלעך, איז קולינקען אַזוי לאַנגווייליק, און אַפילע אַפן ברוקיר-וועג, וואו אינגלעך באָטן אָן אַ קאַלטע וואַפליע, איז איר, קולינקען,

אומעטיק, לאָזט זי זיך פּאַמעלינקע פון ברוק־וועג אַראָפּ נידעריקער צום טייכל בײַ הרעבליע, וואו פויערטעס שטייען און וואַשן פרישע רעדנעס, פאַרקאַטשעט זי דאָס קליידל ביז איבער די קני און — אין וואַסער אַריין און בעט זיך:

— גיט, מומעלעך, אַ וואַש טאָן די רעדנע, עס מענגלען די הענט.

— דו קאָנסט וואַשן? — האָבן פויערטעס משיקאַווע געקוקט אַף איר פרישן פּאָנים און פאַרביקע קני, און זי האָט טאַקע געקאָנט. יעדער זעץ האָט דאָס וואַסער זידן געמאַכט און שוימען, די רעדנע האָט געווייסט, און זי האָט געקוואָלן און גלעקלעך צעשאָטן. פוגווייטן מיטן דאָרפס־וועג האָט זיך אַ גרופּע רייטער געטראָגן, ניין, ניט קיין דייטשן — פוגווייטן האָבן געבלישטשעט זייערע בלאָע זשופּאַנעס מיט די שאַרע היטלען, אַזוי בראַוו מיט געזאַנג.

פויערטעס האָבן קעפּ אויפגעהויבן און געקוקט אַנטציקט:

— זע קאָרשט, וואָס פּאַר יונגען,—אייגם און אייגנס, אַ מעכאַיע צו קוקן, האַ?

קולינקעס האַרץ האָט אַ ריס געטאָן ראַשיק, זי האָט פוגווייטן דערקענט באַמענקאָן. ער איז פאָרויס דער גרופּע געריטן, יאָ, דאָס איז ער, אָט זעט זי, ווי ער שפּאָרט דאָס פערד און לאָזט זיך אין גאַלאָפּ אַרויף צום ברוקיר־וועג, אָט דאָרטן, וואו עס שפּאַצירן באָכערים מיט מיידלעך אום שאַבעס באַטאָג, אָט זעט זי, ווי ער שניידט מיטן קנוט אַף רעכטס און אַף לינקס. אַ געשריי, אַ קוויטש. האָט זי זיך פוגווייטן געריסן, און איר האַרץ האָט פאַרקילט און מיט הענט פאַרן קאָפּ געכאַפּט זיך. עמיצער האָט אַ בסורע געבראַכט און פויערטעס געטרייסט: „אַ פּאָר זשידיווקעס פאַרשמיסן און אַנטלאָפן, ביז די דייטשן זיינען געקומען“. אָבער איר האַרץ האָט נאָך מערער געגאַלט:

— פאַרוואָס זשע זיינען אַזוי פיל ניט בייגעשטאַנען אַ פּאָר רייטער, פאַרוואָס וואַרט מען אַף די דייטשן? צי האָט מען ניט געקאָנט זיי מיט שטיינער פאַרוואַרפן אָן די דייטשן? אָבער נאָך מערער האָט זי געמאַטערט איר אייגענע כאַרפּע — איצטער איז שוין גאָר קיין סאָפעק ניט געווען, אַז כאָמענקאָ האָט איר זיידן צעפּערטלט. איז ווי איז זי עס געשטאַנען פונווייטן און זיך נאָך אים ניט געוואָרפן און ניט גערופן נאָך זיך אָט די באָכערים און מיידלעך! ניין, ניין, איר בלוט קאָכט אין איר, צי איז טאַקע קולינקע אָן הענט און אָן פּיס, זי זאָל קיין געקאָמע ניט נעמען פּאַר אַ געטאָנענער אַוולע? אַזוי נאַאיוו, אַזוי קינדעריש האָט זי געגעבן אַן אויסגאַנג איר באַליידיקטן צאָרן, אָבער דער פאַרנאַכט אין צעשראָקענעם שטעטל האָט זי נעגרוילט מיט אַלע גוזמעדיקע מאַיסעס פון קרופּינקא דעם באָלשעוויק, וואָס נויקעמט זיך אין אידן. אַזוי שווער האָט זיך אַן אָוונט געצויגן, אַזוי פרי האָט זי זיך פאַרקליבן אין איר בעטל הינטערן פאָרהאַנג, און איצעלע איז אַ צערודערטער אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב. ער האָט געהאַט אַ פול האַרץ און אַ פולן קאָפּ צו זאָגן איר, קולינקען. ניין, ניט וועגן זיך, נאָר וועגן גוירל פון דעם אידישן פאָלק. איז זי אויך ניט קיין קינד פון פאָלק?

אַזוי פּאַמעלעך האָט ער זיך צוגעזעצט באַם ברעג פון איר בעט:

— וואוהין און וואָס וועסטו גיין, קולינקע, וואוהין און וואָס?

זי האָט אויך ניט געוואוסט, וואוהין און וואָס. איר האַרץ האָט זיך געריסן פון אָט דער ענגשאַפט. עס האָבן פריער ספייקעס געגעסן איר האַרץ, צי וואַרפט מען ניט אומזיסט דעם פעלץ אַף כאמענקען, זי האָט קרופינקאָן אויך אין כשאַד געהאַלטן, געגלויבט אַף האַלב, וואָס מע האָט וועגן אים געזאָגט, ווייל פאַרוואָס האָט ער אין יענער נאַכט זי מיט איצעלען געהאַלטן פונדערווייטן:

— איר, אָרטיקע, דאַרפט זיין פאָרזיכטיק, לויף, מיידל, אַהיים, נעם מיט דעם כאַווער, דו וועסט אונז נאָך בעסער דינען אין דיין לענגאַלער לאַגע, האַלט נאָר די צונג פעסט.

זי האָט ניט געוואָלט זיך קערן צוריק פונקט דעמאָלט, ווען אַ דאָרף יונגט האָט זיך נאָך קרופינקאָן געלאָזן. נאָר איצעלע איז געשטאַנען נעבן איר מיט אַ זויערן אויסזעען, אין איר קאָפּטע מיט אַ טיכל איבערגעבונדן, ווייל זי האָט זיין רעקל און היטל אָנגעטאָן. ער איז גרייט געווען גיין, וואוהין זי וועט אים פירן. איז זי מיט אים אַוועק און, אַז זי האָט זיך שפּעט אַהיים אומגעקערט, האָט זי די אַלטע צעפּערטלט געפונען, און איר האַרץ האָט אַ צווייפל געגעסן: ווער האָט עס אָט די אַוולע באַנאַנגען! היינט איז זי זיכער געווען, אַז דאָס האָט כאָ־מענקאָ געטאָן, אַז כאָמענקאָ מיט זייניקע באַנייען אַלע אַוולעס אַרום, קרופינקאָ נעמט זיך אָן די קריוודע פאַר געראָדעפּטע, איז פאַרוואָס זיצט זי ווי אַ פלאַסט און ציט נודנע טעג? האָט זי באַשלאָסן, זי ווייסט ניט וואוהין, נאָר זי וועט גיין געוואויר ווערן איר דאָרף, אָבער אַהער אומקערן זיך וועט זי ניט.

איז צי האָט איצעלע געקאָנט איר זאָגן וועגן זיין פערזענלעכן ווייטיק?—ניין, ניין. ער האָט זיך ווייטער סוימעד געווען אַף דאָס גרויסע איידעס־זאָגן פון אַ כאַווער שמועל, אַז מיטן אידישן פאָלק שטייט עס שלעכט, ווען די דייטשן גייען אַוועק. איז ווער קאָן גיין מיט די, וואָס קעמפן קעגן די דייטשן? וואָס איז שאַיעך קרופינקאָן, איז מעגלעך, אַז ניט ער טוט עס אָט די אַלע אַוולעס איבער די אידן, ער איז אַוואַדע אַ פּראָלעטאַריער, אַ באָלשעוויק, וואָס גייט פאַרן פאָלק, אָבער דער כאַווער שמועל זאָגט — „אַז אויב ער איז אַ דונער, וועט ער דונערן איבער אונזערע קעפּ, איז ער אַ בליץ, וועט ער בליצן איבער אונזערע אויגן“. זי האָט אַסאַך געדולד געהאַט און ליב געהאַט הערן איצעלעס באַהאַרצט וואָרט, אָבער דער כאַווער שמועל איז איר פון האַלז געקראָכן.

— איצעלע, — האָט זי געשריען, — שפּיי אים אין פּאָנים, דעם כאַווער שמועל, ער איז מעשוגע, שנייד אים אָפּ די פּאַטלעס און לייג אים צו אַ פוכיר־אייז, וועט ער ווערן אַזאַ ווי אַלע מענטשן.

איצעלע איז אויפגעשפּרונגען. אַזאַ צעשראָקענער, אַ פאַרלוירענער האָט ער אַף איר געקוקט, גלייך ווי אָן דעם כאַווער שמועל וועט די וועלט קיין קיעם ניט האָבן; איז ער אַ צעשראָקענער אַוועק צו זיך אַפּן געלעגער און לאַנג אין זיך געקרעכצט.

זי האָט געהאַט ראַכמאָנעס און עפּשער מער פון ראַכמאָנעס צו אים, ס'האָט

איר האַרץ געפּרעסט, און זיך דרייענדיק געצויגן פונדאַנען אַף לויפן באַ דאָרף און באַ װאַלד.

יעדער פרימאָרגן האָט זיך מיט קולינקען פריינטלעך צונויפגערעדט, גע־רופן זי פון שטוב שפּרינגען ווי אַ יונג קעלבל איבער סטעפּ און וואַלד.

אָבער היינט איז עפּעס אַנדערש געווען, היינט האָט זי אַ באַגינען פון שטוב גערופן, גערופן אַף לאַנג, אין שווערן קאַמף אַריין.

האָט זי זיך געפּעדערט, געשטאַנען געבן בעטל, וואו איצעלע איז געשלאָפן פאַרוקט דעם קאָפּ, ווי צווישן צוויי קוואָרים, אין די הויקערס אַריין. עפּעס האָבן האַמערס אין איר קאָפּ געזעצט, אַזויפיל באַנג האָט איר געטאָן אָט דאָס פּאָנים. האָט זי זיך איבער אים איבערגעבויגן, ווי איבער אַ ליב קינד, און געקושט אים אין די מאָגערע באַקן, און ווען גרויסע אויגן האָבן זיך צעעפנט, געקוקט ווי אַ קינד, וואָס קלייבט זיך וויינען, איז זי שוין געווען אַף יענער זייט סטאַנציע, אַוועק, אַוועק מיט בריימן שליאַך.

# IX

— שטעל זיך אָפּ, מיידל, שטעל זיך אָפּ, שיינע זון, ווער קאָן דיך אָפּהאַלטן? דיינע פיס, ווי באַ הירשן, לייכט, און מיינע — זייגען שוין שווער, ווי מיט בליי אָנגעפילט. איך זוך דיך, מיידל! איך ווייס, קולינקע איז דיין נאָמען. שטעל זיך אָפּ!

— אָך, דידו טראָכים, איך ווייס דאָך, דער פריילעכער מאַקאַרקע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז יעדעס וואָרט דיינס איז אַ פריילעכע בסורע, אַז דיין האַרץ פליסט מיט האָניק, זיסן פאַר יעדן עלנדן.

— נו, הער זיך ניט צו, וואָס פריילעכע פלאַפלער זאָגן. דאָס גאַנצע גוטס פון אַ פויער קאָן מען מיט אַ פינגערהוטל מעסטן. עמעס איז, אַז איך האָב אוים־געמאָסטן דאָס לאַנד אין לענג און אין ברייט און געזען מער, וויפל איין קאָפּ האָט געקאָנט פאַרנעמען, אָבער איינס האָב איך פאַרשטאַנען, אַז יעדעס טראָ־פּעלע גוטס מוז מען אויסקעמפן, און צאָרעס פעלט ניט דעם אָרעמאַן, און גוטע פריינט האָט ער קנאַפּ, און אָפּט מוז ער נאָך זוכן אַרום זיך זיין אייגענעם סוינע. אָבער איצטער איז ניט קיין צייט פאַר קיין רייד, אַף יעדן טראָט זיינען דאָ הונ־דערט אויגן, וואָס קוקן נאָך. קום בעסער אונטער דעם בוים, וואָס שטייט אָן דער זייט, ווי אַ מאַכנעס־אוירעך, דו האָסט אויגן ליכטיקע, קוק. וואָס זעסטו אָט דאָרטן גלייך מיטן פעלד?

אַ פּראָצעסיע האָט זי געזען, פון דערפער האָבן זיך מענטשן אַהינצו גע־צויגן, פּאָרווים — מיטן ברעטל, מיט גאַלאָכים, מיט זינגער, מיט ווייערד, מיט טפילעס.

— וואוהין גייט מען דאָס, דידו טראָכים? וואוהין גייט מען?

— מע גייט בענטשן די ערד, וואָס איז צוריק צו פּריצים אַריבער, איז גייט מיט זיי דער קולאַק באַמענקע, דער סאָציאַליסט קאָנאָפּלע, און עפּשער וועט זיך

נאָך מאָרגן טאַראַס אויך פאַרייניקן צו זיי, ווייל די פיינטשאַפט צו די קאָמונעס און צו קרופּינקאָן פאַרייניקט זיי. אַלע קענען קרופּינקאָן, הייסט עס, ווייל ער איז אַ זון פון אַ באַטראַק, אַ שטאָטישער פּראָלעטאַריער, וואָס איז פאַר די מאָסקאַליעס.

— ניט שוין זשע טאַראַס אויך ווי כאָמענקע? איך פאַרשטיי ניט, אָדער ווילסטו מיך, אַלטער, מיט עפּעס אויספּרואוון? איך זע, אַז מענטשן האַלטן מיך אין כשאַד, און מיר איז גאָר מיין קאָפּ ניט טייער, אַבי איך זאָל קאָנען דעם עמעם דינען.

— ניט וועגן דיר, מיידל, גייט עס. דיין האַרץ איז לויטער, ווי דיין פּאָנים. נאָר הער: טאַראַס גייט ניט קעגן דער באַוועגונג, נאָר קעגן קרופּינקאָן. אָן קרופּינקאָן גייט אָבער אַלץ צום גרונט. איז אַף דיר, מיידל, ליגט דער כויוו האַלטן טאַראַסן אונטערן אויג, און אַז מע וועט דאַרפן, וועט מען אים מוזן אָפּראַמען.

זי האָט איר ברוסט געפּרעסט צום שטאַם פון בוים, אַזוי איז עס מיט ווייטיק פאַרגאַנגען:

— דו האָסט מיר אַ שווערע אויפגאַבע פאַרגעבן, אַלטער. טאַראַס איז אַ פּויער, וואָס נעכטן האָבן סאָנים געפּאַסעוועט זיין לייב פאַר די פּויערים; ווי זאָל איך, אַ פרעמדע, גיין קעגן אים?! אָט זאָלן מיינע הענט און פיס געליימט ווערן, אויב איך וועל זיי ווענדן קעגן טאַראַסן.

— דו וועסט עס מוזן, דו וועסט עס קאָנען, דאָס מאָנט די אָרעמע פּויער-שאַפט, ווייל דאָס צעפּערטלט לייב פון דיין זיידן וועט גלייך מיט פּויערשע לייבער פעט מאַכן די ערד, וואָס פּריצים וועלן קלייבן איר גערעטעניש צו זיך אין שפּייכ-לער אַריין. דו, מיידל, ביסט גאָר ניט כווישעד, פון וויפל אומגליקן דו קאָנסט איינהיטן דאָס אָרעמע דאָרף!

האָט זיך קולינקע לאַנג אין וואַלד געדרייט, וואו פּויערים האָבן זיך געזאַמלט קעגן פּריצים און דייטשן, האָט זי דעם פריילעכן מאַקאַרקען געגלעט, — דעם פריילעכן מאַקאַרקען, וואָס האָט זיך ניט אינגאַנצן אויסגעוויקלט פון זיינע וואונדן. איז זי געלעגן אין טאַראַס אָרעם און געגלעט דעם פריילעכן באָכער, און טאַראַס האָט געקריצט מיט גלעזערנע אויגן און געקרעכצט אַף די קאָמונעס, וואָס דער פּויער וויל עס ניט, וואָס קרופּינקאָ ציט צו די מאָסקאַלן, און געטשעפּעט זיך:

— ביסט דאָ און דאָרטן, מיידל, מיט וואָס וועסטו איבערצייגן די הראָ-מאַדע, אַז דו ביסט פריי דעם קאַמף אין דאָרף, אַז כאָמענקאָ, וואָס האָט דיך אַף זיין זאָטל געוויגט, הוליעט נאָך ביז איצטער און האַקט פּויערישע קעפּ?

— טאַראַס האָט אַ בייזע קאַוואָנע קעגן קרופּינקאָן, — האָט איר מאַקאַרקע געסווידעט, — טאַראַס זוכט ווערן אַטאַמאַן, ער האָט דערווייל ווייניק אָנהענגער, אָבער משעפּען זיך מיט אים קאָן מען ניט, ער זוכט פּאָטער ווערן פון קרופּינקאָן; באַווייזן, אַז קרופּינקאָ איז אַ קנאַפּער העלד; אַז נעמען די כאָמענקעס, וואָס זיינען מיט דייטשן אַרומגערינגלט, וועט זיך איינגעבן טאַראַסן גיכער פאַר קרו-פּינקאָן. זוכט ער דיך אויסנוצן. קוק, ווי זיינע אויגן עסן דיך, ער אייפערט דיך

צו יעדערן. הער, קולינקע: אַ מיידל, זאָגט דער אַלטער טראָכים, צילט לייבטער פאַר אַ קויל. מאַך אים הילפלאָזיק, קולינקע. בינד אים הענט און פיס.

— ניין, ניין, אַ צו־אַלטן שווערן קאָפּ האָט מען אָנגעטאָן אַף אירע פּלייצעס. זי איז ניט אימשטאַנד איינצוהאַלטן אַ שווערן אַלטן קאָפּ. אַזויפיל שווערע יע־דיעס האָט דער טאָג געבראַכט אין וואַלד: פּריצים קלייבן זיך אַראָפּפירן דאָס גערעטעניש פון פויערישער האָרעוואַניע צו זיך אין די שפּייכלער אַריין.

כאָמענקע מיטן זון גרייטן זיך צום יאַריד, ווי צו אַ פרייליכער כאַסענע, און דאָרטן, באַ זיי אין כוטער, שיגדט מען פויערשע לייבער, דיימשן טרייבן פויערים אַפּן יאַריד, וואָרטעס שרייבן איבער יעדן פויער, וואָס בלייבט אינדער־היים, פאַטערלעך אין קלויסטערס פּריידיקן, און טומלען דעם פויערשן קאָפּ, כאָמענקאָ האָרגעט אידן אַפּן וועג און וואָרפט עס אַף קרופּינקאָס לייט, אידן דעקן זיך צו מיט דייטשן, רעדן זייער לאָשן און פירן דזעגעכץ, ציץ און נאָך גויטיקעס אַפּן יאַריד, העלפן די דייטשן, וואָס ווילן באַווייזן פאַר אַ וועלט, אַז אומעטום הערשט דאָ באַ זיי רו און אָרדענונג.

— איז צי טאָרן זיך ערשט פויערים נעמען פאַר די משובעס צוליב קאָמונע, אָדער אַ סאַמאָסטינע רעפּובליק? אַז עס איז דאָך געגנג איין לעפל וואַסער, אַז איין פויער זאָל דעם צווייטן דערטרינקען!

— איז וואו איז טאַקע אָט איצטער קרופּינקאָ? באַ אַזאַ וויכטיקער שאָ איז ער ניטאָ!

— ניט אַלע דאַרפן וויסן, וואו ער איז, ער טוט וויכטיקע אַרבעט, די, וואָס דאַרפן, ווייסן עס!

— כי, כי, וויכטיקע אַרבעט, ווי אונטער אַן אומגעזעען היטעלע דרייט ער זיך צווישן אונז, בלויז אַ נאָמען קרופּינקאָ, און קיין מאַיסים זעט מען ניט! פויערים ווילן זען זיינע גוואורעס, זיי ווילן מער ניט וואַרטן!

— וואָס איז, אַ בונט, צי וואָס? אוי, דאָבראָדיע, פאַרגעסט ניט איינצוימען די ציינגער!

שטייט ער, טאַראַס, איבער אַלעמען:

— הערט אוים אַ קורץ וואָרט, דאָבראָדיע, ס'איז אַוואַדע גוט, אַז מע באַ־גראָבט ניט קיין בייזע קאַוואָנעס אין בוזעם, אָבער ערשט איז אַן איבעריק וואָרט ערגער פון סאַם. מיר טאָרן ניט דערלאָזן דעם יאַריד, און אויב ער וועט פאַר־קומען, דאַרפן מיר אים אַראָפּרייסן מיט אַלע מיטלען און ניט לאָזן די סאָנים אַ גאַנץ רואיק שלאָפן. אהאַ, עס וועט נאָך קלעקן ווילן באַ פויערים אָפּצושטיין זייער ערד!

— סלאַווא, סלאַווא, טאַראַס! אָט דאָס איז אַ וואָרט פון אַ פירער, — האָבן אָנהענגער געטומלט.

— שטילער, פלאַפּלער, ניט טאַראַס'ם קאָפּ האָבן דייטשן אָפּגעשאַצט טייער, נאָר קרופּינקאָס. דייטשן ווייסן אַ ווערט פון אַ קאָפּ, אָבער מיר אַלע קאָנען שטעלן אונזערע קעפּ פאַר אוקראַינע. איז אָט איז מיין פאָרשלאַג: אָט שטייט צווישן

אונז דאָס מיידל קולינקע, וואָס ניט איינמאָל האָט זי כאָמענקע אין זיין זאָטל געגומען און זיין קאָפּ געווינט אַף איר שיינעם בוזעם. ניטע, דאָבראָדיע, זייט ניט כווישעד, אַסאַך ווייסן, אַז זי איז איינע פון די בעסטע באַ אונז. אָבער זי פאַר־מאָגט שיינקייט און קלוגשאַפט גענוג אַף צו קאָנען פאַרפירן דעם צעהוליעטן קאָפּ צו אונז אין די הענט. ערשט איז עס גוטיק, ווייל כאָמענקא פירט דורך דעם פאַראַד פון יאַריד.

— סלאַווא, סלאַווא, — האָבן אַלע געשריען, אַלע זיינען געווען פאַרינטע־רעסירט אַראָפּרייסן דעם יאַריד.

X

— שיין מיידל, עפּעס גייסטו, וואקלסט זיך, ווי דו וואָלסט צוויי טעסלעס אָן אָפּשטעל געטאַנצט. קום, מירן דיך אונטערפירן.

מיטן גרויסן שליאַך זיינען פורן געפאָרן מיט בעהיימעס, היגער און כאַ־זיירים, האָט זי אַזוי טאַמעוואַטע געפרעגט:

— וואוהין פאָרן עס אַזויפיל פויערים?

אַ יוסטער באַלעגוף אין פעט־אויסגעשמירטע שטיוול האָט געהאַט אין וואָגן אַ היפּשע מויד און האָט זיך געבראָוועזט אַף באָכערים, וואָס טשעפּען זיך צו דער ציגיינערקע, וואָס לויפט פון ערגעץ צופוס. האָט ער אַרויסגעלאָזן די ליולקע פון מויל און געמוסערט:

— ווייסט גאָרניט, אַז אָט איצט שטעלט זיך אין דעוויטשיע דער גרויסער יאַריד?

— און קיין דייטשן זיינען באַ אייך ניטאָ? און קיין פּריצים קומען ניט צוריק?

— אונזערע פאָרן ניט, אונזערע איז ניט ניכע דאָס לעבן.

אַ פויערטע, וואָס האָט צופוס אונטערגעטריבן אַ קעלבל, צוגעבונדן צו אַ פרעמדן וואָגן, האָט זיך געצייילעמט:

— אָך, טייבעלע, וואָס הייסט ניטאָ קיין דייטשן, ווי די שיידים פול, מייד־לעך באַהאַלטן זיך אין די לעכער, און באַטראַקעס, — ווער עס קאָן מער ניט ליידן, לויפן אין וואַלד, און איך, אַלטע, גיי אַפן יאַריד. וואָס דען טוט מען? — מע טרייבט, און דאָס פּאַטערל פון קלויסטער זאָגט, אַז דער הימל וועט קיין רעגן ניט געבן, די ערד קיין גערעטעניש. גייט מען.

— קום, קום, מיידל, מיט אונז, עס וועט דאָרט זייער פריילעך זיין, אין ווייז, אי לעקעכער וועלן קלעקן. דריי טעג וועט מען זיך אַף קאַרוסעלן דרייען, ניש־קאָשע, געלט וועט קלעקן אין די קעשענעס, אַ יאַריד זאָגט־צו זיין אַ גרויסער. אָט זע, וויפל עס פאָרן — אי ציגיינער, אי אידן. דאָס איז אַ סימען פון אַ גרויסן יאַריד.

— איז וואָס איז מיר אייער געלט, — האָט קולינקע זיך געשפּאַרט, — באַ אונז איז דאָ גענוג באַלאָגים אַף קויפן טאַטאָנעס. — און זי איז זיימיק אַוועק.

אין איר קאָפּ האָט געדויבעט אַ וואָרט: ציגײַנער און אידן פאָרן, וועט זײַן אַ גוטער יאַריד. יאָ, אַ סימען איז דאָס, אָבער איר פרייט עס קנאַפּ, ווײַל אידן, אידישקייט האָבן די לעצטע צייט איר קאָפּ געפּלאָגט. זי גייט מיט פויערים קעגן די דייטשן. אידן זײַנען מיט די דייטשן, אָן די דייטשן וועט מען אידן פערטלען, זי איז אַ אידיש מיידל, איר טוט ווײ פאַר געשמיסענע פויערים, איר טוט ווײ פאַר איצעלען, וואָס מע וועט זײַן הויקערדיקן גוף אָנטאָן אַף אַ פּלאָקן. האָט זי געזוכט אַן אויסגאַנג: עפּשער מאַקע געמען אָט די אַלע אידן, וואָס פאָרן אַפן יאַריד מיט איצעלען, מיטן כאַוועד שמועל אין דער שפּיץ, און אַוועקלאָזן זיך צוזאַמען אין ווייטן אידישן לאַנד? נאָר אַזוי גוילעמדיק צעקראָכן באַקומט זיך אָט דער אויסגאַנג: וואו און ווען איז דאָס אידישע לאַנד, אַז אָט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען זײַנען די רויטע, וואָס וועלן אָפּווישן די דייטשן מיט די פריצים צוזאַמען. קרופּינקאָ, — האָט זי זיך דערמאָנט, — קרופּינקאָ גייט מיט די רויטע, און זי, די אידישע קולינקע, האָט אַן אופּגאַבע צו וואָרענען קרופּינקאָן, און זי רופט איצעלען אויך מיט, ניט די אידן, וואָס פאָרן אַפן יאַריד, נאָר איצעלען ווילט זיך איר רופן — קום צוזאַמען מיט קרופּינקאָן קעגן דייטשן, פריצים און קולאַקן, קום, קיינער וועט דעמאָלט ניט פערטלען, ניט הענגען קיין אידן, ניט שמייסן, ניט פּלאָגן קיין פויערים.

זי איז שוין לאַנג אָפּגעגאַנגען פון שליאַך. מיטן וועג איז זי געגאַנגען צו כאַמענקעס כוטער. זי האָט זיך נאָך ניט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי וועט זי כאַמענקען באַגעגענען, איר איז אָבער אַלצייגנס געווען, ווײַל זי איז דאָך ערשט ניט בלויז מיט אייגענעם ווילן, מיט אייגענער סינע צו כאַמענקען, נאָר אַ גאַנצע אײַדע האָט זי געשיקט. איר קימערט ניט, און עס רעגט זי ניט, טאָמער וועט עס איר איר קאָפּ קאָסטן, צוליב דעם האָט זי נאָר באַדאַרפט אָנפרייזן אירע האָר=רינגעלעך אַרום שטערן, דאָס האָט ער דאָך אַזוי ליב געהאַט! אָבער זי האָט דאָך אַן אומרו אין איר האַרצן געהאַט, זי האָט קרופּינקאָן וואָרענען באַדאַרפט פון טאַראַסן, זי האָט טאַראַסן באַדאַרפט אײַנגעהיטן פון אָט דער אַוולע. איז ווי זאָל זי דאָס, קולינקע, טאָן? ווי, — האָט זי ניט געוואוסט. איז זי געגאַנגען אײַנגעשפּאַרט צו כאַמענקעס כוטער, נאָר אַביסל זיך הינטער אַ בערגל צוגעזעצט איבערפלעכטן די האָר און ווי שענער די סטענגעס און בוסעס מאַכן, ווײַל פונדערווייטן האָט זיך שוין געזען כאַמענקעס כוטער, וואָס האָט אַזויפיל אומגליק געבראַכט דעם דאָרף.

מיטן ברוקיר=וועג האָבן זיך דייטשן געצויגן, שווערע, וואָגיקע. ווייט מיט פעלד האָט זיך עפּעס אַ געדיכטע מאַסע באַוועגט, דאָס האָט זיך ווידער אַ פּראָצעסיע געצויגן פאָרויס מיטן הייליקן בילד, מיט כאָרוגוועס, מיט ווײַרעך, מיט טפילעס דורך פעלדער, דורך לאָנקעס, צום יאַריד=וועג אַרויף. דאָס אַלץ איז אַ בייזער אָנזאָג פאַרן פויער. איז וואָס זאַמט זי? — גיכער, גיכער, קולינקע, נעם זיך צונויף מיט קויכעס, דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלן, וויפל דו ביסט פעאיק אָפּטאָן פאַר אָט דער פויערשער באַוועגונג...

ס'איז נאָך גאָר־גאָר פרי געווען. איצעלע האָט נאָך ניט באַוויזן צונויפֿלייגן זיין געלעגער, אָפּוואַשן זיין פּאַריאָסעמט פּאָנעם, ס'איז דאָך טאַקע נעכטן בײַ אים אַזאַ געדיכטער טאָג געווען, וואָס וואָלט אַף יאָרן געקלעקט: בלויז דאָס, וואָס ער איז אַף אַזאַ טשיקאַוון אויפֿן געקומען צו פֿייוול דעם שויכעטס גאַניקל, געלעגן אַפֿן סאָפּקעלע, וואו דער אַלטער פֿייוול פֿלעגט גאָכן שאַבעסדיקן שלאָף מאַכן בראָכע איבער אַ פֿיירע, און אַזוי גאָענט נעבן זיין אויער איז געזעסן די דאַנטיסטן ליזאַוועטע פּאַוולאָוונע און אַסאַך־אַסאַך זאַכן אַהין אַריינגערעדט, וואָס זיין קאָפּ האָט עס ניט פֿאַרנומען, ווייל אַלע זיינע ראַיוינעס האָבן זיך געצויגן צו קולינקען, און אַז פֿון גאַס האָבן זיך קוילעס געריסן: „ראַטעוועט“! — האָט ער זיך אופֿגעכאַפּט און אָנגעשטויסן אַף צוויי מעטושטעשע פּעגימער. עפּעס האָבן זיי אַף אים געקוקט, ווי ער וואָלט בײַ זיי אַ קעשענע אויסגעשניטן.

— וואָס איז געשען, — האָט ער בײַ זיי געוואָלט פֿרעגן. האָבן זיך אָבער דער־הערט דאָס טאָפּען פֿון רייטער, און די צוויי פּעגימער, ווי צוויי שטיינער, זיינען אַריינגעפֿאַלן אין שטוב אַריין און געטראָפֿן מיט די קעפּ אונטער אַ בעט, און פֿיס ביזן גאַרטל זיינען העפֿקער געלעגן אַף דער שטוב אַרויס...

שפּעטער, ווען די גאַס איז אַ גאַס געוואָרן, זיינען דידאָזיקע צוויי קעפּ אַרויס פֿון אונטערן בעט און האָבן אַווטאָריטעטיש דערקלערט:

— אַז דער גרעסטער העלד איז ניט מעכויעוו זיך שפּאַרן אין פֿייער, וואָרום וואָס איז אַ קאָפּ, בפֿראַט נאָך אַ אידישער קאָפּ.

איצעלע איז העגדום־פּענדום געלאָפֿן אין גאַס אַרויס מיט אַ פֿרענט אייזן אין האַנט. דאָס איז יונגלש, — האָט געטוסערט דער כאַווער שמועל, — איצעלע האָט זיך אָנגעהויבן פֿירן ווי אַ יונגל...

דער פֿרענט אייזן איז טאַקע דערנאָך געלעגן אַ קאַלטער אין זיינע הענט, ווי קאַלט זיין האַרץ איז געווען. דייטשן האָבן אַפֿילע געוואָלט פֿאַרשרייבן אין פּראָטאָקאָל אָט דעם פֿרענט אייזן, ווי די סיבע פֿון דעם גאַנצן טומל...

האָט זי טאַקע, קולינקע, ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס זאָל אַ גאַנצע סטאַנציע יונגעלייט לויפֿן פֿאַר אַ פּאָר רייטער, אַז עס איז דאָ אי שטיינער אַפֿן ברוק, אי אַ פּאָר פֿרענטן אייזן לעבן יעדן לאָד? איז וואָס ווייסט זי, אַ פֿאַרפֿויערשט מיידל, ווי לייכט עס שפּרינגט אַרונטער אַ אידישער קאָפּ, און עפּשער איז טאַקע גערעכט דער כאַווער שמועל, — ער, איצעלע, פֿירט זיך שוין גאָר ווי אַ יונגל...

ער האָט נאָך זיין בעט ניט צונויפֿגעלייגט, איצעלע, זיין פּאַריאָסעמט פּאָנעם ניט אָפּגעוואַשן, ווען עליזאַוועטע פּאַוולאָוונע איז געקומען מיט אַ קלומיקל אונ־טער דער האַנט:

— אָך, נעכטן איז זי קוים צו זיך געקומען, ווי כאַפּט עס טאַקע אַ מענטש אַ פֿרענט אייזן אין האַנט און לאָזט זיך לויפֿן איינער אַליין קעגן באַנדיטן? היינט איז זי נאָך מער איבערצייגט, אַז בײַ איסאַקן איז זייער אַ בלאַגאָראָדנע דושאַ,

גאָר מע דאַרף גיט זיין אַזאַ ספּילטשעווער. אָט זי לעבט די לעצטע צייט איבער אַ גוואַלד טאַקע: קאָהעל וויל זי צווינגען עפּענען אַ קאַבינעט, זי זאָל קריכן אין זייערע טרייפע מיילער און רייסן זייערע פּאַסקודנע ציין און האָדעווען אַ פוילן מאַן. איז ווי לאַנג קרענקט די קעהילע, ווי לאַנג זי וועט עס באַ איר אויספירן. זי איז נאָך אַליין בעיעכוילעס צו קלייבן אַ מאַן, וואָס זאָל איר געבן אַ גוט לעבן, ווייל אַרבעט איז גאָר ניט אַזאַ כאַרפּע, ווי מע מיינט. זי האָט אַלעמאָל געהאַלטן פון איסאַק פּייטעלעוויטשן, איר גייט ניט אָן, צי יענער האָט אַ הויקער, צי ניט, זי האָט אירע איינענע כאַלאָנעשן, פאַר איר איז וויכטיק טשעלאָוועטשעסטוואָ, בלאַגאָראָדסטוואָ, נאָר האָרעווען און האָדעווען אַ פוילן אידן — איז זי ניט מעכויעוו. און דאָס, וואָס זי זעט שוין דאָ אין הייזל ניט דאָס דאָרפישע מיידל, איז זי אויך צופרידן, און איר טאַטנס שטוב האָט גענוג צימערן, און אַ פעדער־טיר מיט אַן אָרט פאַר צוויי שיין אָנגעמאָלטע שילדן, טאַקע אַפן זעלביקן אָרט, וואו זי האָט זיך געקליבן אופהענגען אירע צוויי שילדלעך מיט גאָלדענע בוכשטאַבן: „צום דאָקטאָר“. זי האָט עס נאָר ניט געטאָן דערפאַר, וואָס אַף דעם אָרט איז געהאַנגען אַ קווימל „פייוול דער שויכעט“, אָבער פאַר צוויי שניידערישע שילדן איז דאָס ווי אָנגעמאָסטן. איז אָט דעריבער, צעבינדט זי דאָס קלומעקל און נעמט אַרויס פייוול שויכעטס שאַבעסדיקן סורטוק און שפּאַרט עס אַף איצעלען, זי וויל זען, צי וועט עס טויגן אַף אים איבערמאַכן, ווייל זי האַלט, אַז צו דער כופּע מוז אַן אָרנטלעכער מענטש גיין אין אַ סורטוק. ווי מיינט ער, ניט אַזוי?

וואָס איצעלע האָט געמיינט, איז שווער געווען צו זאָגן. ער האָט אַפילע ניט באַווייזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אַ גאַנץ לעבן דערעכערעץ פאַר פייוולען דעם שויכעטס גראָטן מיידל מיט ביכער, וואָס לערנט ערגעץ, וואָס קומט בלויז אַף זומער־קאַניקולן אַף דער סטאַנציע.

אָט אַזוי, גיטפרעגנדיק און ניטווילנדיק, איז איצעלע אַ כאָסן געוואָרן, ער האָט זיך ניט געפרייט און ניט געקלערט, גאָר צעטומלט געווען עטלעכע טעג, ווי פון אַן ערד־ציטערניש.

אַ קאָמיסיע באַ דער קעהילע, וואָס האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט איינ־אָרדענען די שאָכטים־פראַגע, איז פון הויט געשפּרונגען: ווי קומט דאָ איצעלע דער הויקער? און אַז איצעלע, איז פאַרוואָס קומט אים געלט אַף אַ קאַבינעט? ער, דער שניידערוק, האָט נאָך געדאַרפט צוצאָלן פאַר אַזאַ מאַזל. האָט אָבער ליזאַוועטע פּאַוולאָווגע אופגעהויבן אַזאַ קאַצניאָמער, אַז מע האָט גלייך מאַסקעם געווען צו געבן איר מעזומאָנים אַף אַ קאַבינעט און נאָך איינאָרדענען די כאַסענע אַף קאָהעלשן כעשבן און פיין אָפּהוליען די סימכע.

האָט עס אינגאַנצן געדויערט אַ גאָרנישט, און איצעלע האָט זיך געדרייט אונטער דער כופּע מיט עליזאַוועטע פּאַוולאָוונע, אָבער נאָך וויניקער האָט געדויערט, ער זאָל זי פיינט באַקומען, צוזאַמען מיט דער קעהילע, אַפילע טיילווייז מיטן כאַווער שמועל אַליין.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון: אין טאָג פון דער כופּע איז זי געקומען, די קאַלע, און האָט געפונען דעם כאָסן נאָך גאָר ניט גרייט, אַפילע דער סיורטוק נאָך ניט פאַרטיק, און ניט אָפּגעגאָלט.

— הערט, — האָט זי אים געזאָגט, — איסאַק פיימעלעוויטש, קיין ניאַנקע באַ אייך קלייב איך זיך ניט זיין, איר זאָלט גיין אין באָד און גוט אויסוואַשן זיך די פיס. צי איר האָט אַ הויקער, צי ניט, דאָס גייט מיך ניט אָן, נאָר דעם שוויים פון די פיס וועל איך שפּירן. צו דער כופּע מוזט איר קומען אָפּגעגאָלט. אַ מאַנישקע מיט אַ הוט מוז ער זיך קויפן, און פאַרן סיורטוק דאַרף ער איך באַלד באַצאָלן, ווייל די יערושע פון איר טאַטן איז אירע. קאָהעל מאַכט זי כאַ־סענע און ניט אים, דאָס, וואָס געהערט צו אים, מוז ער אַליין פאַרמאָגן. אַ מאַנסבל איז מעכויעוו זיין גרייט צו אַ כאַסענע!

קאַלט וואַסער איז אַף זיין קאָפּ געפאַלן. ער האָט זיך אופגעכאַפּט, אַ קוק געטאָן אין איר פאַרמעטן צעקנייטשטן פּאָנעם און אַ גרויל געטאָן פון אָט דער פרעמדקייט. האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ דייע איבער זיך, אַז ער קלייבט זיך ניט גיין אונטער קיינע כופּעס, אַז ער איז גרייט אומקערן דעם סיורטוק און נאָך באַצאָלן פאַר אים אויך. ער איז גרייט מעכילע בעטן פאַר אַלע אַוולעס, וואָס ער האָט ווען געטאָן אין לעבן, און אָפּקומען יעדע שטראָף, אַבי מע זאָל אים צורו לאָזן.

איז שוין אָבער שפּעט געווען. אַזוי האָט געפונען אַ קעהילע, אַ גאַנצע סטאַנ־ציע צוזאַמען מיטן כאַווער שמועל, וועלכער האָט געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע ווענן מאָראַלע היסכאַיוועסן, וואָס אַ יאָכיד האָט קעגן אַ גאַנצער געזעלשאַפט, און דער אויספיר איז געווען אַזעלכער: אַז אַ כופּע שטייט שוין, מוז מען גיין! האָט ער ניט געהאַט קיין ברייררע, איצעלע.

איז ער געגאַנגען, געדרייט זיך אונטער דער כופּע און געטומלט זיך ביז טאָג. וויפל איז ער געשלאָפן, ווייסט ער ניט, נאָר אַז ער האָט זיך אופגעכאַפּט, זיינען ווייבער און מוידן געשטאַנען פאַר אים מיט אַ מאַינע: — זיי האָבן נאָר אויס־געטאָן די זאָקן, זיינען די זאָקן ניט געוואָרן. דאַכט זיך, אַז עליזאַוועטע פּאַוו־לאָוונע האָט עס אַלפּי־טאָעס פאַרבאַהאַלטן אין איר קופערט, וואָס דעם שליסל האָט זי באַ זיך צוקאָפּנס. האָט ער זיי ווי דולע אָנגעקוקט, — וואָס גייען אים אָן פרעמדע זאָקן! אָבער, אַז איינע האָט אים אַפּן אויער איינגערוימט:

— זי האָט אַזאַ טעווע, עליזאַוועטע פּאַוולאָוונע, דאָס איז באַ איר אַזאַ יע־רושע זאַך, צושלעפּן עפּעס אַ קלייניקייט, וואָס איז ווערט אַ גראָשן, — האָט ער אָט דער אידענע אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם און געשריען: אַרויס, אַרויס פונדאַנען!— אָבער דערנאָך איז ער אַריין אין שלאָפצימער, וואו עליזאַוועטע פּאַוולאָוונע איז אין בעט געלעגן צעוואָרפן, אָפּגעדעקט, האָט אים נאָר אַן עקל גענומען, ער האָט אַ האַנט פאַרלייגט, פון איר צוקאָפּנס אַרויסגעשלעפּט אירע שליסלען און גע־עפנט אַ קופערט. האָבן זיך ווייבער און מוידן אַף דעם געוואָרפן און געשלעפּט זייערע זאָקן מיט נאָזטיכלעך און זייגער, ווי פון אַ בייסוילעם אַוועק, וואַרפנדיק

אַף הינטן בליקן. איז ער געשטאַנען מיט די שליסלען אין האַנט, און עפּעס אַן עלנט און אומעט האָט אים אַרומגענומען, ער האָט די שליסלען אָפּגעוואָרפן און איז אויך אַוועק צו זיך אין הויז.

## XII

אַ בייכיקער טאָג מיט נייס, אָט־אָט צעשפּרינגט ער.

האָט מען געערדט וועגן דער כופּע, וועגן דעם פּיינעם כאָסן, וואָס איז אַוועק און פֿאַרשלאָסן זיך באַ זיך אין שטיבל. אַז אַ פּאָר דעלעגאַציעס, וואָס זיינען אַוועק אים איבערריידן: סמייטש, זי איז דאָך גרייט, געטויוולט, ווי אַ קאָשערע אידישע טאָכטער...—האָט ער זיי, דער הויקער, דורכגעטריבן. אַזוי מעשוגע איז ער. יער וועט אַפּילע בית גיין צו קיין ראָוו, זאָגט ער, געטן זיך; אַז ער זידלט נאָר די גאַנצע קעהילע מיטן ראָוו צוזאַמען.

האָט אָט די נייס געקלעקט אַף אַ פּרימאָרגן, ווייל עס זיינען ראַפּטום אָנגע־וואַקסן אַזעלכע נייס, אַז מע האָט אָן איצעלען פֿאַרגעסן. גאַנצע טיילן דייטשן האָבן זיך ראַפּטום אַף ווייטע וועגן צעוואָרפן, ביז דער רעכטער סטאַנציע צע־צווינן, — אַלץ צוליב איינעם אַ קרופּינקאָ כאַפּן, און די סטאַנציע האָט גוזמעס נייס דערציילט: דאָ האָט מען אים געפֿונען, דאָ האָט ער זיך אָפּגעשאָסן, דאָ האָט מען אים לעבעדיק, דאָ טויט גענומען. שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז מע האָט אין אַ דערבייאיקן וואַלד געפֿונען אַן אווטאָמאָביל מיט אַ געהאַרגעטן קרו־פּינקאָ, און אַלץ האָט זיך באַרואיקט: מע האָט אַפּילע אַנימירט, אַז אַלע דאַרפֿן פּאָרן אַפֿן יאַריד, ווייל אויס, אַ סאָף מיט קרופּינקאָן.

איין איצעלע האָט אין דעם טומל קיין אָנטייל ניט גענומען, זיין קאָפּ איז מערער אַריין אין די הויקערס, האָט ער אויסגעזען, ווי אייגער, וואָס האָט נאָך לאַנג הוליען זיך אויסגעניכטערט. עס האָט אים וויי געטאָן — צוליב וואָס און וועלכן איז ער צו אָט דער אַוולע געקומען, אַז זיין נוף האָט קיין זינד ניט געטאָנט, און זיין קאָפּ איז מיט דעם ניט פֿאַרנומען געווען.

אַזוי שטיל איז אין קליינעם זייטיקן שטיבל, ערגעץ אין רוקן פֿון הייזער פֿאַרשטופּט, אינעווייניק הענגט נאָך דער ליילעך איבערגעצווימט, און ער טראַכט גאָרניט אַראָפּגענעמען, זאָל זיך דאָרטן לאַנג איינהאַלטן דער שאָטן, דער פֿרישער רייעך פֿון יענעם ליבן ווילדן מיידל, וואָס ווער ווייסט, וואוהין און צוליב וואָס איז זי אַוועק? אָן אומרו האָט געדריקט זיין האַרץ פֿאַר אָט דעם מיידלס קאָפּ.

איז זי געקומען, עליזאַוועטע פּאַוולאָווגע — אַ פֿרעמדע בייזע מומע:

— וואָס זשע זיצט ער נאָך דאָ און היט דאָס ביסל שקראָב? מע וועט דאַרפֿן נעמען אַ פור, דאָס גויטיקערע אַריבערפֿירן אַהיים און דאָס שטיבל פֿאַרשליסן, ביז עס וועט זיך מאַכן אַ קוינע. פֿאַרוואָס איז ער ניט געקומען בעכטן? זי האָט דאָך אַף אים געוואַרט. זי איז געווען באַ אַ דאָקטער, ער האָט זי געפֿונען זייער שלעכט און געאייצעט אָפּהיטן זיך פֿון צוזאַמען זיין מיט אַ מאַן, און זי מוז

אריבערגיין אף א ריעטע. אין אט דאס איז זי טאקע געקומען אים זאגן: אלע פארן אפן יאריד, זאל ער אויך פארן קויפן א בעהיימע, אז ניט, וועט מען קיין רעכטע בעהיימע ניט קויפן, און זי וועט זיך דארפן מאטערן מיט אביסל פרעמ-דער אפגעגאסענער מילך. זי מיינט שוין גלאט, אז עס איז צייט פארענדיקן מיט דער האניק-וואך און נעמען זיך עפעס טאן. די שילדן זיינען שוין פארטיק. איסאק פיימעלעווימש זאק! די פאמיליע זאק איז איר גריילער געפעלן, זי וועט זיין אין קראך, וועט זי זיך גייע וויזיט-קארטן באשטעלן מיט דער פאמיליע זאק.

שווער און מיד האט ער זיך דערנאך געצויגן אף זיין געלעגער, ער האט גע-וואוסט ערשט אף זיכער, אז פון דעם שטיבל וועט ער ניט אוועקגיין; אז קיינע וויזיט-קארטן מיט דער פאמיליע זאק וועלן ניט דערגענענטערן צו אים דאס, וואס איז פרעמד. דאך האט זיך אים אין קאפ געפלאנטערט שילדן מיט אנגעמאלטע מענטשן, מיט שערן אין די הענט, וואס באפאלן אים, שלעפן אים. עמיצער האט אין זיין טיר געקלאפט, פאמעלעך געקלאפט און אופגעריסן אים פון נימעסן באלעם. ווער קאן עס קלאפן אזוי שפעט? וואס, ווידער אירע דעלעגאציעס? ניין, ער וועט קיינעם ניט עפענען!

א מענעריש קאל האט געפרעגט: דער שניידער איז אינדערהיים? איך בין א בעמיק פון צוקער-זאוואד, אין באן פארגדיק האט זיך בא מיר געמאכט א גוואלדיקער ריס, און איך קאן אזוי זיך אהיים ניט דערקלייבן. איך וועל באצאלן, וויפל איר וועט בעטן.

אך, דאס איז עפעס אנדערש. פאר די מענטשן פון צוקער-זאוואד האבן אלע שניידער דערעכבערעץ געהאט: די בעסטע קונדן. האט ער פלינק אנגעצונדן א לאמפ, געעפנט די טיר, און שטיין געבליבן פאר א נייעם הער. אבער אפן זאוואד האט ער געקענט אלע בעמיקער, און אזעלכן האט ער ניט געקענט! דאך איז אים דאס קאל שטארק באקאנט. ער האט זיך שוין געוואלט א ווארף טאן מאכן א פרעס, האט אים דער הער אפגעהאלטן:

— האלט אפ איין וויילינקע, מע דארף מיט עפעס א געדיכטער זאך פאר-הענגען דאס פענצטער. נו, אט אזוי, זעץ זיך א ווילע צו, כאווער, ווער ניט באטל, זעסט, אט זיינען צוויי בראאונינגען, ביידע אנגעלאדענע.

ער האט טאקע ביידע בראאונינגען אוועקגעלייגט אפן טיש, ארויסגענומען פון זיך א פאריק מיט א בערדל, און איצעלע האט אזש א קרעכץ געטאן — קרו-פינקא. פון יענער נאכט האט ער בלויז פארגעדענקט א גיגאנטישע פיגור מיט א קאל.

— ווער ניט באטל, ברודער, זעסט, צוויי בראאונינגען זיינען אנגעלאדן, טא-מער וועט א רועך אנטראגן עמיצן אהערצו, וועל איך מיך אפשלאגן. אין מיין פארטפעל איז נאך דא א באמבע אויך, גוט באווארנט. ווער ניט באטל. ביסט געווען אין יענער נאכט גענוג דרייסט. זעסט, איך פארטרוי זיך דיר, ווייל דו ביסט א כאווער פון יענעם מיידעלע קולינקע, וואס געבענטשט איז די ערד, אף וועלכער זי טרעט. הייגט האט זי מיך געווארנט, פון אן אומגליק אויסגעלייזט, אבער איצט

בין איך ווי אין אַ פּאַסטקע. דו דאַרפסט מיר העלפן פונדאַנען אַרויסקריכן. צום אַלעם ערשטן גיב מיר עפּעס אַף איבערצוטאָן זיך. אַז דו זאָלסט מיר דיין הויקער קאָנען אויסבאָרגן, וואָלט אַוואַדע גוט געווען. גיב אַ טראַכט, כאַווער, די נאַכט שטיים ניט.

אַ מוירעדיקער גרויל איז דורכגעגאַנגען איבער איצעלען, עס האָט אים אַ כאַפּ געטאָן די ציין און דער בויך פון קרופּינקאָס איימע. די דייטשן באָטן פאַר זיין קאָפּ טויזנטער מארקן, און ער איז בא אים אין שטיבל.

— נו, וואָס, עפּעס אַ שרעק איז דורכגעגאַנגען. מענטש זיך, כאַווער, זאָג, ווי אַזוי, מיינסטו, וואָלט איך זיך אַריבערגעקליבן אַ צענדליק ווערסט פונדאַנען אומבאַמערקט? שמעק אָן, ווי האָלט עס מיט דער דייטשישער שמירע אַרום, האָסט געגוג דרייסטקייט באַוויזן אין יענער נאַכט, טרוי איך דיר, אַז דו וועסט קרופּינקאָן ניט פאַרקויפן פאַר צוויי גילדן־שטיק.

ניין, ער וועט אים ניט פאַרקויפן, קולינקעס שאָטן טראָגט זיך פאַר אים און פילט אים אָן מיט פרייד. איז וואָס זשע, זי רודערט, קולינקע. זי איז דאָרטן אין די וועלדער מיט אייערע? אַך, אַ גליקלעכער איינפאַל, אַ ריכטיקער אויסגאַנג איז אים איינגעפאַלן, איצעלען. ער קען קרופּינקאָן דורכפירן אַפן יאַריד. די דייטשן טרייבן אַלעמען אַפן יאַריד, זיי האָבן אַפילע אָפּגעשוואַכט די שמירע אַפן וועג און פאַרשפרייטן אַליין קלאַנגען, אַז קרופּינקאָן האָט מען נעכטן געפאַנגען, אַז ערשט זיינען אַלע וועגן צום יאַריד פריי, געזיכערט.

עס האָבן זיך דעמאָלט צוויי אַף דער זאַך פאַרטראַכט. דער גיגאַנטישער קרופּינקאָ און דאָס הויקערל האָבן זיך אין נאַכטיקער שאָ אָפּדורך דערקענט. ער, איצעלע, האָט געוואוסט, אַז קרופּינקאָ האָט געשפילט אַ ראָליע פון אַ גוט־פאַרוואַלטער, געשאַדכנט זיך צו באַמענקאָס טאָכטער, אַרויסגעכאַפּט דעם אַלטן פון כוטער אין אַווטאָמאָביל, געגומען אים אָפּפירן צו דער באַן, פונוואַנען ער האָט זיך געקליבן פאָרן אין קראָך אַריין, האָט ער זי פונדערווייטן באַמערקט, איך מיידלש קאָל געהערט, באַמערקט אירע באַוועגונגען, אירע הענט, וואָס האָבן זיך אינדערהויך געצווינגן און עפּעס געבעטן, און אים איז ראַפּטום איינגעפאַלן, דאָס מיידל קאָן עס אים וואָרענען, האָט ער ראַפּטום געענדערט דעם וועג. צום אַלעם ערשטן אַריינגעשניטן זיך מיט דעם מאַשין אין וואַלד אַריין און פאַרענדיקט מיט באַמענקאָן. אָבער די דייטשן האָבן אים שוין געוואַרט, באַלאַגערט אַרום. זיי האָבן אים באַמערקט. נאָר אין וואַלד איז גיט לייכט צו נעמען קרופּינקאָן, האָבן זיי אים אַלץ געשפּאַרט און אָפּגעשניטן פון גלייכע און קרומע וועגן, געשפּאַרט אַהער אין אָפּגעדעקטן צענטר. האָט אָבער קרופּינקאָ פריינט, מער, וויפל זיי שטעלן זיך פאַר. אומעטום, אין יעדן אָרעם האַריץ ליגט מיטגעפיל צו קרופּינקאָן, ווייל קרופּינקאָס זאַך איז דאָך די באַפרייאונג, די אויסלייזונג פון אַלע געליטענע.

האָט נאָר איצעלע פאַרגעסן, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג איינגעלערנט וועגן אַ נאַציע, אַ קלאַס, וועגן אַן אַלוועלטלעכער פאַרטיי מיט אַן אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, אַפילע אָן דעם כאַווער שמועל האָט ער פאַרגעסן. ער האָט דאָך קרופּינקאָן

געלאָזן אין הייזל און אַליין איז ער געגאַנגען, אַפּן ברעג סטאַנציע האָט ער אין אַ פענצטערל געקלאַפּט:

— וואַסיל, — האָט ער גערופן, — וועסט מיך אָפּפירן אַפּן יאַריד? ווייסט דאָך, איך האָב כּאַסענע געהאַט, וויל איך פאָרן קויפן אַ בעהיימע, הייגט שטעלט זיך דאָך דער הויפּט-יאַריד.

— אַך, איצעלע, וואָס רעדסטו, ווייסט דאָך, אָט שוין דריי טעג, אַז איך פאָר ניט, דאָס פערד שטייט און איך פאָר ניט, ווייל איך האָב אים דאָך געקויפט אַף אַן אַקציאָן — אַ דעמאָביליזירטס מיט אַ שטאַמפּ, איך האָב אַפילע אַ פּאַפּירל אַף דעם, אָבער איך האָב מוירע. די וואַרטעס, זאָגט מען, געפינען אַזאַ פערד, נעמען זיי צו, שטראַפירן, און שמייסן — אַ צוגאָב.

— נו, דאָס איז גאָרנישט. אַז דו ווילסט, נעם איך דאָס פערד אַף מיינע הענט, איך וועל שוין דאָס אַלץ מיט די דייטשן דורכמאַכן, און דו וועסט אַף דער הויצאָע האָבן.

האָט ער, וואַסיל, ניט געוואוסט, וואָס זאָל ער טאָן פון סימכע. ער האָט דאָס פערד געשפּאַנט אין וואָגן, געגעבן זיין בורקע, זיינע שטיוול. פאַרוואָס ניט דאָרטן איז אַוואַדע געגוג בלאָטע, אין דיינע שיכלעך וועסטו ניט אַרוים.

עס האָט שוין טאָג געגרויט, אידן האָבן שוין לאַנג פאַרפּאַקט זייערע קרעמ-לעך, און מיט טומל, מיט סקריפּ זיך געלאָזן אַפּן דעווישער יאַריד, איז איצעלע געשטאַנען באַ פייוול דעם שויכעטס שטוב, געקלאַפּט אין אַ פענצטער און געוועקט די שלאָפנדיקע עליזאַוועטע פּאַוולאָווגע, און אַז זי האָט אים אין פענצטער אָנגע-קוקט מיטן מאַינעלאָשן, עפּעס צו זאָגן, האָט ער פאַרכאַפּט:

— גיכער, עליזאַוועטע פּאַוולאָווגע, טוט זיך אָן, די פור שטייט גרייט, דער פויער בורטשעט, מע דאַרף שוין פאָרן, מיט גאָטס הילף וועלן מיר קויפן די בעסטע בעהיימע.

האָט באַם אַרויספאָר אַ דייטש דורכגעלאָזן דאָס לעצטע פורל מיט אַ אידיש פּאָרל, געשמייכלט און באַרואיקט — דער וועג איז פריי, ניטאָ שוין קיין באָל-שעוויקעס, קרופּינקאָ איז קאַפּוט...

## XIII

אין פולן פלאַם איז דער יאַריד געווען. אַ יאַם פון מענטשן, פערד, קי, כאַ-זיירים, שעפּסן, באַקאַליי, דזעגעכץ, נאַפט, שניט און גאַלאַנטעריי, געבעקס און צוקערוואַרג. אומעטום האָט געווימלט פון מענטשן.

אין גרויסן ביר-בויד האָבן באַלעגופישע זינדלעך געהוליעט, געטרונקען, מאָרגן וועט זיי כאַמענקע פירן אין קראַד, אין דעם פאַן העטמאַנס אַרמיי אַריין:

— אָט האָסטו די בעסטע, זיי וועלן דיר טריי דינען, דעם קאָפּ שטעלן פאַר האָב-און-גוטס.

אין גרויסן ראָד טאַנצט אַ מיידל, אירע צעפּ, — שוואַרצע, ווי שלאַנגען,

װאַרפֿן זיך איבער אירע אַקסלען, אירע אויגן האָבן באַכערישע קעפּ שמאַרקער פֿאַר װײַן געטומלט:

— שענער פֿאַר דער הײליקער טומער — האָבן באַכערים געגאַפֿט, זינדיקער פֿאַר סקאַריאָטן — האָבן באַכערים געאײַפֿערט.

— איך בין אַ אײנציקער זון, זע, זע, װיפֿל איך האָב מעגלעכקײטן. װאָס איז װערט אַ קרופֿענקאָס לײַזיקער קאָפּ? האָך בין איך אַ באַלן צאַלן, װיפֿל דו װילסט,— האָט זיך באַרימט דער יונגער כאָמענקע. זי האָט אירע אויגן אַראָפּגעלאָזן, גע־לײגט איר קאָפּ אַף זײַן ברוסט.

— שענער פֿאַר מאַריען, פֿאַלשער פֿאַר סקאַריאָטן, — האָבן זי באַכערים גערײצט, און זי האָט קינדערש טרערן געלאָזן אַף כאָמענקעס אַקסל.

— זײ זאָגן לינן, קולינקע האָט קײנעם ניט פֿאַרקויפֿט, איך װיל גאָר גע־קאָמע נעמען פֿאַר מײַן געפּערטלטן זײדן, פֿאַר דער שאַנד, װאָס מע האָט מיר געטאָן.

— אָבער אין יענער נאַכט ביסטו דאָך מיט קרופֿינקאָן דאָס דאָרף באַפֿאַלן, איך װײס דאָך! דו װעסט עס ניט לײקענען, אַז דו האָסט זײ געהאָלפֿן באַפֿרײַען די פֿויערים.

— יאָ, איך לײקן נים. אָבער צי איז עס געװוען מיט מײַן גוטן װילן? צי האָב איך אײנע, אַ מײדל, געקאָנט זיך שטעלן קעגן אַ באַנדע, פֿונקט דעמאָלט, װען מײַן זײדע האָט געגויסעסט? האָבן זײ מיך געטריבן מיט זיך אין דאָרף אַרײַן, איך זאָל זײ װײַזן דעם װעג, האָבן זײ זיך גאָר אָן מיר אָנגעלאַכט. װען איך בין אַ בימערע, אַ מידע אַהײם געקומען, האָב איך בײַדע אַלטע לײט געפֿונען צע־בראָקטע. איז װאָס איז קולינקע, אַ װאָרעם? קולינקעס האַרץ מאָנט נעקאָמע, בלוט זאָל מײַן כאַרפּע אָפּװאַשן! אָבער דו מוזט מיר צו הילף זײַן. דו, רײַכער זון, װעסט מיך אָפּשטויסן, װעל איך זיך אין אַ ברונעם װאַרפֿן.

ער איז גערירט געװען. איר גאַנצן כשאַד װעגן די געפּערטלטע אידן האָט זי קעגן קרופֿינקאָן נעהאַט. באַכערישע אויגן האָבן מיט קינע געקוקט אַף איר — דער שענסטער, דער פֿלינקערער פֿון אַלע. ער האָט ערשט עטעם ליב נעהאַט דאָס מײדל און געגלױבט איר:

— קולינקע, צי דאַרפֿסטו צװײַפֿלען, איך בין אַ אײנציקער יורעש, צוזאַמען מיט דיר װעט װאַקסן כאָמענקעס נאָמען. אָבער דו װעסט מוזן איבערצײַגן מײַן טאַטן, װעסט מוזן אַריבערגײן אין אונזער גלויבן. איך װעל דאָס פֿויעלן, דו זאָלסט מײַן װײַב זײַן, נאָר דו דאַרפֿסט מײַן הײם איבערצײַגן אין דײַן איבערגעגעבנקײט.

אַ פּאָר אויגן האָבן געקוקט אַף איר פֿון אַ װינקל, אַזעלכע קענטלעכע אויגן, װאָס האָבן זיך פֿאַרמישט אין אוילעם, און איר האַרץ איז אַף אַ רעגע פֿאַרקילט געװאָרן, זי האָט זיך געבעטן:

— לאָז מיך, ליבער, אַ רעגע אָפּרוען, האָסט מײַן צעװײטיקט האַרץ מיט װאַרעמע רײד צעגומען.

דער געדיכטער אוילעם האָט זיך צו די טירן, צו די פענצטער געשפּאַרט, ווי-
דער אַ פּראָצעסיע איבערן יאַריד, מיט דער הייליקער מוטער פאָרויס. דער נאָ-
לעך האָט שוין געכריפּעט, געדאַמפּט מיט ווייערך און געפּריידיקט, געגאָסן
די טויבעכע אַף די סאָנים, געיאָגט דעם שוואַרצן קישעף פון ניטגוטן, וואָס קלייבט
זיך דאָ אַפן יאַריד פאַרדרייען די מויכעס. עפּעס אַ קלאַנג האָט זיך דאָ פאַר-
שפּרייט, אַ מאָדנער קלאַנג, וואָס כאָמענקעס פּאָנעם איז פון דעם אַזש גרין
געוואָרן.

— נו, קולינקע, בלייב מיט די פּאַראַבקעס, זיי וועלן דיך אומעטיק ניט לאָזן.
כאָמענקען איז לעסאַמע ניט צום בלויזן יאָנטעוו, — די סאָנים פאַרשפּרייטן
קלאַנגען, זיי טראָגן אריין אומרו אַפן יאַריד.

יאָ, אומעטיק איז איר ניט געווען, באָכערים האָבן זי געפירט פון שענק אַפן
קאַרוסעל, אירע אויגן האָבן געזוכט אַרום, — ניט שוין איז ער גאַנץ, טאַראַס,
ניט שוין איז ער דאָ? זי האָט פריער, גאָר פריער באַמערקט אַ פאַרבונדן פּאָנעם,
אויגן גלעזערנע האָבן אַף איר געקריצט פון אונטער אַ שטאַרק אָנגערוקט היטל,
זי האָט דערקענט טאַראַסן. ניט שוין זוכט ער נאָכאַמאָל קרופּינקאָן פאַראַטן?

באָכערים האָבן זיך געבעטן, געקליאַנטשעט, זי זאָל אַ טאַטאָנע נעמען, אַ
צייכן פון אַ צופרידענעם טאָג; קרעמער האָבן געריטט, ווי עס קליידט איר די-
און די טאַטאָנע, און זי האָט ניט יעדערן באַפרידיקן געקאָנט און אַלע געשענקען
פאַרנעמען. האָט זי געקוואָלן, געלאָפן פאָרויס, און נאָך איר — די טיטשקע באָ-
כערים, אָט אַהער, אין זייט פון וועג, וואו עס האָט זיך צעזעצט אַ בלינדע קאַפּעלע,
וואָס האָבן אָנגעצויגן אַ היפּשן אוילעם פון יאַריד מיט זייערע מאָדנע פּעגימער,
מיט זייערע ביינלדיקע וואָנצן און פליכוואַטע קעפּ און יונגע שטימען און מש-
קאווע געזאַנגען.

קלאַנגען האָבן זיך אַלץ אייננעשפּאַרטער פאַרשפּרייט: מע האָט געכאַפּט
אַ אידן, וואָס האָט אַהער אַפן יאַריד קרופּינקאָן געבראַכט. אייניקע האָבן באַרו-
איקט: — ס'איז ליגן, די סאָנים זוכן אונטערייסן דעם יאַריד. אַ פּאָר גלעזערנע
אויגן האָבן נעבן איר אַ קריץ געטאָן, אַ פּאָר ליפּן האָבן איר געמורמלט אין
אויער אַריין:

— ער איז דאָ, קרופּינקאָ? האָסט אים ניט באַמערקט?

ער האָט אויגן צערייצטע געהאַט, טאַראַס. — ניין, אונזערע דאַרפן זיך אָפּ-
האַלטן פון מאַכן טומל. וואָס מיינט ער, מיט דעם, וואָס ער ווייזט זיך ניט פאַר
קיינעם, קרופּינקאָ? ער גיט אונז איבער בייזוויליק, אָדער פּראָסט פון גרויסקייט
וועגן? האָסט אַ גוטע כעוורע אַרום זיך, העלף אָפּהאַלטן דעם טומל!

ערשט האָט זי געוואוסט, אַז טאַראַס זוכט קרופּינקאָן, ערשט האָט סינע
איר האַרץ געגעסן.

אַ גרינער, אַ צעטומלטער האָט זיך כאָמענקע צו איר אומגעקערט:

— די קלאַנגען זיינען איינער פון דעם אַנדערן בייזער, דאָס גייט גאָר וועגן
זיין טאַטנס לעבן. די דייטשן זיינען פאַרשלאָפן, מע קאָן בא זיי גאָרנישט דער-

גיין. די וואַרמעם זייגען אָפּהענגיק. מע זאָגט, אַז קרופּינקאָ איז זיכער דאָ אױפן יאַריד, דערווייל האָט מען נאָר פאַרהאַלטן אַ אידן מיט אַ פערד, מיט אַ באַלשעװיסטיש קוויטל. אַזעלכע פערד פאַרהאַלט מען אַסאַך, אָבער די אידן, אַלע צאָרעס קומען דאָך פון זיי! אַך, מיט וואָס וואָלט זי אים איבערצייגן געקאָנט, אַז ער זאָל קאָנען אין איר גלויבן, ווי אין זיך?

— נא, נא, אָט האָב איך אַ מעגלעכקייט דיך צו איבערצייגן, כ'האָב שוין צוויי מאָל באַמערקט אַ פּאָנעם אין אוילעם, דיין גרעסטער סוינע, מאַראַס, וואָס איך האָב אים קלוימערשט געהאָלפן באַפרייען. זעסט, אָט דאָרטן מיט דער פּראָצעסיע גייט איינער מיט אַן אָנגערוקט היטל, מיט אַ איבערגעבונדן פּאָנעם, קלוימערשט אַ יוראָדיווער, דאָס איז ער, מאַראַס. זיי זיכער, מיין ליבער, קרופּינקאָס קאָפּ וועט נאָך אויך שפּילן אין דיינע הענט, נאָר מיש מיך ניט אַריין, לאָז מיך פונדערזייט דערווייל.

— אָך, אָך, ווי האָט ער זיך פריער ניט געכאַפּט, אָט דער יוראָדיווער האָט אים מאַקע אין כשאַד געוואָרפן. זיי געבענטשט, קוליגקע, כאַמעטשקע וועט קאָנען ליגן באַ דיינע פיס און באַוואָנען דיין טראָט. שטיל, אָן טומל וועל איך אים נעמען, ניט אופרייסן דעם יאַריד.

הינטער די שאַלאַשן איז געגאַנגען אַ טומל, עמיצער האָט פאַרוים געשריען — זעט נאָר, אָט פירט מען אים, דעם אידן, קרופּינקאָס צווייטע האַנט. געכטן, זאָגט מען, האָט ער מיט אים צוזאַמען דערשאָסן דעם אַלטן באַטעגקען און צוזאַמען אַפן יאַריד געקומען נאָך מיט אַ ווייב, וואָס ניט זיי ביידן אַרוים, און העלפט די דייטשן פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם אייסעק, ווייל זי, דאָס ווייב, האָט נאָך קיין איין נאַכט מיטן הויקער ניט געשלאָפן.

— זעט, זעט, — האָט עמיצער געשריען, — אָט פירט מען אים, אָט! דייטשן מיט בלויזע שווערדן האָבן מאַקע מיט גרויס פאַראַד געפירט אַ מענטשן, פון וועלכן דער אוילעם האָט זיך געקאַטשעט לאַכנדיק.

— אָט דאָס איז דער העלד? אָט דאָס איז קרופּינקאָס צווייטע האַנט? כאַ, כאַ, כאַ, דאָס קאָן זיין אַ קליין גאַנעוול, וואָס שניידט פּויערשע קעשענעס! כאַ, כאַ, כאַ.

איז דאָס אָבער צופיל געוועזן אַף איין מאָל און פאַר איין קאָפּ, — איצעלע! ווי קומט דאָ איצעלע? ווי קומט ער? שוין היפּש צעריסן, צעבלוטיקט, אָבער גייט אַזוי שטאָלץ. אָט, דאַכט זיך, שטעלן זיך אָן זיינע אויגן אַף איר, און אַ מאָדנער פריידיק-שמייכל לייגט זיך באַ זיינע פאַרבלוטיקטע ליפּן. איצעלע! — שרייט זי שיר ניט, פלאָנטערט ער זיך אין אירע פיס, דער אַלטער טראָכים:

— ער איז דאָ, קרופּינקאָ, די דייטשן האָבן אַרומגענומען דעם יאַריד, ווילן אים דורכזיפּן: מע מוז דעם יאַריד אופרייסן, פראָוואָצירן. זיי גרייט, מיידל, טו, וואָס דו קאָנסט!

אין די אויערן האָבן מויזנטער גלעקער געקלונגען, די קאַפּעלע האָט זיך נאָך ברייטער און הילכיקער צעלאָזן:

— ערגער פון די זשידעס, פון טאַטערס, אומגלויביקע קריסטוס־פאַרקויפער, פאַלט ער אָן אַף דאָרף, קרופינקאָ, אַף פּריצים פון גאָט געבענטשטע, אַף פיינע באַלעגופים, אַף פּאַטערס פון די קלויסטערס. הערט אויס, זין פון פראַוואָסלאַוונעם גלויבן, גיט אַרויס קרופענקאָן, גיט אַרויס זיינע מיטהעלפער. גאָטס בראָכע זאָל פאַלן אַפן פּאָרעץ און אַפן באַטראַק.

און אַלץ אַרום האָט געהערט, גענאַפּט. איז וואָס זשע טוט מען?

אַ ריזיקאַלער געדאַנק האָט קולינקעס קאָפּ דורכגעשניטן. אַ ריזיקאַלער געדאַנק! יונגען האָבן געזוכט זי פריילעך מאַכן, געקוקט איר, דער שיינער, אין מויל אַריין און ווייניק געקימערט זיך, וואָס אַרום טוט זיך; געזופט פרישן סאַמאָהאָן און געשפרונגען פון געדולע און געזוכט אַ פאַטיעכע.

— באָכערים, ווער פון אייך וועט איינעם פון די אַלטע אָנעמען פאַר אַ וואָנצע און נעבן אַ גוטן שלעפּ, אַז פון הינטן זאָל זיך באַווייזן אַפּאָנעם אַ יונגס, אַזאַ ווי באַ אייך, וואָס וועט נאָך קאָנען דעם פאַן העטמאַן דינען ווי איר!?

האָבן יונגען געקייכט פון אַזאַ איינפאַל: וואָס זשע, מיידל, דו קאָנסט קישעפן אויך? כאַ, כאַ, זע, פאַרפירערשע געשאָמע, אַז ניט, באַצאָלסטו מיט דיינע לאַנגע צעפּ!

אין גרויסן קווייטלדיקן שיסל, וואָס אינמיטן, האָט זיך געשאָטן געלט, בייגל, היימישע קישקע, — דער פּאָוואָדיר האָט עס קוים באַוויזן אין טאָרבע פאַרנעמען, אַרום זייגען מענטשן אַף די קני געשטאַנען, געציילעמט זיך, ווי באַ הייליקער טפילע.

האָט זיך דער סאַמע לוסטיקער באָכער פאַר דער זאַך גענומען, ער האָט זיך איבערן טישל מיט זיין נעדראָווע איבערגעבויגן און שטיל געזאָגט:

— זיידע, דייגע ווערטער, ווי פון גאָט אַליין קריכן זיי אין האַרצן אַריין, גיב אַ טאַפּ טאָן דיינע געהייליקטע וואָנצעס, ווי זיידענע פרענז ליגן זיי אַף דיין געבענטשט מויל.

און איידער דער אַלטער האָט עפּעס וואָס פאַרשטאַנען, זיינען שוין אין דעם באָכערס הענט געלעגן צוויי בייגלדיקע וואָנצעס, און אַ יינגלש פּאָנעם האָט זיך אָפּגעדעקט פון אונטער אַ מאַסקע.

— האַ, האַ, אַ קאָמעדיאַנט, — האָט אויסגעפּלאַצט דער לוסטיקער אוילעם. כאַ, כאַ, כאַ, אַ קישעף, נעמט אַ צווייטן! נעמט אַ דריטן!

אַרומיקער אוילעם איז פאַרגאַפט געבליבן מיט די קעפּ צו דער ערד. עמיצנס הענט האָבן אַ פריילעכן באָכער מיט קראַפט אָפּגעוואָרפן, עמיצנס הענט האָבן זיך אין עמיצנס האַלז אַריינגעגראָבן. האָבן זיך פויסטן איבער קעפּ און פּעגימער געלאָזן, האָט זיך אַן ערשטער מעסער באַוויזן, אַ גלאַנץ געטאָן קעגן זון, רויט בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן.

— שלאָגט די בונטאַרן — האָט זיך אַן ערשטער קלאָר קאָל געהערט, האָט זיך אַלץ צוזאַמען אויפגעפלאָכטן, האָט זיך עס געדראַפּעט ווי אַ טאַנק, מיט הענט, מיט פיס, מיט ציין, געקראָכן פון אונטן און ווידער פון אויבן, צעבלוטיקט, מיט

בלאָטעס און שמאַטעס איבערגעמישט. פון הינטן, פון פערד־מאַרק האָט מען ערשט נעשפּאַרט:

— ווער־וואָס שלאָגט? דייטשן? זשידעס? קרופּינקאָ?

עמיצער האָט דערציילט וועגן אַ קישעף, וועגן אַ נעס, אָבער מענטשן האָבן שוין נאָך פאַרלוירן גלייבגעוויכט, געשפּאַרט זיך טעמפּ און ווילד מיט דרענגלעך, מיט שרויפן, נים געהערט די איינציקע קנאַלן פון ביקסן, געבראָכן, געשלאָגן אַלץ אַפּן וועג און אַליין געפאַלן אונטער אַ פרעמדן זעץ, ביז ערגעץ האָבן שוין אָנגעהויבן קנאַקן קוילנוואַרפערס, האָט נאָך ס'האָט געהאַט פּים, געלאָזן זיך לויפן, וואוהין ווער עס האָט געקאָנט. נאַכט איז צוגעפאַלן און צוגעדעקט אַ ווילדן, אַ גוואַלטיקן קרעכץ. טאָג האָט געפונען אַ כאָרעוו־פאַרבלוטיקטן יאַריד־פּלאַץ. אַף אַ פּאָר טעלעגראַף־סלופּעס צום ברייטן שליאַך זיינען געהאַנגען טאַראַס און דער יונגער כאָמענקע. דייטשן זיינען פון גאַנצן אַרום אָפּגעטראָטן. די מאַכט איז אַריבער צו קרופּינקאָן.

# זיבעלע

## I

גערופן האָט מען זי דאָס זיבעלע, ווייל איר מאַמע, די שיינע ריווע, האָט זי געבוירן מיט צוויי כאַדאָשים פאַר דער צייט. האָט מען דאָס זיבעלע איינגעוויקלט אין וואַטע און געלאָזן זי וואַנדערן פון איין באָבען צו דער צווייטער מיט אַ פלעשעלע אין מויל, ווייל איר מאַמע און טאַטע זיינען שטאַרק פאַרטאָן געווען אין דער באַוועגונג, וואָס האָט צוגעגרייט דאָס פינפטע יאָר.

איז דאָס זיבעלע געוואַקסן מיט באָבעס און זיידעס, פעטערס און מומעס, און באַ דריי יאָר האָט שוין דאָס זיבעלע געהייסן „אַלטער קאָפּ“, ווייל דער גאַנצער ברויז פון צוויי געזינדן האָט זיך אָפּ איר אָפּגעפרעסט, ווייל באָבעס האָבן אַ זודיקע טרער אָפּ איר בעקל פאַרלאָרן, און זיידעס האָבן געקרעכצט וועגן טאַטעס פון אָט דער לעבעדיקער יעסוימעלע, פעטערס און מומעס האָבן זי געפרעגט:

— איז וואָס זשע וועסטו זיין, זיבעלע, אַן עסעסאָווקע, אַ בונדאָווקע, צי אַן איסקראָווקע?

האָט זי קינדעריש געענטפערט:

— אַ איסקראָווקע, ווי איר מאַמע, וואָס טראָגט זיך ערגעץ־וואו אין פרעמדע שטעט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען אָט דאָס פיצעלע איסקראָווקע האָט אירע אויגעלעך געעפנט, האָט דאָס זיך אָנגעטראָפן מיט אַ נייעם און אומבאַקאַנטן פּאָנעם. עפעס האָט אַ ציי געטאָן דאָס הערצעלע און מיטן גאַנצן גופעלע האָט זיך עס אַ ציי געטאָן צו אויסגעשפּרייטע אָרעמס און אַליין פון זיך האָט זיך אַרויסגעריסן: מאַמאַ! דאָס זיבעלע „דער אַלטער קאָפּ“ האָט זיך באַלויכטן פון מאַמעס געפרעסטער ליבשאַפט, אָבער דאָס קינדערשע הערצעלע האָט אויך דערפילט דעם אומרו, וואָס האָט אַרומגעריגלט אַ מאַמעס קומען אין דער באָבעס שטוב, — האָט זי איר פרייד איינגעצוימט, שטיל געטוליעט זיך אין מאַמעס שויס און געגאַשט די זיסקייט פון מאַמעס קושן און צערטלען.

ביז איינער אַ נאַכט אַ ווייבער און אַ וואָלקנדיקער מיט אַ דינעם פּרילינגסרעגנדל. אין אָפענעם פענסטערל האָט זיך געהערט דאָס כליופען פון דעסנע־טייך, וואָס האָט זיך געווינט און געשלאָגן צו די ברעגן. און אַזוי גליקלעך האָט

זיך געוויגט דאָס שלאָפנדיקע קעפּעלע אין העלע כאַלומעס, — אירע הענטעלעך זייַנען געלעגן אין שניט פון דער מאַמעס בוזים.

איז וואָס פאַר אַ בייזע אָנשיקעניש האָט צעשמעטערט אָט דעם קינדערשן כאַלעם? ווייטע שטאַרקע זעצן — עמיצער האָט זיך אין הויף אַרייַנגעבראָכן. האָט זי אירע אויגעלעך געעפנט און געזעען, ווי די מאַמע אַ נאַקעטע לאָזט זיך אין זייַדנס מאַפּטאַק אַראָפּ. און דערנאָכדעם האָט זי געוואוסט, אַז זי איז צום ברעג: אַרויסגעקראָכן, די ברייט צעגאָסענע דעסנע איבערגעשוואומען און אַ הייליגקע זיך דערקליבן צו אַ מומען אַפּן ווינקל שטאָט. און דאָ האָבן זשאַנדאַרמען די שטוב קאַפּויר איבערגעקערט און דעריקער זיך געגראָבן אין געלעגער, וואָס איז נאָך וואַרים געווען פון מאַמעס יונגן לייב:

— וואו, וואו איז דייַן מאַמע, מיידעלע, האַ? האָט געפרעגט אַ זשאַנדאַרם. דאָס קינד האָט ניט געוויינט, געקוקט מיט פולע פאַרדראָסיקע אויגן אין אָט דעם פּאָנים און גאָרניט געזאָגט. דערנאָכדעם האָט מען באַ די באָבעס אין שטוב אַסאַך געקוואָלן, ווי דאָס זיבעלע האָט זיך גוט געהאַלטן באַ דער ערשטער אויספאָרשונג.

אָבער איגדערעמסן, וואו איז אַ מאָס צו מעסטן אָט די ביטערקייט, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס קינדערשע הערצל? ערשט ווען די זשאַנדאַרמען האָבן די שטוב פאַרלאָזט און צוגענומען מיט זיך די מומע מינע, האָט דער גאַנצער ווייטעק זיך אַרויסגעריסן, — זי האָט געוואָלט די מאַמע האָבן, זי האָט געוואָלט כאָטש די מומע מינע, צום סאָף האָט זי זיך באָטש געבעטן צו יענער אַנדערער באָבען אין שכייַנישער שטאָט.

אָבער דאָרטן, באַ יענער באָבען, איז שוין קיינער ניט געווען אַף דער פרייַ. אַ באָבע האָט מיט זודיקע טרערן אירע בעקעלעך געבריט. אַ זיידע האָט זיך האַסטיק איבערן שטוב געטראָגן. געכאַפּט זיך יעדער ווײַלע פאַרן קאָפּ, אָפּגעשטעלט זיך און געפרעגט:

— ברייַנע, ביסט דאָך אַ קלוגע אידענע, איז זאָג, צו וואָס און וואוהין וועלן זיי דערפירן אָט די געראָטענע קינדער דייַנע? וואוהין און צו וואָס?

אַ באָבע האָט געשווינגן, אַ באָבע האָט דאָס קינד צו איר אַלטן האַרצן געפרעסט, פול געמאַכט דעם קינדס אויערל מיט גרוילעכע באָבע־מאַיסעס און צוזאַמען מיטן קינד געוואַרט, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט דאָך דאָס לעבן אויפגעריכט ווערן.

און עפּעס האָט געדאַכט, אַז מע האָט זיך טאַקע דערוואַרט, ווייל אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן זיך מענטשן געטומלט, געפרייט זיך, געקושט און געזאָגט „מאַזל־טאָוו!“. פּעטערס און מומעס זייַנען פון טורמעס געקומען און די פרייד דערפילט, „דאָס אַלטע קעפּעלע“ האָט מען אויסגעפּוצט מיט אַ רויט סטענגעלע.

שפּעטער איז די מאַמע געקומען. אַ שטייפע אַז אַנטפּלעקטע. קיין סוידעס האָבן זיך אַרום איר קומען ניט געוועבט, אַלץ איז שוין פאַרגעקומען זייער פאַ־

שעם. אַ מאַמע איז געקומען נעמען אונטערן אויפזיכט איר קינד, פאַריכטן אַלץ, וואָס דאָס קינד האָט איינגעזאַפּט אין העפקערדיקער אויפציאונג, און נעמען זיך אַליין פאַר איר דערציאונג.

## II

די נייע היים איז געווען געמיטלעך צוגעגרייט פאַרן נייעם מענטשן. פון די צוויי צימערן איז אַ האַלבער פאַרנומען געווען מיט שפּילכעלעך און קינדערש מעבל. אַ מאַמע, וואָס ווער ווייס, פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַ שמיק מאָנגאָלישער פּאָנים, האָט זיך אין ברוינעם שמייכל צעגאָסן מיט פאַרקנייטשטע אויגן און אָפענע ציין צו איר, דער קליינער טאָכטער. דאָס זיבעלע האָט אים ניט צוליב געטאָן און ניט גערופן אים פּאַפּאַ, נאָר — באָרים, אָדער, ווי פרעמדע האָבן אים גערופן — כאַווער באָרים.

ס'איז געווען אַ לעצטער כוידעש פון שניידערשן קאָניקול, האָט איין כאַווער באָרים געאַרבעט דאָס באַקומענע שמיקל אַרבעט, און די מאַמע ריווע איז נאָך אינגדערהיים פאַרבליבן, געניים, געגרייט אַף אַ ווינטער פאַרן קינד.

געפרישטיקט האָט מען צוזאַמען מיט דער כאַווערטע מעטע — אַ עסטאָנקע, מיט איר אינגעלע קירא, וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער געווען פון זיבעלע. ער האָט געשטיפּט און געגראַנגערט. אָבער בלויז ביז די כאַווערטע מעטע האָט עם דערלויבט, און נאָך איין וואונק אירן האָט ער געקאָנט איבעררייסן דאָס שטיפן און איבערגיין צו רואיקייט און הערן, הערן פון דאָסניי די מאַיסע וועגן זיין העלדישן טאַטן, אָטאָ.

אַזעלכע פייכטע פינקלדיקע אויגן האָט זי געהאַט די כאַווערטע מעטע, און באַ דער כאַווערטע ריווע האָט געבלייכט דאָס פּאָנים און זי האָט זיך געבעטן:

— כאַווערטע, פירט ניט אַריין אָט די קליינע אין דער געשיכטע פון גרויזאַמען קאַמף, צו וואָס אָנשטאָפּן אָט דאָס נעפעשל מיט אומרו און ווייטעק? איך וויל זי לאָזן וואַקסן אַ שטייפע, אַ זיכערע. אָט דאָ צווישן וועלף, זאָל זי ציין באַקומען, זאָל זי...

איז מען נאָכן פרישטיק שפּאַצירן נעגאַנגען צום טעאַטער־פּלאַץ מיט די צעבלימטע פאַרקן. אונטן וויגט זיך דער יאַם, מוזיק קעכלט דאָ דעם געהער, און לוקסוס ווילדעוועט דאָ אַף גומענע רעדער איבער געפלאַסטערטן אַספאַלט. אַזוי ווייט איז דאָך דאָס פון פּערעסיפּ, פון מאָלדאַוואַנקע, פון גרויסן קאַפּצאָנישן קרעכץ, פון שווערן פּראָלעטאַרישן אומרו.

מיטאָג־שאָ זיינען זיי געגאַנגען באַגעגענען דעם כאַווער באָרים, ער איז מיט נאָך אַזעלכע, ווי איר, אַרוים פון אַ טיר אַף דער שפּיגלדיקער דעריבאַסאָווקע. עמעס, אַף זיי האָט זיך די בלוזע ניט געבראָכן פון שמאַלץ, אָבער, ווי אַ פלעק האָבן זיי זיך דורכגעטראָגן איבער אָט דעם פריידיקן גלאַנץ. געמיטאָגט האָט מען מיט ווייסע טישטעכער און געשמאַקע מאַיכאָלים. אָבער צווישן עסן, צווישן די ביסנס,

האָט מען זיך געאַמפּערט, גערעדט און געטומלט. קינדערשע אויערלעך האָבן אַזוינע צאַרטע הייטעלעך און אַזוי לייכט נעמען זיי אויף זאַכן, האָט די כאַווערטע ריווע באַשלאָסן, אַז עס איז גאָר איבעריק אַריינפירן אָט דאָס פּיצל אין דעם מיטאָגדיקן אַמפּעריי.

שפּעטער איז שוין דאָס זיבעלע אַף לאַנגע טעג געבליבן מיט דער טיאָטיע טעמע, מיטן קליינעם קירע. אַז זי האָט אירע אויגעלעך געעפנט, האָט זי שוין קיין מאַמע ניט געפונען, און אָפּט, אָפּט האָבן זיך אירע אויגעלעך געשלאָסן פאַר דער מאַמעס צוריקערן. אָבער דערפאַר האָט זי שטענדיק געפונען אַרום זיך דאָס שענסטע שפּילכל, די בעסטע נאַשעריי און פריש שפּאָגלדיק אָנטאָן. און דער זונטיק-אָפּרו, יאָנטוויוויום געציילטע, מיט געבורטס-טאָגן, האָבן מיט זיך געזוכט פארשטעלן דעם שווערן קאַמפּס-ברויז, וואָס האָט נאָך געשפּראָצט אין צוזאַמענהאַנג מיט פּאַריינגען, מיט וואַלן, מיט באָיקאָט-פּראַגן, מיט גרויפּירונגען, מיט קאָנפערענצן און רעזאָלוציעס, וואָס האָבן זיך מיט איינגעשפּאַרטקייט געגראָבן אין די הערצער פון די בעסטע. איז זי, די כאַווערטע ריווע, געשטאַנען אַ צעצווייטע, נאָך אַלץ אַ שטאַרקער כאַוער אין קאַמף מיט צעפּאַלונג און ליקווידאַטאָרישע שטימונגען. און פון דער אַנדערער זייט — אַ מאַמע מיט הענט, ווי אויסגעשפּרייטע פליגל, מיט אַ ראַכמאָנעסדיקן געבעט:

— שטילער, ווייטער פון קינדערשן אויערל. לאָזט זי אויסוואַקסן אַ שטאַרקער, אַ נייער מענטש!

## III

געווען איז איינער אַ פרימאָרגן. אַפּן ווינקל, וואו דריי נאַסן גייען זיך צונויף, האָט זון מיט פרייד געמישט זיך, מיט בלומען, מיט פאַרבן. האָט זי אויך געשפּאַצירט, די אַכטיאָריקע, צווישן די זאַטע און פריידיקע, צוזאַמען מיט דער מאַמען. פּלוצים איז אַ טומל געוואָרן. יאָ, זי האָט אַליין געזען, ווי עטלעכע מוירעדיקע יונגן האָבן מיט שטיינער דערלאַנגט אין אַ שפּאָגל נייער מאַשינדל. הארט פאַרביי איר איז איינער אַוועק, מיט די קוסטן אַוועק, און אַרום האָט די פּאָליציי געפייפט, געלאָפן, און די קוועליקע פריילעכקייט איז אַף אַ רעגע נעשטערט געוואָרן. איר מאַמעס פּאָנים איז באַזונדערס אויפגערעגט געווען, זיינען זיי אַהיים געלאָפן. זי, די קליינע, האָט געטראַכט וועגן דעם פאַרביי אַנטלאָפענעם יונג — עפּעס איז ער איר קענטלעך געווען. ערגעץ וואו האָט זי אים באַגעגנט. עס האָט איר שטאַרק באַנק געטאָן, וואָס זי האָט ניט נעבן זיך דעם קליינעם קירען, ווייל ער איז מיט זיין מאַמע מעטע אַוועק וואוינען אַפּן פּערעסיפּ. דער קליינער קירע וואָלט איר שוין קלאָר געמאַכט, וואָס דאָ קומט פאָר. זי זעט גאָר, אַז טאַטע-מאַמע גייען שוין זייער לאַנג ניט אַף אַרבעט, זייערע אויגן פלאַמען מיט אומרו, און די מאַמע נעמט אָן אַלע מיטלען, זי זאָל גאָרניט הערן, ניט זען, ניט וויסן.

לאַנג איז פון דער מאַמעס פּאָנעם די שרעק ניט אָפּגעטראָטן, זי האָט אַף עפּעס געוואַרט, נאָר דער כאַוועד באָרים איז ניט געקומען. באַנאַכט האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון שטאַרקע זעצן אין טיר, זשאַנדאַרמען האָבן די צימערן פול געמאַכט, זשאַנדאַרמען האָבן דעם כאַוועד באָרים געזוכט, געזוכט ווי אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי, דעם פּאָרזיצער פון שטרייק־קאָמיטעט. די מאַמע אין לייכטן אָנטאָן האָט זיך געלאָזן געהאַלטן. אָבער זי איז אויפגעפלאַמט געוואָרן, ווען איינער אַ נימעסער פּאָנים האָט זיך מיט אויגן איינגעגעסן אין דער קליינער און פאַרמאָסטן זיך אַראָפּרייסן פון איר די קאָלדרע. האָט זי אַ קאָל אויפגעהויבן:

— איר זוכט באָרים קראַפּט, דעם פּאָרזיצער פון שטרייק־קאָמיטעט, און דאָס קינד איז אַלט 8 יאָר!

— אַכט יאָר, — האָט דער נעפּעש מיט אַ פּאָנים פון אַ לונג געכוויזעקט, — קוק עס נאָר אָן, עס ליגט אַ גאַנצע ווייב כע, כע, כע...

איז אין דער מאַמעס הענט דאָס פּרעסל אויסגעוואַקסן. אַזאַ פּאָנים האָט זי ניט געזעען באַ אָט דער מאַמען. קעגן איר האָבן זיך עטלעכע שטיק שוואַרצע עלזלעך אָנגעשטעלט, האָט זי, די קליינע, אומעט דערפילט און אינמיטן זיך אַריינגעריסן מיט קוילעס. אינדערעמעסן איז גאָר ניט געשעען. דער מאַמעס פּאָנים האָט זיך איבערגעקרימט פון סינע. זי האָט זיך לאַנג מיט זיי געאַמפּערט, געמאָנט און נעדונגען, ביז זיי זיינען דאָך אַוועק אָן דער מאַמען. איז זי מיט איר קאָפּ אין מאַמעס שוים געלעגן, געהערט ווי זי מאַכט עס אַלץ צו נישט, צו גאָרניט, אַ שטיקעלע טאָעס נאָר, און אַזוי אָפּגעלייקנט, אָפּגעווענדט פון דער קליינער אַלץ, וואָס אַרום קומט פאָר.

אינגיכן איז די מאַמע אַוועק ווידער אַרבעטן, געקומען איז די מומע רייזל, זי פאָרט אין אויסלאַנד, די כאַווערטע רייזל, ווייל אַ כאַוועד שרייבט איר:

— זי וועט די פּים אויסציען באַ דער זאָקן־מאַשין, און אַז זי וועט קומען אַף יענער וועלט, וועט זי מיט זיך האָבן אַ הייפּעלע קאַמף, אַ מאָגן־קאַטאַר און אַ רונדן הויקער פון פּערצן שאָ זיצן אין מעסלעס.

זי האָט אַ שיינע שטים, די מומע רייזל, און אַ גוסט צו דער בינע, שיין איז זי און פיינט האָט זי דעם כאַוועד באָרים, וואָס האָט אַוואַנטיוריסטיש אונטערגע־נומען דעם שטרייק און פון דער שיינער ריווען אָפּגענומען אַ צענדליק יאָר לעבן, ווייל זי איז דאָך אַ מאַמע. איז וואו נעמט זי קירען, וואָלט זי אים דערציילט וועגן דער מומע רייזל און וואָלט זיך פאַר אים מוידע געווען, אַז זי האָט אויך פיינט באַקומען דעם כאַוועד באָרים...

## IV

מע האָט געזאָגט, אַז דאָס זיבעלע האָט ניט נאָר באַקומען גוטע באַלן אַף די עקזאַמענעס, נאָר זי האָט געהאַט צו דעם אַ היפּש ביסל מאַזל, ווייל אָן דעם וואָלט שווער געווען אַריין אין שוואַרצע גימנאַזיע, און די מי און גאַנצע קונסט,

וואָס עס האָבן אַף דעם פֿאַרווענדט די מאַמע מיט דער מומע רייזל, איז שוין גאָרניט אַריין אין כעשבן.

עס איז שוין געווען האַרבסט, די מומע רייזל איז אַוועקגעפֿאָרן. די מאַמע האָט אַסאַך געאַרבעט, און דער כאַוועך באָרים האָט זיך ניט אומגעקערט צוריק. איז זי געגאַנגען אַ ברויניניקע, אין ברוינעם קליידעלע, מיטן שוואַרצינקן פֿאַרטעכל. מיטן בלויען באַנד אין די האָר, צווישן אַסאַך אַזעלכע, און דאָך זיך שטאַרק ניט היימלעך געפֿילט.

קירע! אָט דאָ, פֿאַר דער פּאַראַדנע אין גימנאַזיע, האָט ער זי אָפּגעוואַרט. ער איז שוין געווען אַ היפּשער אינגל, געלערנט אין אַ טעכנישער שול. זי האָט זיך געפֿרייט מיט אים און אַביסעלע געשעמט זיך פֿאַר אים: ער איז געקומען זי איינלאַדן צו זיין געבורטס-טאָג, דערצו האָט ער אַסאַך געוואוסט, דער אינגל, און אַסאַך געהאַט איר צו דערציילן:

—זע, אָט דאָס מיידעלע, וואָס שמייכלט דיר און וואָס זעצט זיך איצט נייעם אַוטאָמאָביל, איז דיין גרעסטער פֿיינט!

זי האָט אים אָנגעקוקט צעטומלט:

— וואָס פּלאַפּלט ער, דאָס איז דאָך די קליינע זעזמער, זיי זיצן אַף איין פּאַרטע איינס נעבן צווייטן און ווערן אַלץ מערער און מערער כאַווער.

אָבער קירע האָט געכוויזעקט פֿון דערדאָזיקער כאַווערשאַפֿט, ווייל איר טאַטע, דער רייכער זעזמער, האָט הונדערט אַרבעטער מיט געזינדן געלאָזן דריי כאַדאָשים הונגערן. די פּאָליציי האָט אים געהאָלפֿן און האָט די בעסטע אין טורמע געוואָרפֿן. איר פּאַפּאַ, דעם כאַווער באָרים, דעם פֿירער פֿון שטרייק-קאָמיטעט, איז געלונגען אָפּציען, האָט מען אים אין אַן אַנדער שטאָט אַרעסטירט. און אַז מאַמע ריווע, האָט אָפּגעצערט איר לייב און אויספֿאַרקויפֿט ביז אַ שנירל, איז זי געצוואונגען געווען צו גיין אַרבעטן פֿאַר האַלב פּרייז.

זי האָט זיך דערמאָלט געכאַפּט, אַז די מאַמע טראָגט זייער אַ אָפּגעקראָכן אָנטאָן און אַז פֿון שטוב פֿעלן די בעסטע זאַכן. ווען זי האָט זיך שפּעט אויפֿגעכאַפּט, האָט זי באַמערקט, אַז די מאַמע זיצט נאָך אַלץ בײַ דער אַהיים גענו-מענער אַרבעט, אַזוי בלאַס איז איר פּאָנעם, און איר שיינער שטערן פֿעדימט זיך, און אַזוי ליב און אַזוי באַנק טוט איר די מאַמע, וואָס וויל מיטן שמייכל פֿאַרשטעלן פֿון איר אַלדאָס בייז.

דער קליינער קירע האָט גיפֿט-טראָפּנס אַריינגעלאָזט אין איר הערצל, איז איר ענג געוואָרן צו זיצן נעבן דער קליינער זעזמער, יעדער שמייכל פֿון דעם מיידעלע האָט זי געדערגט. און געשעען איז, אַז מע האָט זי אַרויסגערופֿן ענט-פֿערן אַף דער לעקציע, האָט זי פֿון אויפֿרעגונג זיך פֿאַרפּלאָנטערט. קינדער האָבן געקוואָלן פֿון דער, וואָס גייט אַפֿן ערשטן אָרט. און זי האָט איר דורכפֿאַל גע-וואָרפֿן אַפֿן קאָפּ פֿון אָט דער קליינער זעזמער, איר גרעסטן סוינע.

אַף קירעס געבורטס-טאָג האָט איר אַלץ געשמעקט מיט בוימל און דאַמף, מיט רויך פֿון זאַוואָד, אָבער פֿונם קליינוואַרג האָט זיך געפֿילט די שטייפֿקייט

און רואיקייט פון יאַם. זי האָט דאָרטן דערקאַנט דעם יונג, וואָס האָט דעם שטיין געוואָרפן אין נייאינקן אַוטאָמאָביל. דאָס איז ער ערשט געקומען און גרוסן געבראַכט, אַז דאָס אייז האָט זיך גערירט. אַ רויִ שטרייקן דערוויזן, אַז דער אַר־בעטער קומט צו זיך און די באַוועגונג צעוואַקסט זיך קעגן אַלע ליקווידאַטאָרישע אָפּשפּרעכענישן. דאָס ראָוו פאַרזאַמלטע האָבן געשלונגען יעדן וואָרט זיינעם. גאָר די מאַמע ריווע האָט זיך שטאַרק נעקנייטשט אַף אָט די אַלע מאַיסעם. זי האָט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט און פאַרורטיילט דעם כאוועריש קאַמפּס־מעטאָדן: פון פאַרלאָרנקייט וואַרפן אַ שטיין אין זעזמערן.

יער האָט געפלאַמט אָט דער יונג:

— בעסער אַ שטיין, איידער שטעלן זיך אַף די קני פאַר אַזעלכע!

— אייער שטיין האָט מייִנע קני געבויגן, כאַ, כאַ, כאַ, — האָט זי געפּרואווט אַ געלעכטער דערפון מאַכן. אָבער קירע האָט די פראַגע געשטעלט פאַרן קליינעם אוילאָם:

— וואָס איז גלייכער: וואַרפן אַ שטיין צי שטעלן זיך אַף די קני?

— וואַרפן אַ שטיין, לאָזן אַ קויל, אַ באָמבע, אַלץ איז בעסער, איידער שטעלן זיך אַף די קני!

האָט זי, דאָס זיבעלע, זיך געשראָקן פאַרן פּאָנעם, וואָס האָט געוואָרפן דעם שטיין, און ניט מאַסקים געווען מיטן געדאַנק, אַז די שיינע מאַמע, וואָס קאָן פריי־ליגגדיקע ברייט פון דער דעסנע איבערשווימען, אויפהויבן אַ פרעם קעגן זשאַנ־דאַרם, זאָל מאַקע שטיין פאַר עמיצן אַף די קני.

## V

ס'איז איינמאָל אַזוי געשעען. די מאַשין איז פאַר דער פּאַראַדנער טיר גע־שטאַנען, געוואַרט אַף דער קליינער זעזמער. אַ הער אין אַ צילינדער האָט איר אַ האַנט דערלאַנגט. איז זי, דאָס זיבעלע, שטיין געבליבן אַ פאַרפלעפטע און אין הערצל האָט געקאָכט: ;

— אָט פאַר דעמדאָזיקן צילינדער־מענטש, איז די מאַמע, די שיינע ריווע, אַף די קני געשטאַנען? די קליינע זעזמער האָט זי באַמערקט און גערופן, איינ־געשפּאַרט גערופן:

— קום, זעץ זיך, אַבּיסעלע שפּאַצירן: קום, קום, זעץ זיך!

האָט זי געוואָלט זיך פאַרגוויגן און לויפן, לויפן, וואוהין די אויגן טראָגן. אָבער אירע פּיס זיינען, ווי געליימט געווען, ביז דער הער אין צילינדער האָט זיך אַליין מאַטריעד געווען, אַראָפּגעשפּרונגען און אַ נעם געטאָן זי אונטערן גאַרטעלע און אַ טראָג געטאָן זי אַפּן רימענעם געזעס:

— קומט, פריילין, אַביסעלע מיט אונז, וואָס קאָן ס'עם שאַטן?

אַסאַך קינדער האָבן געלופעט די אויגן פון קינע, און די מאַשין האָט זיך אַוועקגעטראָגן איבער דער שטאָט, און ווי אַף אַ גרויסן קינאָ־לייוונט, האָט זיך

געטראָגן דאָס ריזיקע לעבן פון דער ראַשיקער פּאָרט־שטאָט אין אַלע זײַנע געשטאַלטן.

און עפּעס אַזוי אומגליביק איז געווען, אַז אָט דער מענטש אין צילינדער האָט הונדערט געזינדן דרײַ באַדאָשים געהאַלטן אין הונגער און געשטעלט די מאַמע אַף די קני? ער איז געווען זײַער ליב און פרײַלעך, גערעדט און דערציילט.

אַ קאַליקע אַף רעדלעך האָט זיך מיט מאַזל אַרויסגעגליטשט פון אונטערן אַוטאָמאָביל, דער שאָפער האָט זיך גוט אויסגעזידלט און דער הער אין צילינדער האָט אַ מאַטבייע דערלאַנגט און זי אַ וואָרף געטאָן אים. דער אַוטאָמאָביל האָט זיך דורכגעטראָגן דורך דער גאַנצער שטאָט און אַרײַנגעגליטשט אין האַפן אַרײַן.

פאַרוואָס שלעפּן עס מענטשן אַזעלכע שווערע פּעק און קאַסטנס אַף זיך, פּאַפּע? פאַרוואָס טוען זיי אַזעלכע שווערע אַרבעט? — האָט די קליינע זעזמער געפרעגט:

— ווייל זיי ווילן לעבן און רייך זײַן. נאָר דער, וואָס איז פויל, איז אָרעם. אויסוואַרפן שטרייקן און כאַלעמען וועגן איבערבויען די וועלט, וואָס גאָט האָט זי באַשאַפן אָט אַזוי, ווי זי איז.

אָט אַזוי האָט דער פּאַפּע אין צילינדער דערקלערט.

איז דאָס זיבעלע אינגאַנצן איבעראַשט געווען. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אַז דערוואַקסענע זאָלן ריידן אַזוי מיט קינדער, ווי מיט גרויסע.

## VI

איין שאָ האָט אינגאַנצן געדויערט דערדאָזיקער שפּאַציר, אָבער פּאַר דער שאָ האָט זי, די קליינע, באַקומען אַ אויסטערלישע מאָס אַף צו מעסטן דאָס לעבן.

און עפּעס ענגער איז איר געוואָרן אין דער מאַמעס היים. קאַפּריזנער און פּאָדערנדיקער איז זי געוואָרן צו דער מאַמען, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אין אַרבעט, וואָס האָט איר בלויז אַ גרוס פון מאַמנס באַקומענעם בריוו געלייענט און זי האָט ניט געוואָלט הערן און וויסן פון טאַטן אין טורמע.

מיט דער קליינער זעזמער איז זי דאָך באַוועג געוואָרן. זי איז אָפטמאָל געווען אין איר היים, און מיט אירע אויגן אָנגעקוקט און אָפּגעשאַצט דעם כילעק פון לעבן.

איז געגאַנגען אַזוי אַ ווינטער, אַ פרילינג, אַ זומער, אַ האַרבסט, און זי האָט אַ שטייפן ווילן געהאַט גיין אַלס ערשטע שילערן, און זי האָט געלערנט, די בעסטע באַלן באַקומען, און דאָך איז עס איר קנאַפּ און ווייניק געווען.

דער באַוועג באָרים איז שוין אַף דער פריי געווען. געקומען איז ער עפּעס אַן אָנגעדרודלטער. ער האָט געמאָנט פון דער מאַמען, זי זאָל מיט אים די שטאָט פאַרלאָזן, ווייל דער רעוואָלוציע־שייטער גליט שוין אונטן, אָט, אָט, וועט ער מיט אַ פלאַם אויפלאַקערן, און דאָ אין דער שטאָט האָט ער געבונדענע הענט.

די מאַמע האָט עס געהאַלטן פאַר איבערגעטריבן. די לענער געשעעניש, מיט

עטלעכע שטריכן האָבן זי נאָך גיט איבערצייגט אין דעם און דערצו איז זי אַ מאַמע, דאָס איז זי אויך מעכאַיעוו אַף קאָרבאָנעס.

זיי האָבן דעמאָלט געהאַט אַ וואוינונג באַם יאַם, דאָך האָט זי, דאָס זיבעלע, אָנגענומען די איינלאדונג פון דער קליינער זעזמער, אַ פּאָר טאָן אין זייער ווילע אַף דער פּאַנטאַנקע. עס איז דאָרטן געווען מיט וואָס זיך צו פרייען, מיט וואָס דאָס אויג זעטיקן אין יונגן פרילינג.

באַם מיטאָג איז איר אויסגעקומען צו זיצן קעגן דעם הער זעזמער, האָט זי אירע אויגן נידעריק געהאַלטן. באַם טיש האָט זיך אַן אָפענער שמועס געפירט צווישן טאַטן מיט אַ היפּשן יונג, אַ שילער פון קאָמערץ־שול:

— ער וויל ניט און האָט גיט קיין כיישעק פאַרזעצן דאָס לערנען, עס וועלן גיט העלפן קיין צענדליקער לערער דערצו. ער וויס, אַז עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס זיינען גרייט שטעלן דעם קאָפּ פאַר אַן אידייע. ער האָט אויך אַן אידייע, ער האָט אַ כיישעק אַ יונקער צו ווערן, דערצו דאַרף ער נאָר כאַפּן אַ שמאַד.

האָט דער טאַטע גאָרניט געהאַט קעגן אַ שמאַד טאָן זיך, אָבער ער האָט גיט איינגעזעען אין דעם קיין טאַכלעס, ווייל ער האַלט, אַז דער איקער איז באַ מענטשן די פעאיקייט צו מאַכן אַ געשעפט און פאַרשטיין די ווערט פון מאַכן אַ רובל און די רעשט: איד, קריסט, איכעס, דאָס און יענץ, גלויבן — איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק. ווי מיינט זי, די קליינע פריילן, — האָט ער זיך געווענדט צום זיבעלע, און געוואונדערט זיך — אַך, זי איז דאָך פאַר די פּאָר יאָר פון אויסגע־וואַקסן, און זאָגט צו האָבן זייער אַ פיינעם געשטאַלט. און מיט אויגן פון אונטער שווערע ברעמען האָט ער זיך אַריינגעגעסן אין איר פּאָנעם.

— איר דערמאָנט מיר זייער אַ באַקאַנטן פּאָנים. ווי איז אייער פאַמיליע? — איז ער צוגעשטאַנען צו דער צוועלפיאָריקער—וואָס, ווי זאָגט איר? קראַפּט? אַהאַ, קראַפּט, קראַפּט... זייער ציקאַווע. באַ מיר אין פאַבריק אַרבעט איינע אַ פרוי קראַפּט, וואָס, דאָס איז אייער אַ מוטער?! כאַ, כאַ, כאַ, אַן אַנטיק, איז דער כאַ־ווער באָרים, ווי מע רופט אים, אייערער אַ פאָטער? אַן אַנטיק, אַן אַנטיק, כע, כע, כע. ער האָט אַ פיינעם מויל צו פּלאַפּלען, אָט דער כאַווער באָרים. נאָר פינגער האָט ער, ווי די קלעצער, און אַ כיישעק האָט ער צו טיילן זיך מיט זעזמערס פאַרהאָרעוועטן גוטס. שעמט זיך ניט, שעמט זיך ניט, — האָט ער זי געטרייסט, דאָס פאַרלאָרענע מיידעלע,—אַ מוטער האָט איר זייער אַ פיינע אַרבעטערן, גע־בענטשטע פינגער האָט זי. וואָס איך שעץ אין אַן אַרבעטער, איז זיין טאַלאַנט צו דער אַרבעט. מיט אַזעלכע אַרבעטער בין איך גרייט אַלע קאָנפליקטן צו דער־ליידיקן: שפּרינגען אָבער שטענדיק פון דער הויט די קאַליקעס, די טעמפּע פינגער, און זי לאָזט זיך פון זיי פירן, און מיינט אַז זי פירט אַליין. פּלאַמט ניט, פלאַמט ניט אַזוי, מיידעלע, איר זייט עמעטשקעס אַ כאַווערטע, און מיך פרייט עס, ווייל איך זע אין דעם איין, אַז זי האָט איר טאַטנס גוסט, געפינען דאָס שענסטע נידעריק און טראָגן זיך הויך, כע, כע. איך בין שוין ניט קיין יונגערמאַן, אָבער לויט מיין געניטקייט בין איך די אייביקייט. איך שעם זיך קיינמאָל ניט צו דער־

ציילן, אַז אָט דער גרויסער זעזמער איז געווען אַ קליינינקער, אַ הונ־
געריקער, דערשלעפּט זיך אָט אַהער, אין אַנדערהאַלבן שיך אַף די פיס און דריי
פּערטל העמד אַפן לייב. די ערשטע און די בעסטע לעקציע האָב איך באַקומען
פון מיין באַלעבאָס גראַט. ער איז געווען אַ פּראַקטישער דייטש. פאַר עטלעכע
שלעכטע שמעך האָט ער מיר צוויי ציין אויסגעזעצט און פון אַ אויער בלוט
געלאָזן און דערביי געזאָגט:

— ווילסט זיין גרויס, דאַרפסטו קאָנען זיין קליין, ווי אַ ווערעמל, כע, כע, כע.
אָט דאָס זיינען עכטע, נעוויאישע, גאָלדענע ווערטער. טאַקע — דרייען זיך ווי אַ
ווערעמל און ניט צעטראָטן ווערן!...

## VII

די מילכאָמע האָט ווי מיט אַ דויבן איבערן קאָפּ געגעבן, און אַלץ איז פאַר־
טומלט געוואָרן.

עפּעס האָט קלוימערשט געטומלט, געווימלט, געמאַניפעסטירט דער פּאַט־
ריאָטישער הוראַ, אָבער דער כאַוועד באָריס האָט געפלאַמט. ער האָט נאָך אַלץ
ניט געאַרבעט, גאַנצע טעג און נעכט זיך ערגעץ געדרייט, און אינדערהיים האָט
אומרו געהערשט. עפּעס האָבן זיך אַלץ מער און מער די ווידערשפּרוכן פאַר־
שאַרפט צווישן דיביידע גרויסע אינדערהיים, — ער האָט געזאָגט: מיר וועלן
די מילכאָמע פאַרוואַנדלען אין אַ בירגער־קריג; זי האָט אים געוואָלט אָפּקילן
מיט איר צוריקגעהאַלטנקייט. די מאַמע האָט שטיל געליטן. עפשער געאייפערט
דעם כאַוועד באָריס: וואו און מיט וועמען ווערט ער פאַרפאַלן?

אַ פּאָר טעג פאַר דער מילכאָמע איז געקומען די מומע מינע. דאָס איז גע־
ווען יענע מומע, אַף וועמעס הענט זי איז אויסגעוואַקסן. מע האָט זי באַפרייט
פון טורמע צוליב איר געפערלעכער קראַנקייט. איז זי אַהער געקומען אַ קוק
טאָן איר ליבלינג — דאָס זיבעלע. אָבער איר אָנטאָן, איר מענערשער געלער
פּאָנים, אירע גרויסע אויגן, וואָס האָבן מיט צאָרן געקוקט אַרום זיך, האָט
דאָס זיבעלע אָפּגעשטויסן. זי האָט מוירע געהאַט פאַר אירע ביינערדיקע פינגער.
אײנמאָל, ווען זי איז אין גאַס אַרוים און געזידלט און געדופן קעגן דער מיל־
כאָמע, האָט מען זי פון די פיס אומגעוואָרפן און פּאַסן פון איר געריסן, אַזוי אַז
די פּאָליציי האָט שוין געקאָנט שמיין פונדערווייטן און שעפּן נאָכעם פונם
גרויסן פּאַטריאָטישן אויפברויז. מע האָט זי געשלעפּט פאַר די האָר, דאָס אָנטאָן
אַף איר צעריסן, קוים אַ לעבעדיקע האָט מען זי פון דאָרטן צוגענומען. האָט זי,
דאָס זיבעלע, געזעען, אַז צווישן די אַלע, וואָס האָבן באַפאַלן די מומע מינע, איז
געווען זעזמער אויך. ער איז דערנאָכדעם געשטאַנען אַף דער מאַשין און געהאַלטן
אַ רעדע, — אַז אַרום אונז ווימלען דייטשישע שפּיאָנען, און דער כויוו איז פון
יעדן אונטערטאַן, וואָס איז נאָר אַ פּאַטריאָט פון לאַנד, קומען צו הילף דער פּאָ־
ליציי און אויסכאַפּן זיי, ווי די מייז אין אַ פּעסט.

אָך, ווי איר האָט באַנק געטאָן די מומע מינע. אָבער עס האָט איר אויך זייער־פאַרדראָסן, פאַרוואָס שטעלט זי זיך קעגן אַ וועלט קליגערע מענטשן.

דער כאַווער באָרים האָט דעמאָלט אַ נייַם געבראַכט, אַז זעזמער האָט די טעג אונטערגענומען אַ גוואַלטיקן פאָדריאַד פאַר דער אַרמיי און אַז ער האָט זיך שוין ברייט פאַרמאָסטן צו מאַכן דעם גרויסן פּאַטריאָטישן רובל.

די מאַמע האָט עס אויך געוואוסט, נאָר זי האָט געהאַלטן פאַר אַן אומזין אַרויסגיין אַפן גאַס און שרייען.

אין אַ נעדיכטן, בלויאיק־געדיכטן האַרבסט־טאָג האָט שוין די מומע מינע נים געהאַט מיט וואָס צו עטעמען. האָט זי אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, און איר פּאָנים איז באַלויכטן געוואָרן פון אַ לעצטן וואָרט:

— הערסט, זיבעלע, ס'איז נים ווייט דער טאָג, ווען אַלע ביקסן וועלן זיך ווענדן קעגן די הענקער!

אָט די פּלוצימדיקע פרייד אַף אָט דעם אומעטיקן פּאָנים, האָט נאָך מיט מער גרויל אָנגעפּילט דאָס קינדערשע האַרץ:

— פון וואָס פרייט זיך דאָ אָט דער אומעדיקער טויט? נעכטן האָבן די לערער גערעדט וועגן אַ הייליקן קריג, אַז איצט דאַרפן פאַרשטומט ווערן אַלע רייסערייען.

אַזאַ היסלאַיוועס האָט געהערשט אין שול. אַלע שילערנס זיינען גרייט געווען גיין אַפן פראָנט, טאָן עפּעס דאָרט, און אַ גרויסע צאָל פון עלטערן קלאַס האָבן זיך טאַקע פאַרשריבן פאַר באַרימהאַרציקע שוועסטער.

איז פון וואַנען נעמט זיך טאַקע אָט די פרייד אַפן גויסעסן פּאָנים בא אַן אומגליקלעכער מומע?..

## VIII

אַ גרויער טויט, אַ גרויער דרויסן, גרויע מענטשן.

דער כאַווער באָרים האָט געהאַלטן אַ רעדע באַם פרישן בערגל ערד:

— שלאָף רואיק, הייליקער קאָרבן, מיר וועלן אויסקויפּן די פּיין פון אַלע מאַרטירער מיט קאַמף און מיט פּייער!

דאַכט זיך, אַז די מאַמע ריווע האָט דאָסזעלבע געזאָגט, נאָר נים אַזוי האַ־פּערדיק. ווייל דאָ איז דאָך געשטאַנען איר זיבעלע, וואָס איז נאָך נים צייטיק צום גרויסן, צום שווערן קאַמף.

דאָס זיבעלע האָט גאָרנים געהערט, גאָרנים געזען. פאַר איר איז געשטאַנען דער יונגער קירע, שוין אַ גאַנצער מאַן, פון אים האָט געשמעקט מיט דאַמף און מיט בוימל, ווי פון אַלע, דאָרט אַפן פּערעסיפּ. און גערעדט האָט ער נאָך זיכערער, פלאַמיקער פאַרן כאַווער באָרים:

— נים וועגן דער כאַווערטע מינע און נים וועגן דעם טראַגישן טויט פון זיין פאָטער אָטאָ, וואָס האָט פאַרענדיקט זיין לעבן מיט אַ הונגער־שטרייק. נים

װעגן דעם גייט עס, נאָר װעגן דער בלומבאָד, װעגן מיליאָנען, װאָס שטייען אײגנס קעגן אַנדערן, בלויז צו זעטיקן די רויב־אַפּעטיטן פון דער בורזשואַזיע:

— אָ, פּאָטער, אָטאָ, דיין אינגל קירע װעט אויספּילן דיין צװאָע און װעט קעמפן ביזן לעצטן אָטעם!

אָך, ערשט איצטער האָט זי באַמערקט ס'אַרא אינגל ער איז, קירע. אַזױנע בלויע אויגן האָט ער, מיט פּלאַמען, װי העגנענדיקע זונען נעפּלען אין בלויקייט פון פאַרנאַכטיקן יאַם. און װי אַ פּעלז אין געװירמל פון צעשפּילטע כװאַליעס, איז שטייף דער װילן פון אָט דעם יונגן קירע.

פּאָליציי האָט דאָס פּעלד אַרומגערינגלט, פּאָליציי האָט דאָ אַלעמען באַזוכט און אויסגעפּרעגט. איינציקווייז פון טירל אַרויסגעלאָזן. און פאַרהאַלטן האָט מען דעם אינגל קירע, דעם כאַװער באָרים און נאָך עטלעכע. מע האָט זיי געפירט איבער די גאַסן מיט בלויזע שװערדן און אָנגעשמעלטע גאַגאַנעס, און מענטשן צעשראָקענע זײַנען געלאָפן פּלאָנטערנדיק מיט די פּיס!

— װאָס, װאָס האָט זיך אַזעלעכס געטראָפן? װאָס איז געשעען? פאַר־שװערער האָט מען פאַרהאַלטן? דייטשישע אַגענטן? אַפן פעלד האָבן זיי זיך געגרייט אויפצורייסן דעם פּאָרט, מיט די שיפן, מיט דער גאַנצער שטאָט.

אין צענטער האָט זי עמיצער גערופן, דאָס זיבעלע. פון אַ פאַרמאַכטן אַװטאָ־מאָביל האָט זיך אַ קעפּל אַרויסגעשטעלט. די װייבע ראָזעװע עמעטשקע זעזמער האָט אַ פאַרזאָרגט פּעניםל באַקומען:

— דער ברודערל באָרע, דער שילער פון קאָמערץ־שול, איז נעלעם געװאָרן. מע האָט אים אומעטום אויסגעזוכט און נימאָ. ניט אַנדערש, װי אַפן פראָנט אַנטלאָפן. ער האָט אַלץ געטאַיגעט, אַז ער װיל פרייװיליק זיך שלאָגן פאַרן פאָטערלאַנד...

---

יענע נאַכט האָבן מאַמע און טאָכטער קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

װייל עפּעס אומעטיקס איז געװען אין אַ מאַמעס געדאַנק, אַז אין איינעם אַ טאָג קאָן אָט דאָס קינד בלייבן אָן אַ היים, אָן פריינט און אָן קיינעם. איז װאָס האָט זי געטאָן, אַ מאַמע, אַף אָפּצואװענדן פון איר קינד אָט דאָס בייז? אַז דאָס קינד, װאָס זי האָט געװאָלט אָפּהיטן פון דער בייזער װירקלעכקייט, זאָל ראַפּטום ניט בלייבן איינזאַם, מיטן פּאָנעם צום אַפּגרונט? האָט דאָס קינד געהאַט העלע אויגן און אַ הארטן קוק מיט אַ שמייכל, װאָס האָט געזאָגט:

— זי װיים מערער, װיפל אַ מאַמע איז כוישעד, זי װיים שוין אַסאַך זאַכן און זי װיים אויך, אַז די מאַמע האָט גאָלדענע הענט און אַז זי לאָזט זיך פירן און מיינט, אַז זי פירט...

אַ מאַמע האָט געשטוינט קוקנדיק, פון װאַנען קומט עס צו אַ קינד? און אַז אַ מאַמעס האַרץ איז איינגעפאַלן פון שרעק, װייל צו שטאַרק האָט אין נאַכט דאָס גלעקל געריסן, צו באַקאַנט זײַנען געװען די האַרטע טריט, דאָס זעצן אין טיר — עפנט! —

האָט די קליינע אַפּילע ניט אַ פיבער געטאָן און אַף דער מאַמעס הילפלאָ־
זיקער טרייסט — מע וועט זי גיך באַפרייען, זאָל זי זיך געזעגנען דער
כאַווערטע מעטע, אַז אין אַ נוים מעג זי זיך ווענדן צו זעזמערן נאָך עטלעכע רובל.
זי וועט אים אָפּאַרבעטן. האָט עס בלויז איר הערצל ווייך געמאַכט, אַ שטראָם
ליכט אַרויסגערופן, האָט זי זיך אַף אַ מאַמעס האַלז געוואָרפן, געקושט זי און
געוויינט. אָבער בלויז אוים ליבע, מיטלייד און מוירע, נאָר שוין גאָר אָן יענעם
דערעכערעץ צו אַ מאַמע אַ ריז. האָבן זשאַנדאַרמען געהאַט אַ פאַראָרדענונג,
אַרעסטירן אַ מאַמע, צערייסן זי מיט איר קינד, האָבן זיי עס געטאָן, בלויז אונ־
טערגעאיילט:

— גיכער, גיכער, באָבעשע שטיק. מע קאָן זיך גאָרניט שיידן...

## IX

מיטן כאַווער באָרים האָט עס גאָר שלעכט געהאַלטן. עס האָט אַף אים גע־
וואַרט עטלעכע יאָר קאַטאָרגע. די מאַמע האָט מען אויך ניט שלעכט איינגע־
אָרדנט — געזעגטער צו די טונדרעס. פאַרן מינדעריאָריקן קירען האָט די מאַמע
געפּויעלט, אַז מע זאָל אים אָפּשיקן אין זיין געבורטס־אָרט. איינע אַליין איז
געבליבן דאָס זיבעלע. זי האָט עפּעס אַזוי האַרט אַלץ אויפגענומען, זי האָט נאָך
קיין איין טראַכט ניט געטאָן, וואָס זי וועט טאָן און וואָס וועט זיין ווייטער. דער
וועג צו דער שול איז לעסאַטע געווען אויסגעטראָטן, — איז זי געגאַנגען און נאָך
פלייסיקער געלערנט. ביז איינמאָל אין אַן האַפּסאָקע האָט זי זיך באַגעגנט מיט
זעזמערן. ער האָט אַף איר געקוקט מיט אויגן פון אַ זאַטן וואָלף, וואָס באַטראַכט
אַ שעפּעלע, וועלכעס איז אים אומגעריכט אַנטקעגן געקומען.

— איז דאָס זייט איר פריילין קראַפּט? איר וואַקסט אַזוי פיין, אַז פון מאָל
צו מאָל איז אייך שווער צו דערקענען. זעט איר, טייערינק קינד: איר געדענקט
עפּשער מייגעם אַ פּאָרוים געזאָגטן געדאַנק וועגן אייערע עלטערן, דאָס זיינען
געווען נעוויעשע ווערטער. יאָ, וועגן אים, דעם כאַווער באָרים, ווי מע רופט אים.
אַף אים איז אַלצדינג צו ריכטן זיך, אָבער זי, די פרוי קראַפּט! נאָך אַלע זאַכן
האָט זי מיך זעלבסט אונטערגעפירט. אין רעכטן סעזאָן האָט זי אַ פרייען פלאַץ
געלאָזן. און נאָך ערגער — פינף מאָדעלן ניט פאַרענדיקט. און זי האָט דאָך אָנגע־
נומען זייער גרויסע אַוואַנסן. נאָך שרעקט אייך ניט, קינד, איך האָב גאָרניט!
בעדייע גיין ליינן אַן אַרעסט אַף אייער ביסל גוטס. דער הער זעזמער קאָן לאָזן
זיינם פאַרפאַלן, אָבער נאָר צוליב אייך, פריילין, צוליב עמעטשקעס מיטשילערין.

נאָך די לימודים האָט מען זי אַריינגעבעטן אין קאַנצעליאַריע. די נאַטשאַל־
ניצע, אַן עלטערע פרוי, וואָס מע האָט זי אַמאָל בוישעד געווען אין „ליבעראַליזם“,
האָט געהאַט אַן אויפגערעגטן צעשראָקענעם פּאָנים:

— איך באַדויער, וואָס איך רייד מיט דיר, ניט מיט דיין מאַמען, אָבער עס
גרוילט מיך בלויז דער געדאַנק, אַז אין מיין שול, וואו עס לערנען זיך לייטישע

קינדער, געפינט זיך אַ קינד פון אַ פּאַרעטער, פון דייטשישע אַגענטן. איך האָב אַוואַדע אַכטונג צו דיינע פּעאיקייטן, אָבער דו קאָנסט ניט בלייבן מער אין שול, ווייל מאָרגן וועט יעדער לייטישער פּאָטער כאַפּן זיין קינד און לויפן פון דאַנען, ווי פון אַ פּעסט...

---

זי האָט לעסאַמע געהאַט וואָס צו טאָן, ביז מע האָט די מאַמע אַרויסגעשיקט. און נאָכדעם איז זי אַוועקגעפאָרן צו איר אַלטער באָבען און זיידן. קיינער איז דאָרטן ניט געווען אויסער די אַלטע. טויטקייט און צעשראָקנקייט האָט געלויערט פון אַלע ווינקעלעך. די דעסנע האָט אָבער פרילינג זיך געגאָסן און געשפּיגלט קעגן דעם זיידנס פענסטער, האָט זי די דעסנע איבערגעשוואומען אין דער ברייט און באָרוועס אַוועקגעשפּרונגען איבערן גאַנצן ווייטן אַרום.

אין שפּעטן האַרבסט איז קירע געקומען. ער איז געקומען זי צונויפבינדן מיט איר טאַטע מאַמע, מיט וועלכע זי האָט גאָר קיין פאַרבינדונג ניט געהאַט. ער האָט שוין באַלד, באַלד פאַרן פראָנט געטויגט, — דער בלאָנדער יונג, און ער האָט זיך טאַקע געגרייט צום פראָנט — נאָך מער צעלייגן אים און אונטערגראָבן...

דער אַלטער האָט נאָך אויסגעטאַנצט דאָס ביסל גרויפּן אַפן טאַפּטאַק, וואָס די אַלטע פלעגט עס אַפן מאַרק אַוועקטראָגן, און אַלטע ביינער האָבן זיך אַפן אויוון אויסגעוואַרעמט און געברומט. און אין די גרויסע ליידיקע הייזער זיינען צוויי יונגע געזעסן — נאָך קינדער. אָבער שוין אַזעלכע לעבנס-געפּרואוווטע. ער האָט גערעדט, געקאָכט זיך און געליאַרעמט, ביז איר אויער האָט זיך איינגעוואוינט צו הערן, און ווען פון די פאַרלאָדנטע פענסטער האָט בלויער טאָג געקוקט, האָט שוין דער אַלטער נעגל-וואַסער אָפּגעגאָסן, געזאָגט הויך זיינע בראָכעס, האָט זי קירען אין קליינעם צימערל איינגעלייגט. געזאָרגט ווי אַ גרויסע, עס זאָל זיין וואַרים. און אַז ער איז שוין איינגעשלאָפן, באַוואָרנט פון אַ זייטיקן אויג, איז זי נאָך לאַנג, לאַנג אַף איר געלעגער ניט איינגעשלאָפן, ווייל אַ גאַנצער מענטש האָט זיך געבראָכן און געוואַקסן אין איר. און נאָך עפּעס — קירע, עפּעס האָט זיך געוויקלט אַ באָלעם אין אַ יונג-קראַנץ — קירע!..

## X

האָט זי איינמאָל באַגלייט קירען. אַף צוריקוועגס האָט איר געדאַכט, אַז פעלדער און דערפער ביזן רעכטן טויטן שטעטל רייסן זיך פון זייער גליווער אין זייער אַ ווייטאָקדיקן רוף:

— קירע, גרים דאָרטן דייניקע. זאָג זיי, אַז באַ אונז פעלט שוין באַלד אַ גאַנצער יונגערמאַן. פעלדער בענקען נאָך אַרבעטס-הענט, אַ פאַראָרעמטער הויף נאָך זיין אויפזעער... און דאַלעם טריקנט אויס דאָס שטעטל — קירע!

און אין לאַנגע נעכט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז אָט דאָס ציט זי דורך איר יונג-האַרץ קירען!

האָט איינמאָל אַ זיידע, וואָס טיפער עלטער האָט אָנגעבויגן זיין נאַקן און פון פאָרנט האָט געשפּאַרט אַ בערדל, פּלוצים עפּעס אַזעלעכס דערזעען און פאַר־כאַפּט געוואָרן; דאָס זיבעלע איז אָפּגערעקט געלעגן איבער דער גאַנצער לענג פון בעט און צוויי קליינע ברוסטלעך מיט ראָזעווע גאָפּעלעך, ווי דער שפּיץ פון אַ שאַבעסדיקער כאַלע, האָבן אַף אַרויף געטראָגן זיך. האָט ער פאַרגעסן אַ כעשבן און גערופן:

— אַלטע! קום אָקאָרשט אַהער, קוק עס אָן... וואָס וועט זי אויסזיצן? דעם שאַמעס באָכערל איז שוין קיינאיינהאָרע אַ היפּשער קאַליקע, מע וועט אים שוין ניט דערלעבן געמען אַפן פראָנט, און אַפן טאַפּטאַק וואָלט ער געטויגט — אָט דאָס וואָלט געווען אַ טראָפּעלע נאַכעס אַף דער עלטער.

— אַלטער נאַר, האָט די באָבע אים בייז איבערגעריסן. זע, ווי ער האָט דאָס אָנגעשטעלט די אויגן. זי איז דאָך נאָך אַ קינד קיינאיינהאָרע, האָט זי מיט ליב־שאַפט אַ גלעט געטאָן דאָס ראָזעווע לייב און צוגעדעקט זי. האָבן זיך אַ פּאָר אויגן ברייט צעעפנט און פון מויל האָט זיך אַרויסגערופן — קירע! איז דאָס שוין געווען דער צענטער כאָלעם אין איינער אַ נאַכט.

איז פון קירען ניט געווען קיינע יעדיעס, און דאָס לעבן האָט איר אָנגעהויבן שלאָגן צו דער גאַל. האָט זי עס אומבייטן געוואָלט און איז אַוועק אין דער שיינער דאָרעמשטאָט.

דאָ האָט זי קיינעם ניט געפונען, קיינעם ניט געזעען. און עסן און שלאָפן האָט מען געמוזט, האָט זי אירע הענט אָנגעבאָטן. פאַר אַ רובל אַ טאָג האָט זי זיך אָנגעדונגען אין גרויסער שניידעריי, וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער אַרמיי— זעכצן שאָ האָט געהייסן דער טאָג. און געאַרבעט האָט מען בא די ערגסטע באַ־דינגונגען, ווייל אַ גרויסער טייל פון די אַרבעטער זיינען געווען באַלעבעסלעך, וואָס האָבן דערלאַנגט דער פירמע „זעזמער און קאָמפּאַניע" אַ מעזומענעם הונ־דערטער (אָרוועס־געלט האָט עס געהייסן), און געבראַכט זייערע אייגענע מאַ־שינדלעך, ווייל דערפאַר האָבן זיי באַקומען אַן „אָטסראָטשקע". די איבעריקע זיינען באַשטאַנען פון קינדער און פרויען אָן שום קוואַליפיקאַציע. האָט זיך גע־מאַכט, אַז אַפילע אָט דער אוילאָם האָט ניט אויסגעהאַלטן און אויפגעשטעלט זיך. זיי האָבן געוואָלט זייערע אָרוועס־געלט מיט דער מאַשין, ווייל אין די אקאָ־פּעס וועט עפּשער זיין ניט ערגער, אָבער ס'איז כאָטש אַ שטיקל האָפענונג פאַ־ראַן — אויסדרייען זיך אינגאַנצן.

דער פּאַרוואַלטער האָט זיי געענטפערט מיט אַ גאַנצן צירקל פּאָליציי און אַפן גאַס האָבן ווייבער און קינדער געשריען — גיט אונז אָפּ אונזערע מאַנען און טאַטעס! דעמאָלט האָט זיך דער הער זעזמער אַליין אָנגעטראָגן. מיט זיין שווערלייביקן קאָפּ און זודיקע אויגן האָט ער אַלץ אָנגעקוקט, וואו איז דאָס שוואַכסטע אָרט. האָט ער זיין קונציקן אָנפאַל געמאַכט אַפן פּאַרוואַלטער, גע־שראָקן אים מיט טורמע.

ער האָט גיט קיין רעכט אָפּהאַלטן קיין איין אַרבעטער, וואָס וויל גיין אַפּן פראָנט. ער מוז אים גלייך און פּיין אָפּרעכענען. יעדערער האָט עס רעכט צו פאָדערן.

אַן אייִמע האָט אָנגענומען די פּאַבריק־באַלעבעסלעך:

— אַך, זיי מיינען גאָרניט גיין אַפּן פּראָנט, האָבן זיי אים — אָט דעם מאַלעך — אַרומגערינגלט און געקלאָגט זיך אַף קליינינקייטן, וואָס דער פּייגער פּאַריץ האָט עס נאָכגעגעבן, און אַלע האָבן גלייך מוידע געווען, אַז דער פּאָריץ איז אַסאַך בעסער פון זיין הונט.

און רו און אָרדענונג האָט ווידער אַלע מויכעם באַהערשט. דעמאָלט איז זעזמער דורכגעגאַנגען אַלע אָפּטיילונגען, דעריקער זיך אָפּגעשטעלט לענגער אין דער פּרויען־אָפּטיילונג, געגעסן מיט די אויגן יעדער פּאָנים און אָפּגעשטעלט זיך נעבן דעם זיבעלע. זי האָט איצט געטאָן מיט איר גאַנצן גוף. עפּעס איז דורכגעשוואומען אין זיקאָרן אַ טאָג, ווען דערדאָזיקער צילינדער־מענטש האָט זי פּאָטערלעך אויפגעהויבן און אין מאַשין אַרייגעזעצט. ער האָט איצט זי אויך אָנגעקוקט און באַוואונדערט:

— אַך, דאָס זייט איר, פריילן קראַפּט? אָסער, אויב אייך איז צו דערקענען. אין אַ בלום צעבליט זיך. ס'איז דאָך אָבער אומעגלעך איר זאָלט אָט דאָ בא דער אַרבעט אונטערגיין, איר האָט דאָך אַ פּען מיט אַ שול־דערציאונג, האָט איר בעסערס גיט געקענט געפינען? דאָ אַרבעטן דאָך מענטשן, וואָס זוכן גלייך אויסמיידן דעם טויט...

— ניין, זי האָט גאָרנישט קיין בעסערס גיט געפונען, גאָרנישט. און זי איז אינגאַנצן באַהאַרצט געוואָרן פון זיין מיטפּיל.

— מאָרגן, האָט ער איר געזאָגט, קומט אַריין אין קאַנטאָר, וועל איך עפּעס פּאַר אייך טאָן.

## XI

אין קאַנטאָר איז ער געזעסן אין זיין ברייטן שטול, צוגעשמשורעט די אויגן און איר געהייסן דורכגיין זיך:

— פלינקער אָביסעלע, העכער אַף די פינגער, די אַקסל נידעריקער, האָט ער זי געדרעסירט און געגעסן מיט די אויגן. נו אַזוי, פון אייך קאָן אויסוואַקסן אַ פיינע מאַנעקענשע. לעסאַטע האָבן זיך נאָך ניט אויסגעוויקלט אַלע אירע פּאָרמען. אַ „ניעדאָמעראָק" ווי מע זאָגט, כע, כע, אַ „ניעדאָמעראָק", דאָך וועל איך אייך נעמען. נאָר מיט אַ טנאַי: דיסציפּלין אַרום זיך, מיטן פּובליקום דעליקאַט, און אייך וועט גאָרניט פעלן. אָט וועט איר אין קאַסע באַקומען פּאָרויס אייער כוידעש־געהאַלט. גיט עס אויס, אַף וואָס איר ווילט, אַף פּאַרפּיום וועט איר פון מיר באַקומען באַזונדער. ברענגט אין אָרדענונג אייערע האָר און מאַכט ווייבלעכער אייערע קינדערשע טריט.

אַף מאָרגן האָט זיך שוין די יונגע מאַגעקענשע געטראָגן איבער דער גרוי־סער זאַל, דעמאָנסטרירט מאָדעלן אין פאַרשיידענע פאָזן:

— עטוואָס פרייער, פריילן, עטוואָס דעם ביוסט פאָרויס, רונדיקער, צעבוג־דענער, — האָבן פאַרשיידענע מעווינים געמאָנט. ס'איז שווער געווען, אָבער ניט צו פאַרגלייכן מיטן געגעם אין פאַבריק. אָבער ערגער איז געווען אָט דאָס, וואָס דער הער זעזמער האָט ליב געהאַט אַליין פאַרפאַרטיקן מאָדעלן, ווי ער האָט דאָס אָנגערופן, פון „ניעדאָמעראָק“. ער האָט אַף איר אין באַרשיידענע אויפאַנים אָנגעוואָרפן, געהייסן פאַריכטן דעם ביוסטהאַלטער און אַמאָל איז דאָס בלוט אַריין אין פּאָנעם, ווען זי האָט דערפילט זיינע הענט גאָענט אַרום זיך:

— רואיק, רואיק, האָט ער געזאָגט, ווי אַ דאָקטאָר, און ווידער דאָסזעלבע געטאָן.

און איינמאָל, ווען זי האָט פאַרלאָזן דעם קאָנפעקסיאָן, איז אַ נימעסקייט געלעגן אַף איר האַרצן. אַ בייזער געפיל האָט געגאָגט דאָס האַרץ. האָט זי אַ יונגער־מאַן, אַ שטיק פראנט, אָפּגעשטעלט:

— איר דערקאָנט ניט באַרקע זעזמער? איך בין היינט ווידער ציוויל, כע, כע. וואָס טוט איר, פריילין? איר זייט אַזוי שיין געוואָרן. איך האָב אייך היינט באַמערקט באַ אונז. אָ, מיין פאַפּא איז אַ מייוון, איך האָב געזעען, ווי ער עסט אייך מיט די אויגן. הערט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט: צוליב וואָס דאַרפט איר עס ווערן מיין טאַטנס אַ ווייב? יאָ, יאָ, זייט ניט אַזוי צעשראָקן. יעדער מאַנע־קענשע ווערט זיינע אַ ווייב און עס קאָסט אים ניט מער פון אַ געהאַלט. איר הערט, וואָס צאַפּלט איר אַזוי? וואָס זייט איר אַזוי נאַאיוו? זאָגט, ער האָט אייך שוין באַגלייט ווי מע דאַרף? דאָס גרייט ער אייך צו, ער איז אַ מיעסער סויבער, דער פאַפּא מיינער. איז וואָרן איך אייך, שפּייט אַף אים, איר זייט מיר נאָך פון דעמאָלט אָן געפעלן. ווערט מיין קאַלע, אָדער מיין געליבטע, מיין ווייב, ווי איר ווילט רופט עס אָן. איך האָב געגוג געלט אַף צו מאַכן אייך אַ גוט לעבן. וואָס דאַרפט איר דעם אַלטן בער מיט זיינע קאַפּריזן?

מיט צען יאָר עלטער איז געוואָרן איר קאָפּ, מיט צען יאָר געניטער. איצט האָט זי דערזעען דעם נימעסן פּאָנים, וועלכן קירע האָט איר געמאָלט.

— אַוועק, אַוועק נאַרישער יונג, אין קאַפּאַקאַל מיט דיין אָנבאָט, אַוועק!

דער טהאָם איז ערשט באַ אירע קינדערשע טריט געלעגן, איז זי געלאָפן, געלאָפן, און דאָס האַרץ האָט געפרייט, ווייל זי האָט שוין אַף זיכער געפילט, אַז זי וועט ניט פאַלן, — ניין, זי וועט ניט פאַלן.

איצט איז איר ליבער געוואָרן די מאַלהאַוואַנקע, וואו זי האָט שוין געהאַט איר צימערל, וועלכן זי האָט אין זינען געהאַט צו פאַרבייטן וואָס גיכער אַף עפּעס בעסערס. איצט איז זי מיט פרייד געלאָפן אַהיינצו, וואַרפן איר אויפגע־ברויזטן קאָפּ אַפן דאַרן בעטל און צוגויפנעמען זיך פעסטער אין נעדאַנק, — וואָס זאָל זי ווייטער טאָן?

אַף איינעם אַ האַלב־טונקעלן ווינקל גאַס האָט זיך דורכגעגליטשט אַ פאַר־

שוין מיטן הוט איבער אַ האַלבן פּנים. האָט אַ שטראָם ליכט אַ שלאָג געטאָן צו
א'ר אויג. זי האָט דערקענט דעם יונג, וואָס האָט אַ שטיין געוואָרפן אין זעזמערס
מאַשין. ער האָט זיך שוין געזאָלט אין אַ טויער אַריינגליטשן, האָט זי אים פאַר
אַ פאָלע אָנגעכאַפּט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן און אָנגעקוקט זי.

— לאָז אָפּ, האָט ער אַ בייזער געטאָן זיך, — אָבער דאָס מיידל האָט דאָך
קינדערשע אויגן געהאַט, ליכטיקע און קענטלעכע — ערגעץ האָט ער זי געזען:

— זאָג גיכער, מע טאָר דאָ ניט שטיין. אַך, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:
ריווע קראַפּט? אַט די קליינינקע? קום, קום נאָך מיר, גיכער, גאָר טאַפּ מיט די
פיס, ס'איז דאָ פינסטער און בימערע טרעפּ. טאַפּ, טאַפּ מיט די פיס.

# XII

אַ מענטש, נאָך לעסאַטע מיט אַ מעטריקע, וואָס האָט נאָך געטראָגן דעם
נאָמען זיבעלע, האָט באַקומען אַ פּאַספּאָרט אַפן נאָמען וויערא איוואַנאָוונא
צאַפּלין, אַכצן יאָר אַלט, מיט אַ סטאַזש פון אַ באַרמהאַרציקער שוועסטער (זי
האָט אים דורכגעמאַכט אין אַ פּאָר כאָדאָשים), און נאָך איר איינגעשפּאַרטן
פאַרלאַנג אַוועק באַדינען דעם פראָנט, און אין דער עמעסן דינען אַלס צוגוויפּ־
בונד־פּונקט מיט דער מיליטערישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ביז איינעם אַ דורכ־
פאַל — פאַרן מיליטערישן פעלד־געריכט האָט נעדאַרפט שטיין די יונגע דייט־
שישע שפּיאָנקע ווערא איוואַנאָוונע צאַפּלין, אָבער איר עמעסן נאָמען האָט זיך
נאָך ניט איינגעגעבן אויפצודעקן.

זייגען שוין אָבער דעמאָלט הענט געווען קורץ אַף צו קאָנען דערלאַנגען אָט
דעם יונגן קאָפּ. פּעוורואַל האָט צעפּלאַצט, און די יונגע „פאַרברעכערן" האָט מען
באַפרייט, אַף די הענט געוואָרפן, און זי האָט נאָך אַלץ איר מויל ניט צוגעמאַכט
און ניט געשעפּט קיין פרייד, אין איינגעשפּאַרטקייט געשריען:

— דאָס איז ערשט אַ קנאַפּער אָנהויב, דעם סאָף דאַרף מען אויסקעמפן,
דעם סאָף!

איז עס אויסגעפאַלן אין איין טאָג, עפּשער אין איין שאָ און עפּשער אין איין
מיגוט, האָט זיך אַף דער פריי באַוויזן דער קאַטאָרזשניק כאַוועד באָרים און די
כאַווערטע ריווע מיט דיזעלבע ווערטער. נײן, באַ דער כאַווערטע ר י ו ו ע האָבן
די הענט נעכאַלעשט. זי האָט זיך גלייך געוואָלט טראָגן צופוס. אָנטאַפּן מיט
אירע מאַמע־אויגן איר קינד. וואָס איז געוואָרן מיט איר קינד?

האָט זי באַקומען אַ טעלעגראַם פון דאָרעמדיקן פראָנט פון אַ טאָכטער, וואָס
היינט טראָגט זי איר קאָפּ זיכער אַף די פּלייצעס. גאָר זי איז זייער שטאַרק פאַר־
ומען. און זי ווייסט ניט, ווען און ווי אַזוי וועט מען זיך זען.

— איך האָב קיין צייט ניט, מאַמע, איך האָב קיין צייט ניט, ס'איז ווייט,
זייער ווייט צו דיר!

האָט זיך אַ מאַמע אַליץ ווייטער דערווייטערט, זי האָט זיך נאָך דאָרטן, באַ אירקוטסק געריסן אַפּן גאַנצן האַלז: — גרינגדונגס־פאַרזאַמלונג, — און זי, די יונגע, האָט שוין דעמאָלט פּעסט געהאַלטן די אָקטיאַבר־פאָן אין אירע הענט און איז שוין דריי טעג געלעגן אונטער די ווענט פון דער דאָרעמס־שטאָט באַם דניעפּר.

— בום־בום — האָבן צענדליקער קאַנאָנען געזעצט. אין כווישעך אַריינגע־זעצט — בום־בום — אין די רייכע קוואַרטאַלן געריסן זיך. אין די ווענט פון פּיל־שטאָקיקע מויערן, און מיטן באַגינען האָט זי זיך מיט די ערשטע אין שטאָט אַריינגעריסן נאָך די פרישע טריט פון די אָפּגעטראָטענע. שטאָט האָט אין איר צעפליקטער סימבע געדאַכט, ווי אַ ציגיינערן, אין שמאָכטעס מיט גלעקלעך באַ־האנגען. די זון האָט אָבער געלויכטן העל אין דעם פרימאָרגן. געשמאָלצן דעם גליווער, און כאַווײרים האָבן אונטערגעצײלט אַ פרישן צעטל געפאַלענע קאָר־באַנעם.

— פרעגט, פרעגט באַ דער כאַווערטע, זי וועט אייך זאָגן וועגן מיר, אָט פרעגט זי.

אַ פּאָר יונגע כאַווײרים מיט די ביקסלעך אַף הינטן, מיט אַ סטענגע קוילן איבער די לענדן האָבן געפירט אַ רעכטן יונגאַטש אין גאַליפּע:

— ער איז אַ קורסאַנט, כאַווערטע, מיר ווען אים אין טשעקאַ אַריינפירן, איר קאָנט אים, כאַווערטע?

די היפּשע וואָנצעס האָבן פאַרשטעלט אַ באַקאַנטן פּאָנים. ווער איז ער?

— פּריילן, כאַווערטע, — האָט ער זיך פאַרכאַפּט — כאַווערטע קראַפּט, איך בין דאָך בארע זעזמער, איר געדענקט. כאַווערטע, הייסט מיך אָפּלאָזן.

צום ערשט האָט זי זיך פאַרלאָרן. זי האָט דאָס לאָשן פאַרלאָרן און זיך גע־וואַקלט אַף די פּיס.

— וואָס, ווענט איר אים הייסן אָפּלאָזן? — האָבן כאַווײרים אַזוי פאַרשטאַ־נען איר פאַרלאָרנקייט — נו, זאָל ער גיין אַביסל גראָבן דעם ברודער־קייווער.

זי האָט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג קאָם אַ ווינק געטאָן, אָט אַזוי האָט זי אַרויסגעלאָזט עפּעס אַ זייכער פונם כאַווער קירע.

## XIII

עס איז ווייט, ווייט צו דיר, מאַמע, עס איז ווייט. זיי זיינען געווען ביטערע און איינזאַמע — דער מאַמעס בריוו. איז אַ מאַמע אָפּגעגאַנגען אַליץ ווייטער און ווייטער. אָט איז זי שוין געווען מיט איר פּיצעלע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין סאַמאַרע און אָט איז זי שוין געבליבן אין די גרעניצן פון קאָלטשאַקן.

נאָכן כאַווער באָרים האָט זי גוט געבענקט, ער איז איר פרעמד געבליבן, אויך דערפאַר, ווייל זי האָט אַף אים געלייגט די שולד פאַר דער מאַמעס אָפּגע־צאַנגענקייט.

פראָנטן, פראָנטן, פראָנטן. גענומען מיט געמען. ערגעץ קעמפט אַ טאַטע, ער־געץ וואַקלט זיך אַ מאַמע. וואו איז קירע?

פון צוויי זייטן האָבן געשפּאַרט דעניקין און פּעטליורע. מיילן זייגען אָפּגע־גאַנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען צום אייראָפּע, צו דער דעסנע. זון און היציקע ווינטן און בלוט האָט געגלעזערט אַף שליאַכן פון צעבראָכענעם, פאַרלאָזענעם העפּקער. אין האַלבן טאָג איז דאָ געגאַנגען אַ שטאַרקער געשלעג מיט די באַשיץ־טיילן פון די אָפּגעטראָטענע, און דער פיינט האָט זיך טיוולאָניש געטראָגן ווייטער. אָפּשניידן וועגן פון דעם גאָענטסטן אַרום. איז אַט דאָ דער העפּקער־פּלאַץ אין מיטן געלעגן צווישן פיינטלעכע פייערן. האָט זי — דאָס זיבעלע — זיך דאָרטן אין גאָענטן וועלדל געפּאַרעט אַרום אַ גרויסן געפאַלענעם פערד, געזוכט אַרויס־ראַטעווען פון אונטער אים אַ יונגן קאָמאַנדיר. זי האָט גאָרניט געפילט, גאָרניט געהערט, גאָרניט געזעען, וואָס אַרום טוט זיך.

— קירע, דאָס איז דאָך קירע!!

וויפל וויאָרסט איז זי נאָך דעם צעטראָגענעם פערד צו פוס געלאָפן? איז דער פערד אָדער דער רייטער פאַרוואונדעט? זי האָט אין שניט פון פאַרביי־לאָף באַמערקט אַ פּאָנים, און דריי איילן טיף האָט די ערד אונטער איר געצויגן. פון אַ גוואַלטיק ווייטן מעהאַלעך האָט זי געזעען, ווי דער פערד מיטן רייטער איז געפאַלן אין וואַלד. איצט זיפּעט ער אויס זיין לעצטן אָטעם, דער פערד. און וואָר נעמט זיך צו איר אַזוי פיל קראַפט פון אונטער אָט דער שווערער מאַסע אַרויס־ראַטעווען די פיס פונם רייטער? זי האָט אַף זיך אַ לעדערנעם רענצל מיט געגנוג טראָפּנס יאָר און בינט־מאַטעריאַל. און קיינמאָל האָט נאָך קיין מענטש ניט געטאָן זיין זאַך מיט מער אַקשאָנעם און פלייסיקייט. אין צוויי פאַסן קאָרע האָט זי איינגעפּעסטיקט זיין פוס. פינף מאָל איז זיין האַרץ ביז טויט פאַרגאַנגען און פינף מאָל האָט ער די אויגן געעפנט און ניט געגלויבט וואָס ער זעט: דאָס זיבעלע!...

---

אין פאַרגליווערטער וויסטעניש, האָט אַ פּאָן געפּלאָטערט, אַן אָפּגעבליאַקעוועט פּערדל, וואָס האָט זיי אַ בסורע געטראָגן, אַז אָנזאָג, אַז אין אַ דערבייאיקער איינ־זאַמער כאַטע איז דאָ געווים אַ סאַניטאַרער פּונקט.

האָט דאָס זיבעלע גענומען דעם פאַרוואונדעטן אַף זיך און מיט קראַפט און ליבשאַפט געבעטן:

— קרעפּטיק זיך, קירע, קרעפּטיק זיך. אָט דאָרטן אין דער כאַטע וועלן מיר נאָך עפּשער עמעצן פון אונזערע געפינען. קרעפּטיק זיך!

האָט נאָך זעלטן וואָר אַרויסגעוויזן אַזויפיל אַקשאָנעס, ווי אָט דער יונג. מיט פאַרקריצטע ציין האָט ער זיינע ווייטעקן אין זיך פאַרדריקט ביז לעצט און אָנגע־שפּאַרט אַף דעם מיידלס אַקסל זיינען זיי אַוועק צו דער איינזאַמער כאַטע זוכן הילף און איינגענע.

אין הײזל פון סאַניטאַר־פּונקט איז געזעסן אַ אידישער יונגער מאַן און האָט זיך פּאַמעלעך געטאַפּעט:

— ער װײס ניט, װאו װער עס געפינט זיך איצט, נאָר ער װײס, אַז פון אײן זײט זײַגען דאָ די פּעטליוּרישע באַנדיטן, פון דער צװײטער זײט רויטע באַנ־דיטן, — װאַרט ער אויף די דעניקינצעס.

— װער איז דאָ אַ דאָקטער, אַ פעלדשער? קום אַרויס! — זײן פּאָנים איז ליכטיק געװאָרן. אין מיר זײנען געשטאַנען עכטע דעניקינצעס מיט גאָלדענע שליפן. אַ גענעש מיט היפשע װאָנצעס האָט געדוגערט:

— אַ איד, — האָבן זײ אַרײַנגעקוקט אים אין פּאָנים, — אַ איד, אַ דאָקטאָר, אַ רויטער? האַ!

— אַ איד, אַ דאָקטער, אָבער ניט קײן רויטער. אַ געגװאַלדיקטער ניבער, יאָ, אַ געגװאַלדיקטער. איך האָף, אַז פון אײך װעל איך אַ מערער מענטשלעכע באַציאונג באַגעגענען אַלס בירגער, אַלס פּאַטריאָט פון דער גרויסער ראַסייע.

— אַ, דו רעדסט פֿײַן, אַהאַ. איר קאָנט רײדן און פּאַרײדן אונז די צײן. נו, גוט, מיר װעלן שפּעטער זען. דערװײל פּאַרכאַפּ מיט זיך װאָס מער מעדיקאַ־מענטן און קום!

איז אין הײזל פּאַרבליבן דאָס זיבעלע מיטן קראַנקן קירעז.

## XIV

דער יונגער דאָקטער איז באַם אַרײַנגאַנג פון װאַלד־װעג געהאַנגען אויף אַ בוים. ער האָט אָבער פּריער אַסאַך איבערגעבונדן דעניקינשע װאונדן, און פון זײן פּאָנעם האָט מיט גאַל געשפּאַרט אַ גרויסער פּע: די װעלט מוז אויף קאַפּאָרעס!..

אַ גענעש אַ פּאַטריאָט האָט געהאַט שװאַרצע װאָנצעס מיט זודיקע אויגן. ער איז געװען שעף פון קאָנטר־ראַזװעדקע. אין דער גרויסער שטוב באַ דער דעסנע האָט ער קעפּ געהאַקט און מאַקע גלײַך אין דעסנע געװאָרפן. און נאָך מער האָט ער געשיקערט, געהוליעט, ראַבירט דאָס שטעטל און די אַרומיקע פּויערשע באַפעלקערונג.

האָט ער פּלוצים באַקומען פּאַרגרעסערטע אויגן מיט אַ ניכטערן קאָפּ און זײן האַרץ ניט קײן אידישס, ניט קײן מאָטערשס, נאָר פּראָסט אַמאָל אַ גע־באָליעטס און היינט אַ צװױל־דעװעטס, האָט זיך אַ רעגע אָפּגעשטעלט פון אַזאַ אומגעריכטן סיורפּריז:

— אָט דאָס װעט זײן אַ געקאָמע פּאַר דעם היבש ביסל לײדן, װאָס ער האָט געהאַט, יאָ, אַזאַ װי ער, זאָגט אָפּן: ער איז גרײט גאַנצע שטעט אויסשנײדן פּאַר זײנער אַ שאָ לײדן. איז אָט אים, קירעז, דעם עסטאַנעץ, װעט ער דינינקע פּאַסן שנײדן און װי מיט קאַלטן װײן קילן זײן פּאַרדראָס, אָבער זי, די כאַװערטע, אָדער

גיין — פריילן קראַפּט, וועט זיך, דענקט ער, ניט אָפּזאָגן איצטער צו זיין ווייב, כי, כי, כי. זי געדענקט דאָך בארע זעזמערן!

ער האָט זיי באַפּוילן אַרייננלאָזן אין גרוב און געבן עסן, ווייל ער געדענקט, אַז די דינסט זייערע פּלעגט זאָגן: הונגעריקע הינער איז שלעכט צו פּליקן.

דאָס איז געווען די אַלטע היים. וואו זיינען די אַלטע? ווי האָבן זיי דאָס לעבן פאַרענדיקט? די לאַך, אָדער די גרוב איז ניט אַזוי שרעקלעך געווען. דאָס איז דאָך דער אַלטער טאַפּטאַק, נאָר אַ כאָרוואַר, אָבער ווענט — שטאַרקע ווענט אַרום:

— דער יונג, באָרקע זעזמער, קלייבט זיך זעטיקן מיט אונז, עפּשער זאָלן מיר פאַרענדיקן מיט זיך אַליין? — האָט ער, קירע, געשמייכלט, — האַ?

— ניין, ניין, ס'איז נאָך פרי. ס'איז דאָך מיין היים. אָט פליוכעט די דעסנע, ווי אַמאָל — הער, אָט דאָ דאַרף זיין די לאָך, וואָס שיט אַראָפּ די רעטשקע-שאָלעכץ צום ברעג, זי איז בלויז פאַרלייגט געוואָרן אָט מיט דעם מילשטיין. עפּשער וועט נאָך אויסקומען אַף דעם אַן אַרבעט מאַן? מע דאַרף וואַרטן...

אַנטקעגן איז אַ נאַכט נעגאַנגען מיט אירע צעעפנטע נענעמס. זיי האָבן עפּעס געמאָן, געטאָן איינגעשפּאַרט. אָט-אָט האָבן זיי די לאָך שוין פריי. עס האָט נאָך געהוליעט, געווילדעוועט די שטוב און פלוצים פאַרשווינן. נאַכט איז צוגעפאַלן. עס האָט זיך געוואָלקנט, עס האָט געטריפט אַ רעגן און עס האָבן זיך געטראָגן קוילעס, הימלשרייענדיקע קוילעס פון אַרום. איין גרויסער, איין אומענדלעכער: ראַטעוועט, ראַטעוועט! ניין, דאָס איז געווען גרעסער פון אַלע פיינען. מע דאַרף פּרוואוון און מיטאַמאָל פאַרענדיקן. פון אַ קויל אָדער אין דער פליסנדיקער ליב-לעכער דעסנע אַ סאָף געפינען.

אַלץ איז אין כוישעך געזונקען. אַך, ווען דער פּוסביין וואָלט ניט געווען אַזוי צעפּלאַצט אונטערן פאַל פון פערד, און עס וואָלט אַזוי ניט געפּלאָנט. זי האָט זיך די ערשטע פון דער לאָך אַראָפּגעלאָזן. די לאָך איז אינעווייניק געווען פאַרלייגט און פון אויסן מיט רעטשקע-שאָלעכץ, זי האָט געאַרבעט לאַנג און שווער, ביז מע האָט דערפילט דעם קילן ווינט פון טייך.

— קריך, האָט זי באַפּוילן: מיט די פיס פאָרויס. אָט-אָט איז זי שוין אין דער טיפעניש פון צעפּאַרעטער, צעפּוילטער רעטשקע-שאָלעכץ געלעגן. אים איז שווער געווען אַרויס. ער האָט זיין פוס ניט געקאָנט אויסבויגן, האָט זי גע-מוזט טיף אָפּגראָבן דאָס מיסט. אָט איז ער שוין אויך מיט צאָרעס דאָרטן. שטילער, ווער גייט עס אַנטקעגן?

אָט שטייט ער שוין קעגן זיי מיט אויסגעצופּטע אויגן, מיט דער ביקס אין האַנט.

— ווער, וואָס טוט איר דאָ? ווער, וואָס?!

— שטילער, — זאָגט זי, — שטילער, שיס ניט! די רויטע יאָגן, די רויטע, זעסט ניט? באַהאַלט זיך דאָ, שנעל!

פאַלט די ביקס פון זיינע הענט און ווי אַ קאַלב אַף אַלע פיר לאָזט ער זיך אין מיסט אַראָפּ, און ווען זיי באַפאַלן אים ביידע, וואַרפט ער זיך אַפילו ניט מיט די הענט. עס הערט זיך בלויז ווי זיינע ציין זעצן און אָט־אָט שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ.

אָט איז שוין איר ליב באַקאַנטע דעסנע, וואו זי האָט אַ זומער אַ גאַנצן צען מאָל אַ טאָג הין און צוריק דורכגעשניטן מיט איר יונגן לייב. זי ווייס: אָט דאָ אַנטקעגן שטייען שיפלעך. זי קאָן די דעסנע, זי וועט ניט אָפּנאַרן — די אייגענע. קום, קירע, קום, וואָס איז זייביידן אַ טייך איבערשווימען, ווען דער גרויסער גע־גנעם איז שוין הינטער זיי...

# XV

דער פאָרזיצער פון משעקאָ אין קרייז־שטאָט בא דער דעסנע האָט געהאַט אַ שטיק מאָנגאָליש פּאָנים, דערצו נאָך פאַרוואַקסן, פון קאָפּ ביז די פיס פאַר־לעדערט און געהייסן האָט ער כאַווער באָרים. געווען איז ער שטרענג און האַרט און געשלאָפן איז ער, ווי אַ האַרעפּאַשנער פערד, פערציק סעקונדן און געמאָנט, אַז יעדע מינדסטע קלייניקייט מוז דורכגיין דורך אים.

האָט מען אים ראַפּאָרטירט, אַז פאַרטאָג האָט מען פאַרהאַלטן אַ שיפל מיט צוויי יונגע זייער פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, זיי גיבן זיך אָן פאַר קאָמוניסטן און האָבן בא זיך נים קיינע פּאַפּירן. אייגער איז אַ פאַרבאַנדאַזשירטער און די צווייטע אַ מיידל. זי איז אַליין ניט בעקויעך געווען אַרוים פון שיפל פון מידקייט.

האָט ער אויסגעהערט, געהייסן לאָזן זיי פּאַרלויפיק אָפּרוען און שפּעטער צושטעלן צו אים. און אַז ער האָט שפּעטער אויפגעהויבן דעם שווער פאַרוואַק־סענעם קאָפּ מיט די אויגן־שפּאַלטן אַקעגן די אַריינגעקומענע, זיינען בא אים אָפּגעפאַלן די הענט, ווי דאַרע צווייגן. יעדער בלוט־טראָפּן איז פון זיין פּאָנים פאַרשוואונדן און די אויגן־שניטן האָבן זיך צוגעמאַכט: — מאָכטער!

— כאַווער באָרים, כאַווער באָרים! —

ער האָט געשמייכלט, דער כאַווער באָרים: ערגעץ האָסטו מיט יאָרן צוריק איבערגעלאָזט אַ פּיצעלע מיטן נאָמען זיבעלע, וואָס אין טומל האָסטו גאָר פאַר־געסן פון איר קיעם, פלוצים שטייט עס אין טיר אַ מענטש פון זיבעצן יאָר און דערציילט דיר שוין אַ גאַנץ בלעטל קאַמפס־געשיכטע:

— זיבעלע, זיבעלע, קום זעץ זיך צו גיבן מיר אַ מינוט. דעם כאַווער קירע האָט מען אָפּגעפירט אין שפּיטאָל!

# XIV

ס'איז געווען אַפן זעקסטן יאָר ראַטנמאַכט. אַף זיבעלעס געבורטס־טאָג. מע האָט שוין אַ פּיינע פּאָר פלאַש וויין אויסגעטרונקען צווישן כאַווירים

באַ באָריסן. אַ בלאָנד־גרויער קאָפּ מיט אַ בראָנזענעם פּנים אין לעדערנעם אַנטאָן (אַמאָל האָט דערדאָזיקער אַ שטיין געוואָרפן אין זעזמערס מאַשין) האָט דאָס זיבעלע באַ זיך אַף די הענט געהאַלטן און געקושט און געטאַינעט, אַז זי קומט אים אינגאַנצן. עפּעס אַ טויט־שטילקייט האָט באַהערשט, ווען דער בלאָנדער האָט דערציילט, ווי אין יענע טעג האָט ער זעזמערן אַ צעקוועטשטן וואָרעם באַגעגנט. די ווייסע האָבן שוין געהאַט דעם אָדעסער ברעג פאַרלאָרן און דאָס גאַנצע ביסל פאַרבליבענער כלאַם האָט זיך געלאָזן צופוס ראַטעווען מיט זייערע טשעמאָדאַנטשיקעס אַפן רומענישן גרעניץ. האָט די רומענישע מאַכט אַף זיי אָנגעשטעלט „פריינטלעכע" קוילגוואַרפער און זיי זיינען געבעד אַף צוריק־וועגס אַריינגעפאַלן אין כאַווער קאַטאָווסקעס טייל. — איז אָט דעמאָלט האָט ער זיך באַגעגנט מיט זעזמערן. אַן אויסגעניגורעטן, אַ שוואַרצן ווי אַ טאָפּ. ער האָט געהאַלטן אַ טאָכטערס טויטן קערפּער אַף דער פּלייצע — פון אַ רומענישער קויל איז זי געפאַלן:

— וואָס נאָך ווילט איר, כאַווער. איך בין דאָך שוין ניט קיין זעזמער, איך האָב מער ניט קיין געלט און האָב מער ניט קיין דייע. אָט דאָס איינציקע, מיין עמעטשקע, האָב איך אויך פאַרלאָרן; איז באַ מיר נאָך דאָ אַ נעשאָמע פון אַ וואָרעם, וואָס וויל עסן און וואָס וויל קריכן...

— נאַ — האָט ער אים געזאָגט — פרעס און קריך, דו גימעסער וואָרעם. האָט ער אים אַ האַלבן ברויט דערלאַנגט און געהייסן אַרויסשטעלן פון דער קיך.

דער כאַוועד באָריס האָט זיך שוין שטאַרק גערעגט:

— שטאַטעס זייט איר! דער לאָזט אָפּ זעזמערן, דעם באַנדיט, און די לאָזן אָפּ זיין זונדל דעם וויסגוואַרדייער... וואָס איז, מיר האָבן ערשט מיט פראָגטן פאַרענדיקט, אָבער מיר האָבן דאָך ניט פראָנטן, זיי קאָנען אונז נייע אומגליקן ברענגען!... אַ שטיוול שטעלט מען אָן אַף אַזאַ וואָרעם. צו דער וואַנט שטעלט מען אַזאַ זונדל!..

---

אַ מאַמע, וואָס האָט זיך מיט צוואַנציק יאָר צוריק צונעאיילט געבוירן אַ זיבעלע, ווייל זי האָט געדאַרפט נעמען גרייטן דאָס פינפטע יאָר, איז איצט געוועזן בלאַס, מיד און צעקנייטשט. זי איז איצט געווען בלויז אַ אינסטרוקטאָר אין אַ שניידער־פאַבריק און האָט געקאָנט סקעפּטיש שמייכלען פון דער „אויך מיר סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע":

— איז וועמען ווערטו, כאַווער באָריס, הייסן לאָזן אויסער דיר און דיין צענדליק? עס וועלן דאָך קיין שטריק און קיין שטיוול און ווענט אין קיין טורמעס ניט קלעקן פאַר אַלע, וואָס זיינען אומצופרידן מיט דיין גאַניידן...

— ס'וועט קלעקן!.. — האָט ער געשטורעמט, דער כאַוועד באָריס — זיי זיינען ניט אַזויפיל וויפל דו מיינסט. אָט האַלט איך, אַז דו, מאַמע, וואָלסט אויך געמעגט אָפּרוען אַ פּאָר יאָר אין סאַלאַוועצק, וועט זיין וויניקער, ווער עס זאָל

באַשווערן אונזער אַרבעט, און מאָרגן אַפּן גרייטן וועסטו אויך מעגן קומען צו אונזער טיש...

— מאַמע, גענוג, מאַמע — האָט זיך זיבעלע נעקלאַמערט אָף דער מאַמעס האַלז, געוואָלט זי טרייסטן און מיט עפּעס דערפרייען. אָבער זי האָט דערפילט, אַז 'אַמאָליקע מאַמע, די שיינע ריווע, איז שוין לאַנג ניטאָ און דערפון ווערט איר קאַלט און פרעמד אין האַרצן און איינגעבאַקן ווערט אָט דער באַוואַקסענער כאַ-ווער באָרים.

ס'איז געווען מיט וואָס זיך צו פרייען אין אַ טאָג אין דער זודיקער, קריש-טאָלפּראָסטיקער און שטייפער מאָסקווע מיט קירען געאָרעמט. עס האָט נאָך אַ טראָפּעלע געפעלט דער ריטם פון זיין טראָט, דערהפאַר איז זי, די פאַרדינגסט-פולע רויטע שוועסטער, געווען הויך, שטאַרק און ריטמיש, ווי אַ הירש.

אָט איז דער רויטער פּלאַץ, די ברידערלעכע קוואָרים, די קרעמל-ווענט, און דאָ באַם איווערסקע טויער ווימלט מיט געפּ. עס האָט געטומלט און גע-גרילצט, געקווימשעט און געפייפט באַ דער פינפטער שאָ. און צווישן אָט די אַלע שטייט אַ הויכער און שיינער יונג מיט אַ זעקל איבערן שינעל, מיט פּאַפּיראָסן, טאַבאַק אין די הענט, און אַ צונג, וואָס מאָלט. מאָלט:

— קרימער, קאַווקאַזער, אָדעסער, לענינגראַדער, ליבהאָבערשע פּאַפּיראָסן. מיר פאַרענדיקן, מיר ליקווידירן, באַנוצט זיך, בירגער, טיטן צופאַל, קויפט ביליק-קער, ווי אין טרעסט!..

ער האָט אַרייננעקוקט דעם פּאָרל אין פּאָנים אריין און עפּעס האָבן אים אַ טרייסל געטאָן הענט און פיס, און פון די הענט האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַראָפּ די סטאַפּקעס פּאַפּיראָסן.

— בארע זעזמער?!..

— פּאַפּיראָסן, שלייקעס, זאָקן-בענדלעך!...

דער יונגערמאַן האָט זיך צו דער ערד צוגעצויגן קלוימערשט אויפהויבן די פּאַפּיראָסן און איז אַזוי אָף אַלע פיר אַרונטערגעקראָכן אונטער די פּאַפּיראָסן פאַרקויפער. אָט איז ער שוין געווען היגטער די קווימשער און פייפער, ביז עמיצער האָט באַמערקט, אַז ער צים אָפּ, האָט ער זיך אויך אַ וואָרף געטאָן צו אים און נאָך אים. ביז עס האָבן זיך פון אָרט געריקט אַלע פוסגייער, ביוסט-האַלטער און שניפּסן און פּאַרפּיום און קלאַפּער און פייפער. אַ קיטאַיעץ מיט רידיקולן און בייטלען איז שטיין געבליבן, וואו זיין קרום אויג האָט דערגרייכט, האָט ער ניט געזען קיין אָבלאַווע, קיין מיליציאָנער. וואו זשע לויפט מען? אַ קאַליקע, וואָס פאַרקויפט אייביקע נאָדלען פאַר פּרימוסן, האָט אַריינגעטאָן צוויי קוויטיקע פינגער אין מויל און האָט דערלאַנגט אַ רעכטן סיגנאַל, וואָס האָט באַטייט:

— בלייבט שטיין, קערט זיך אום, ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט.

# דאָס מיידל פון די בערג

ווייט פון פראָנט. אַף אַ רואיקער גאַס, אין דער שטאָט מאָסקווע איז דעמאָלט שטאַרק קאַלט געווען. עס האָבן ווענט געפּלאַצט פון קעלט און מאָרגנס האָט מען אָנגעשטאָפּט מיט לאַטקעלעך פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ, געפּרעגלט אַף ריצן־אייל.

אַ גרויסער ווייטיק איז דעמאָלט געלעגן אויסגעגאָסן אַף די פּנעמער פון דער מישפּאָכע ווייסבלאַט, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר טוישווים פון מאָסקווע, און האָבן געמיסכערט, פאַבריקירט, פון זאַראַדיע ביז פּעטראָווקע. און דעמאָלט, ווען מע האָט קאָנפיסקירט, נאַציאָנאַליזירט זייער פאַרהאָרעוועט גוטס, האָט אַזאַ ריזיקע מישפּאָכע פון ערשטע גילדייצעס, קאָמעוואיאַזשאָרן, פּראָוויזערס, סאָכרים, מיטעלע פאַבריקאַנטן, ניט געקאָנט אויסשניידן פון זיך אַ פּאָר רעכטע קאָמוניסטן, וואָס זאָלן זיין כאָטש אַביסעלע אָנגעזען... ניט געווען כאָטש אַף אַ רעפּוע אייגער. און די גאַנצע פרייד פון לעבן איז אויסגערונען און איז צוגעטראָטן געוואָרן מיטן שטיוול פון אַ טשעקיסט.

אָבער סאָכרישע פּעאיקייט, כאַריפעס ווי מאַכן אַן אויסקער, האָבן די ווייסבלאַטס פאַרמאָגט. האָט מען פאַרקנייטשט די שטערנס, מיטן גראָבן פינגער זיך פאַרהאַלטן אין באָרד און מיט די בליקן געבליבן הענגען אַריבער די גרענעצן פון גרויסן לאַנד, און אָפּגעזיפצט האָט מען:

— דאָרט איז אַ לעבן...

אַלץ ציט זיך צום לעבן. פון אַ גרעזעלע ביז, ביז אַ מענטשן... די ווייסבלאַטס האָבן זיך אויך צום לעבן געצויגן. און אין איינעם אָן אָוונט האָט זיך די גרויסע מישפּאָכע פאַרזאַמלט אין איינעם פון זייערע הייזער.

די עלעקטריע האָט ניט געאַרבעט, אָבער דער זאַל איז געווען פיין באַלויכטן מיט לאָמפּן און ליכט. דאַמען — געפּודערט און דעקאָלטירט ווי עס געהער צו זיין, אָבער מיט גאָר קנאַפּ צירונג באַפּוצט, מענער — אין רעק, אין פּרענטש, אַפילע אין כאַקי. דער טיש — פיין סערווירט, איז, כאָלילע, ניט פאַרשטערט געוואָרן מיט לאַטקעלעך אַף ריצן־אייל... נאָר אָנשטאָט דעם טראַדיציאָנעלן קאָרטן־טישל האָט דעם צענטער פאַרנומען אַ וועלט־קאַרטע, וועלכע מע האָט אַרומגעריגלט, ווי בינען אַ בלימל. פינגער האָבן געטייטלט איבער די ליניעס, אָנגעטאַפּט גרענעצן, אויסגעזוכט און געפונען די לענדער, פון וואַנען זיי זיינען לויט אַלע באַווייזן אונטערטאַנען... און באַזונדערס האָט געפרייט דאָס האַרץ אָט דאָס פּיצעלע לאַנד אַף דער קאַרטע, וואָס זיין פאָרשטייער אין דער שטאָט מאָסקווע, אַף כאַריטאָנאָווער געסל, האָט אונטער זיין שוץ גענומען אונטער־

מאנער פון אַזעלכע מעלוכעס, אַשטייגער ווי רומעניע. מע האָט נאָכדעם געהאַלטן מאָסטן, גערימט דעם סאָכרעשן קאָפּ, וואָס קאָן מאַכן אַן אויסקער, געשריען הייהאָד, געלאָזן זיך וואויל זיין. און איינער אַ „נאַציאָנאַלער" אַרטיסט האָט אונ־מער אַ פּיאַנע־אַקאָמפּאַנעמענט געזונגען: — איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס כ'בין אַ איד...

עס איז שוין געווען גיט פרי. די אַסיפע איז שוין געהאַט געגאַנגען צום סאָף, ווען מע האָט דערהערט אַ קלונג אין טיר. עמעץ האָט אַפילו פאַרזיכערט, אַז ער האָט געהערט אַ טאָפּען פון פערד. נייִן, מע האָט גאָרניט געהע, ט, ווייל מענטשן האָבן גאָר געקאָנט זאָגן איין וואָרט — משעקאַ. דער קלונג איז געווען אַ שטילער, אָבער אַ גאַנץ איינגעשפּאַרטער. מענטשן האָבן פאַרלאָרן יעדע זעלבסטבאַהער־שונג. און אַ פּאָר היפּשע דאַמען האָבן זיך איינע די אַנדערע אַריינגעביסן מיט גאָלדענע ציין אין אַזעלכע ערטער, וואָס עס איז ניט גוט צו זאָגן, ווייל ביידע האָבן געוואָלט זיין די ערשטע אונטערן טיש...

ווער ווייס צו וואָס עס וואָלט געקאָנט דערפירן די אייִמע, ווען איינער וואָלט זיך ניט געפונען אַ דרייסטער:

— גאָספּאָדאַ, האָט ער געזאָגט, וואָס עס איז אונז באַשערט, וועט מען מוזן איבערקומען. די טיר מוז מען עפענען. גאָר זייט אַלע ווּיסן, אַז בא אונז קומט פאַר אַ טנאָאים, — און אָפּגעזאָגט, איז ער אַוועק און געעפנט די טיר און גאָך אַ פּאָר מינוט טויט־שרעקעניש האָט ער אַ געשריי געטאָן ניט מיט זיין קאָל:

— אַלעקסאַנדער! אונזער אַלעקסאַנדער!

— אַלעקסאַנדער, אַלעקסאַנדער! האָבן מענטשן געשריען אַף אויפצומונטערן אין זיך דאָס פון אייִמע פאַרגליווערטע, פאַרכאַלעשטע בלוט. אַלעקסאַנדער! — אָבער אַ צוויי שווערע נעפּאַשעס האָט מען דאָך אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן טיש, טאַקע פאַרכאַלעשטע...

אַלעקסאַנדער איז געווען דער סאַמע יונגסטער און דער ווייביק אויסנעשפיל־טער פון דער מישפּאָכע ווייסבלאַט. עמעס, ער האָט אויך געהאַט אַ האָז לייב, מיט אַ רונדן פּאָנעם, אויגן בלאָע, גרויסע ווי מאַנדלען, אָבער געווען איז ער עטוואָס שטומפּיק אַף דער צונג און אַ ביסעלע טויבלעך. קעדיי צו פאַרזיכערן אים פון מילכאָמע און פראָנט, האָט אַלטער קאָמיוואיאזשאָר ווייסבלאַט גענומען זיין יונגסטן זון, אַוועקגעפירט אַף קאַווקאַז, באַשטאַט אים אין אַן אויסלענדער־שער נאַפט־פירמע, און ביז היינטיקן טאָג ניט געהערט, ניט געזען פון אים קיין יעדיע. און ראַפּטום — אַלעקסאַנדער איז דאָ. אַ קאָמיסאַר אין גאַליפע און פרענטש. אַ פּאָרטפעל, אַ רענצל און—אַ שוואַרץ מיידל אונטערן האַנט.

— אַ קאָמוניסט! האָט אַ שלאָג געטאָן פון אַלעמענס הערצער מיט פרייד. אַ קאָמוניסט אין דער מישפּאָכע. מע האָט זיך אַפילו געקושט מיט דער פרעמ־דער און געגען אַריינגענומען זי אין דער מישפּאָכע ווייסבלאַט.

עמעס, אַ מאַמע האָט מיט פאַרבראָכענע הענט געקוקט אַף אָט דער שלאַנקער מיידל מיט דער בראָנזענער הויט, מיט געשפּיצטע פּאָנעם־שטריכן, אויגן, וואָס פלאַמען און לעשן זיך ניט, — און האָט מיט אנגסטן זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל

האָט אַ זון איר געבראַכט אין שטוב אַריין אַ ווייב פון לאָדז. אַ בלאָנדע איז זי געווען, יענע. האָט אַ מאַמע דעמאָלט אין איר גרויסקייט דורכגעטריבן דעם זון מיט דער פרעמדער, ביז היינטיקן טאָג הערט זי ניט פון אים. אָבער איצטער האָט זי אַ ליפּ פאַרביסן און מיט טרערן צום הימל געקוקט און געדאַנקט דעם אַלמעכ־טיקן פאַר דעם זון דעם קאָמוניסט. ווייל אַזוי זאָגן דאָך קליגערע און נעגימטערע פאַר איר, אַז אַ קאָמוניסט אין דער מישפּאָכע טראָגט זיכערקייט. אַלטע קעפּ וועלן געווים קאָנען רואיק שלאָפן...

איין שוואַלב מאַכט קיין זומער ניט. דאָס לעבן האָט געפּלאַצט אַף אַלע נעט און די שרעק פאַר דער טשעקא איז פאַרבליבן אין דער מישפּאָכע ווייסבלאַט. אַלעקסאַנדער האָט אָנגערוקט אַף זיך אַ טויב היטל, געלאָזן דאָס מיידל פון די בערג (ווי מע האָט זי שוין דעמאָלט גערופן) אין טאַטע־מאַמעס שטוב און אַליין זיך אַריינגעוואָרפן איבערן קאָפּ אין זיין אַרבעט. און די גאַנצע סינע און צאָרן פון אַ מישפּאָכע האָט זיך אויסגעלאָזן צו דער פרעמדערס קאָפּ, און אַלע אויגן האָבן פיבערדיק געקוקט אַף אַ שטיקעלע יעשוע פון כאַריטאָנאָווער געסל.

און אין איינעם אַ טאָג אַ קאַלטן, אַ קלעפּיקן איז די יעשוע געקומען. האָבן פורן געפירט שווערע פעק פון „פרעמדע אונטערטאַנער“ אַף כאַריטאָנאָווער געסל. און אַף אייגעם פון די מאַסקווער וואָקזאַלן האָט זיך געגרייט אַ סאַלאָן־וואַגאָן, אַף אַרויסצופירן די אונטערטאַנער איבערן גרענעץ.

אַפן בעט איז געלעגן אַ האַלבער גויסעם און אַ מישפּאָכע האָט בלויז אין זינען געהאַט קאַראַטן און נאָך אַזעלכע קאָסטבאַרקייטן, וואָס מע האָט פון די ווענט אויסגעגראָבן און פיבערהאַפטיק, באַ ביילעוועגעם ליכטל, עס אַריינגענייט אין פוטער, אין וואַטין פון מאַנטל, אין די נעט פון קלייד. דער קאָפּ האָט געאַרבעט האַסטיק. אַ געמיש פון מאַנסבילשן סייכל מיט ווייבערשער פּראַקטיק. אין טונקל־קייט האָט זיך אַפילע אַ כי־כי־כי געריסן:

— ס'וועט מוליען, האָט איינער געזאָגט.

— נישקאָשע, וועסט ניט שטאַרבן, האָט ווער געענטפערט.

— כי־כי־כי, — האָט מען זיך געשטיקט, און אַ פאָר היפּשע קאַראַטן זיינען אַריינגענייט געוואָרן אין די קרעפּקעס פון די הויזן, באַם סאַמע קראָק...

אַן אַלטע האָט אין דער שטיל געבראָכן די הענט און איינגעטאַינעט:

— מאָרדכע, מאָרדכע, דו שטאַרבסט, און ווער און וואָס וועט נאָך דיין לע־וואַיע גיין, אַ קאַדיש זאָגן, אַ מאַציייווע שטעלן? און אַף וואָסער וויסטער וועלט וועסטו מיך לאָזן? מאָרדכע!..

דער גויסעם האָט צעעפנט די אויגן און אַ פיר געטאָן זיי איבער די טומלדיקע מענטשן מיט אַ מאָרגנעם ביטל, ווי אַף אַן אָפּגעזעגנטן גליד זיינעם, און זיך צו דער אַלטער געווענדט: — כאַוועלע איז נאָך ניט געקומען? וואו אַרבעט זי אַזוי שפּעט? היט זי, גאָלדע, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זי וועט דיר זיין אַ טרייסט אַף דער עלטער.

עמיצער האָט געלאַכט און האָזעווע לייב האָט זיך געטרייסלט:

— האָט וועט זי, דאָס מיידל פֿון די בערג, זיין אַ טרייסט, כי־כי־כי. אַלעקסאַנדער—אַ קאָמוניסט, און זי וועט פֿירן די מעלוכע. אַזוי זאָגט לענין—אַ דינסט וועט פֿירן די מעלוכע, כאַ־כאַ־כאַ.

דער אַלטער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן מיט ביטל און נאָכאַמאָל געזאָגט:

— וועסט נאָכעס האָבן פֿון איר, גאָלדע, און עפּשער וועט זי קינדער געבוירן אַלעקסאַנדערן. ווייל אָט די,—האָט ער אָנגעוויזן אַף דער מישפּאָכע,—אָט די זינען מיר פֿרעמד. אָפּפֿאַל פֿון מיינע ביינער. די עהד שמעקט מיר נעענטער ווי זיי.

וואָס, וואָס איז עס געשען מיטן כאָשעוון קאָמיוואָיאזשאָר, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ לעבן אין וועג און אין גאַס? ער איז די לעצטע צייט צו בעט געלעגן און איינמאָל אין לעבן באַקומען צייט צוקוקן זיך צו דער מישפּאָכע. און זייער איימע און צאָרן האָט באַ אים נאָר אַ שמייכל אַרויסגערופֿן. אָבער נאָר גאָר מיט אַן אַנדער נאַכעסרועך האָט ער אויפֿגענומען די שוואַרצע, די פֿרעמדע, וואָס האָט היט געפּוצט אַפֿן וועג די האַמען און אַהיים עפּעס געבראַכט אונטערן פֿאָלע:—טאַטע, קוויק זיך מיט אַן עפּל, אַ זויערע אוגערקע און אַמאָל אַ זיסע זאַך. ער האָט עס מיט פֿרייד פֿון אַ קינד באַ איר גענומען און געקוואָלן צוזאַמען מיט איר.

גאָלדענע זייגערס האָט מען אויך באַוואָרנט. דערפֿאַר איז שווער געווען וויסן וויפֿל איז געווען דער זייגער, ווען אין שטוב פֿון דעם גויסעס איז געקומען אייבער פֿון דער מישפּאָכע אין כאַקי געקליידט, אַפֿן האַנט אַ ווייסן בינט מיט אַ רויטן קרייץ און געמאָלדן — אַז גלייך זאָלן אַלע זיין גרייט אין וועג אַריין, ווייל דער עשאַלאָן וואַרט, און ביז דער גרענעץ איז ער קאָמענדאַנט...

אַ כיילעוועגע ליכטל האָט געצאַנקט. אַ גויסעס האָט געכאָרכלט. דאָס מיידל פֿון די בערג האָט אַ פֿאַראָטעמטע געבראַכט עמעצן אַן אָקאָרשט פֿאַרענדיקטע הוט. די געזעגענונג איז געווען אַ קורצע, אַן איילנדיקע. אַ באַן האָט אַוועק געפֿירט אַ מישפּאָכע אַף יענער זייט גרענעץ, און דאָ האָט אַ פֿרעמד מיידל פֿון די בערג אין אַ פֿרימאָרגן באַגלייט צום פֿעלד דעם אַלטן, וואָס האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם — אַף איר שוים.

2

שטילע באַגנדיקע טעג האָבן זיך געצויגן אין שטוב. אַן אַלטע מאַמע אין איר באַזונדער צימער מיט איר באַזונדער אייוועלע האָט ספֿאָרים געלייענט, ספֿאָרים, וואָס האָבן דערמאָנט אָן איר האָפֿערדיקן אַמאָליקן לעבן. האָט זי פֿאַר זיך שאַבאָסים און יאָנטויווים געפּראַוועט, יאָרצייטן נאָכן מאַן... האָט זי, די אַלטע, נעבורטשעט, האָט זי געוואונקען אַף דער יוגנער, וואָס דרייט זיך אויך איינינקע אַליין אַרום אין צווייטן צימער, טוט איר אַמאָל נאָך אין שאַבעס־יאָנטעוודיקע מאַיכאָלים און עסט עס ניט, טראָגט זיך דערמיט אַרום, ווי אַ דולע, וואַרט ביז האַלבע נאַכט מיט ווייטיק, מיט צאַפּל אַפֿן קלונג אין טיר, צי גייט ער, צי קומט ער, אַלעקסאַנדער.

אַ נעפּל אַ זיידענער, אָבער אַ געדיכטער, איז געווען אַרום אַלעקסאַנדערס אַרבעט. ניט געוואוסט האָט זי, וואָס און ווען ער טוט. און ניט געוואַגט האָט זי

אַפילו באַ אים אַף דעם צו פרעגן, און ער האָט איר ניט געזאָגט. האָט זי ביז צוועלף באַדערגאַכט געוואַרט. און נאָך צוועלף האָבן זיך אָנגעהויבן פּלאָנטריקע מינוטן. נאָך יעדער אָפּגעדאַכטן שאָרך איז זי ווי דול געלאָפן עפענען. איז אַלעק-סאַנדער געקומען, האָט ער זיך מיט צייטונגען און ביכער אַרומגעלייגט, האָט זי אים צום טיש געגרייט און וועגן אַלץ, וואָס זי האָט דעם טאָג געטראַכט אים פרעגן, האָט זי פאַרגעסן. האָט זי זיך אין בעט געלייגט און צוגעהערט צו אירע איינגעווייד, צי צאַפּלט דאָרטן ניט מיט נייעם לעבן אין אירע געדערעם. האָט זי אָבער נאָר באַמערקט, אַז עס טריקנט איר לייב און עס דאַרן די ביינער, בלויז די אויגן פלעמלען און לעשן זיך ווי שטערן.

זי האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, מאָנען באַציאונג צו זיך. — זי וויל וויסן, זי וויל אים מערער זען אינדערהיים, אָדער מיט אים וואו זיין. האָט ער איר פּאַרטייטש, אַז ער איז דאָך אַ קאָמוניסט און קאָן זיך ווייניק אָפּגעבן מיט אַ ווייב, און אַז זי איז מעכויעוו גיין אַליין אַרבעטן, פאַרדינען און לעבן.

זי האָט אים געגלויבט. זי איז געווען זיכער, אַז זיין וואָרט איז לויטער גינגאָלד. אָבער וואוהין זאָל זי גיין אַרבעטן? אַף פעטראָוווקע אין די וויטרינעס האָבן זיך שוין דאַמענהיט באַוויזן, אָבער אַף דער בירזשע איז שווער געווען צוצוקומען. אין קיין פּריוואַטע וואַרשטאַטן האָט מען קיין אַרבעטערנס ניט גענומען און מיט אַ קאַלטן שמייכעלע אָפּגעזאָגט: — ווער האַרף הייגט היט, אַז מע קומט אויס מיט אַ רויט טיכעלע...

איז זי פאַרבליבן אין שטוב. דאָס לעבן איז אַלץ שווערער געוואָרן. די אייג-זאַמקייט האָט אין האַלז געשטיקט.

*

זי איז געוואַקסן אָן טאַטע-מאַמע, צווישן מענטשן מיט פאַרשיידענע געמער. און דער איינציקער, אין וועלכן זי האָט זיך איינגעגלויבט מיט לייב און לעבן, איז געווען אַלעקסאַנדער, דער שייגער באָכער, דער קאָמוניסט, וואָס איז קוואַרטיר געשטאַנען דאָרטן, וואו זי האָט געאַרבעט. איצט האָט אַן אַלטע, וואָס האָט איי-גענע קינדער צו גאָט ניט געבראַכט, מיט פרומען טאַיגע גענומען גרייטן דידאָ-זיקע צו גאָט. נאָכדעם, אַז איר האַרץ איז שוין גענוג געפּייניקט געוואָרן, האָט זי זי געפירט צום גרויסן ראָוו, וואָס האָט דעמאָלט אַסאַך גויאים מעגאַיער געווען, ער זאָל איר דערציילן גאָטס געבאָטן און זאָל איר געבן אַ בראָכע, אַז איר ערשט קינד זאָל זיין אַ זאָכער און זאָל אויסוואַקסן איבער דער קליפּע, וואָס איז מעטאַמע די וועלט. אַף דער זאַריאַדיע איז דאָ אַזאַ אנשטאַלט מיט אַ פיינעם שילד: „מיקוואָ“!

אָט דאָרטן הייליקט מען עס צום בעט. האָט מען דידאָזיקע „יעווע“ דאָרטן געהייליקט ביז כאַלאָשעס. אַ ראָוו האָט געזאָגט מיט צאָרן: — וואָס מיינט איר, ס'איז אַ ווערטעלע האָבן אַ קאָשער קינד... אַף דער גאַס איז אַן אויסגעווייקטער צאַדיק דער יונגער אַנטקעגן געקומען זי זאָל זיך ביז זאַט אַף אים איינקוקן. אינדערהיים איז אַלץ געקאָשערט געווען און שאַבעסדיק געגרייט. באַ איין בעט איז אַפּן טישל אַ מאַרקס ביילד געשטאַנען, באַ דער צווייטער בעט אַ מעזוזע

צוגעשלאָגן. און אַרומגענומען אירע שוואַרצע האָר אין אַ הייבל מיט האַפטן און שפּיצן, האָט זי געוואַרט ביז צוועלף און נאָכדעם ביז טאָג. אַלעקסאַנדער איז ערשט מאָרגן געקומען אַף איין שאָ באַטאָג און געבראַכט דער כאַוועלע אַ צעטל, וואָס ער האָט באַקומען. אָט מיט דעם צעטל קאָן זי גיין אין אַ גרויסער קאָנדיטעריי־פאַבריק אַרבעטן, — נישקאָשע, זי וועט קאָנען. הײַנט מוז מען אַרבעטן, און ער איז איבערן קאָפּ פאַרנומען. ער וועט קומענדיקע נאַכט אויך ניט קאָנען קומען נעכטיקן...

פאַרלאָרן, צעטומלט איז זי געשטאַנען מיטן צעטל אין האַנט. די בעט אין ווייסן געבעט איז נאָך ניט צעקנייטשט געווען, ניט באַרירט, געוואַרט — אַף וואָס? אירע האָר זײַנען ווי נעכטן אונטערן הייבעלע פאַרנומען געווען. ער האָט עס ניט באַמערקט, ניט געזען. ער איז דאָס מאָל ניט נאָר טויב, נאָר אויך בלינד געבליבן צו דעם צימער און צו איר. אָבער אין טיר איז די אַלטע געשטאַנען מיט אָנגעצונדענע אויגן, — האָט מיט וואונקען, מיט ציין־קריצן, מיט שעפּטשען געמאָנט: — נעם אים, לאָז ניט אָפּ — הײַנט איז דײַן קאָשערקייט!

האָט זיך אַ העליש פייער פון דער יונגערס טריט געצויגן ביז די האָר אונטערן הייבל. איז די טיר פלינק פאַרשלאָסן געבליבן, פענסטער — פאַרהאַנגען, און איידער ער האָט דערוויזן פרעגן, וואָס דאָס באַטײַט, האָט זי איר אָנטאָן אַראָפּגעריסן, אירע האָר צעוואָרפן און אַף אים זיך געוואָרפן רײַסן פון אים זײַן אָנטאָן, און עס זײַנען צונישט געוואָרן זײַנע פאַרוואונדערטע פּראָטעסטן, זײַן ווערן זיך. זי האָט מיט קראַפט, מיט וואנגעדיקן באַגער געריסן זײַן אָנטאָן און מיט פלאַם אין אויגן צעגליטע, מיט הענט זיך געשלייפט אַרום זײַן האַלז, און בריסטן רונדע, שטייפע האָבן ווי זודיקע פרעסלעך מיט פלאַמישן קוש זיך געקלעפּט צו אים. איז ער אָנגעצונדן געוואָרן, ווי דעמאָלט איבערנאַכט, נאָך אַ היים־געשמאָלצענעם טאָג, ווען ער האָט זי געזוכט און מיט באָכערשע מיטלען זי אָנגעצונדן און פאַר זײַן ווייב געמאַכט. הײַנט איז ער גלוטיקער אײַנגעשפּאַרט געווען, און אין צעהיצטן בלוטן־געמיש האָט געשלאָגן דער אָטעם פון אַ קאַוואָנע, פון אַ באַגער — אָנפילן אירע געדערים מיט לעבן. האָט עס אים געשטיקט, געוואָרגן און געבריט און פאַרשיקערט אין טאַיוועדיקן טאַינעג און אין בעט אין פרישן געבעטן, פאַרהוועבט אים אין זודיקע נעצן ביז אַף מאָרגן...

3

ווי פון אַ שווערן טשאַד, האָט זי אירע שלייפן געריבן, אַז די נימעסע שאָפלקייט זאָל אָפּגיין פון האַרצן. אַלעקסאַנדער איז שוין אַ פּאָר טעג גאָר ניט געקומען. די אַלטע האָט געוויינט אַפן כורבן פון איר גרויס געזינד. געהאַלטן אַ פּאָר בריוולעך פון פּאַריז, פּאַלעסטינע, מיט אַ פּאָר געשיקטע אַמעריקאַנער דאָלער. אָבער מיט וויי און צאָרן האָט געטעמט פון די בריוו. ווײַל דערווײַל לעבט מען און מע עסט פון גרייטן און מיט געשעפט האַלט עס זייער שלעכט. נאָר איין טרייסט, איין האָפענונג, דאָרטן בײַ זיי, זאָגט מען, אַז מע וועט זיך אינגיכן קאָנען אומקערן קיין רוסלאַנד....

— צוריק? האָט געפרעגט כאַוועלע מיט אייטע. — צוריק? און זי האָט זיך ראַפּטום דערמאָנט אָן צעטל, וואָס אַלעקסאַנדער האָט איר געבראַכט, און צע־שראָקן, צעטומלט, מיט אימפּעט איז זי געלאָפן, גלייך ווי אָט די מישפּאָכע פון פּאַריז, פּאַלעסטינע, יאָגט זי נאָך.

און זי לויפט זוכן שוץ דאָרטן אין רווישנדיקער פּאַבריק, צווישן גאָר ווילד פרעמדע מענטשן. האָט זי שוץ געפונען. כאַוויירים פאַרשיידענע, אָבער פּאָשעטע, וואָס נעמען זי גלייך אויף, ווי אַ זייעריקע, און ווילן ניט און מאָנען פון איר ניט מערער, ווי דאָס, וואָס זיי מאָגען פון זיך, — אַרבעט. און כאָטש די אַרבעט איז געווען אַ פרעמדע, כאַוויירים האָבן געאַרבעט דערפּאַרענע, האָבן אירע פינגער געוויינטע נאָכגעטאָן איר ווילן. און כאַוויירים האָבן באַוואונדערט, ווי גיך די גייאינקע האָט דערגרייכט די נאָרמע און יאָגט שוין איבער. און ניט איינגעמידט בלייבט זי נאָך דער אַרבעט, נאָר פאַרטראַכט און אין זיך פאַרשלאָסן.

אין פאַבריק צווישן כאַווערטעס, האָט זיך כאַוועס אויער צוגעוויינט הערן, ווי זיי דערציילן איינפאַך און פּאָשעט וועגן זייערע באַציאונגען מיט מענער, מיט געליבטע. דעמאָלט האָט זי פאַר אַ כאַווערטע אַ דעלעגאַטקע אויפגעדעקט אירע סוידעס מיטן ראָוו, מיט דער מיקווע און געפרעגט, צי ווייס זי ניט, פאַרוואָס נעמט זיך ניט נאָך אַלעמען צו אירע געדערים קיין קינד?

האָט יענע געלאַכט, געכוויזעקט פון אַלע שפּרוכן און הייליקייטן, און גאָר, גאָר ערנסט געזאָגט איר: — אויב דו מיינסט אַף אַן עמעס אַ קינד צו האָבן, מאָ גיי זיך פאַנאַנדער מיט דעם מאַן און נעם אַנאַנדערן. ביסט געזונט און שיין. דיין מאַן טויג ניט.

— אָבער ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אים וויל איך דאָס קינד,—האָט זי זיך באַ דער כאַווערטע געבעטן.

אַלעקסאַנדער איז נאָך זעלטענער אַהיים געקומען. האָט זי אַ צווייטן מאָל פאַר אַ כאַווערטע אַ האַרץ אויפגעדעקט:

— זי האָט אַזוי ליב איר מאַן. אָבער פאַרוואָס ווערט דאָס אַ קאָמוניסט אַזוי פאַרטאָן איבערן קאָפּ אין אַרבעט, אַז ער פאַרגעסט אָן זיך, אָן ווייב? בעכטיקן קומט ער אַפּילע זעלטן. און קומט ער — מיידט ער אויס איר בעט.

די כאַווערטע דעלעגאַטקע האָט זי פּאָשעט פאַרוואונדערט: וואָס פאַרשטייט מען ניט אַזאַ פּאָשעטן אייסעק? דיין מאַן איז ניט אַזויפיל אָנגעלאָדן,—ער האָט פּאָשעט ערגעץ אַן אַנדער ווייב.

האָבן דער כאַווערטעס ווערטער זיך וואָגיק אָפּגעזעצט אין איר קאָפּ, אין איר האַרצן. ס'איז מיט ווייטיק ווי אַ טשוואָק אַריין אין איר בלוט און לייב. און אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט. און איז זי געגאַנגען אין גאַס, האָט זי גאַסן מיט בשאַד געטאַפּט. זי האָט געזוכט קעגן איר באַוואוסטזיין, קעגן איר ווילן.

האָט זיך איינמאָל אַן אָנטאָן אַ פּאָרטפעל אין די אויגן געוואָרפן, און נאָכן אָנטאָן האָט זי דערקענט אַלעקסאַנדערן. ער איז מיט אַ פרוי געאַרעמט גע־גאַנגען. האָט זי זיך ווילד ווי אַ כאַיע אַ וואָרפגעטאָן נאָך אים און שיר צוריבן געוואָרן אונטער אַן אַווטאָמאָביל. צום גליק נאָר אָפּגעקומען מיט אַ לייכטן שטויס,

און ווען אַ דראָזשקע האָט זי אַהיים געבראַכט, האָט זי אַלעקסאַנדערן אינדער־היים געפונען. ער האָט זיך געערגערט, באַמיט פון אירמווּעגן. געבראַכט אַ האָק־טער, און זי האָט געליטן פון כאַראַקטע, פון געוויסנביסן פאַר איר כשאַד אַף איר אַלעקסאַנדערן.

▪

טעג זיינען געשטאַנען גרויסע. די גרויסע פּאַרטיי האָט רעוויִדירט אירע רייען — ווער איז אַף אַן עמעס ווערט צו טראָגן דעם פּאַרטיי־נאָמען.

אַ כאַווערטע אַ דעלעגאַטקע, האָט זי אין פאַבריק באַ דער אַרבעט געפרעגט:

— נו, וואָס, דיין קאָמוניסט האַלט זיך נאָך אין דער פּאַרטיי? אָט איצטער ט'מען זען אַף וויפל ער איז אין דער עמעסן פון לויטער גיינגאָלד. אַזעלכע גיט מען ערשט מיט אַ קני און גיי...

האָט איר אָט דער בייזער מויל ביז ווייטיק געערהגערט. ניין, זי בעט, זי פּאַ־דערט, זי זאָל ווענן איר אַלעקסאַנדערן אַזעלכעס מער ניט דערמאָנען, ווייל זי פילט זיך זינדיק און בישטיק קעגן אים.

אין דער היים האָט זי געפונען די אַלטע אַ פאַרכאַלעשטע פון צאָרעס.

— וואָס, וואָס איז געשען?

האָט די אַלטע געקרעכצט:

— סטייטש, איר איינציקן אַלעקסאַנדערן האָט מען פון די קאָמוניסטן באַ־זייטיקט. צי וועט מען נאָך איצטער לאָזן אַן אַלטן קאָפּ רוען אין צימער. צי וועט זי ניט דאַרפן שטאַרבן אונטער אַ פּלויט.

ניין, די מיינע האָט זי שוין ניט געהערט. וואָס הייסט עס? ווי פאַרשטייט מען עס? אַ מענטש, וואָס לעבט איינגאַנצן נאָר פאַר דער פּאַרטיי.

זי האָט באַשלאָסן. זי האָט אים אַליין געפרעגט: — וואָס באַטייט דאָס?

ער האָט געשמייכלט:

— יאָ, מע האָט מיך אויסגערייניקט.

— אָבער ווי, פאַרוואָס, ווי אַזוי?

— פאַר באַלאַסט, האָט ער געזאָגט, ווייסט, וואָס הייסט אַזוינס באַלאַסט? אָט דאָס אַלץ, — האָט ער אָפן שטוב געוויזן — דו, די שטוב, די אַלטע הענגען אַף מיין האַלז, און איך הייס באַלאַסט. אַ קאָמוניסט האַרף זיין איינציק, ווי אַ פינגער..

— גו און ווייטער?

— גאָרנישט. ער אַרבעט נאָך מער איבערהגעגעבן און ער איז זיכער, אַז מע וועט אים צוריק אויפשטעלן אין דער פּאַרטיי.

ער איז זיכער, און זי? זי איז נאָך מערער זיכער.

זי האָט אים איצטער נאָך צאַרטער ליב, זי זוכט צו לינדערן זיין ווייטיק. און כאָטש ער זאָגט גאָרניט, פאַרשטייט זי, אַז אַ קינד וואָלט געווען די בעסטע מאַ־טאָנע פאַר אַ קאָמוניסט, וואָס בויט איבער אַ גאַנצע וועלט און שטעלט אויף אַ נייעם דאָר מענטשן. אָט אַזעלכעס, האָט זי דאָך שוין געהערט, רעדט מען ווען דעם דריטן אומבייט.

אַ דאָקטער. איצט פאַרדינט זי אַליין און דאַרף בײַ קיינעם ניט בעטן. גייט זי צו אַ ספּעציאַליסט, צום צווייטן, נאָר מאָרגן: ביידע זאָגן זיי איר דאָסזעלבע, וואָס די כאַווערטע דעלעגאַטקע האָט איר געזאָגט: דער מאַן. זי איז פעאיק צו האָבן קינדער. זיין שולד.

*

ס'איז געווען אַן ערווע יאַנטעוו, האָט כאַווע פרי פאַרענדיקט די אַרבעט און זיך אַהיים ניט געאײַלט.

די גאַס האָט געטומלט, געלאָפן, געקויפט, געגרייט. כאַווע האָט זיך אין טומל דיקע גאַסן געשפּאַרט מיט אירע אָפּגעריסענע געדאַנקען וועגן אַ מאַן, וואָס מע האָט אים פון דער פּאַרטיי אויסגעריייניקט און וואָס איצטער אַרבעט ער נאָך מער ווי פריער. און אַהיים ברענגט ער שוין גאָר גאָר קנאַפּ, אַזוי אַז וועש און נאָך אַזעלכע זאַכן גרייט זי אים פון אירע פאַרדינסטן. און דאָך שפּאַרט זי זיך אָט איצטער אין טומל, ווייל זי וויל אים קויפן אַ נייעם שניפּס אַף יאָנטעוו.

און פּלוצלינג האָט זיך ווי אַ בליץ דער געדאַנק איבערגעריסן. דאָס האַרץ האָט אַ שלײַדער געטאָן מיט אַ שטראָם בלוט אין פּאָנעם אַריין, מאַקע נאָר צו פאַר־קליניען זיך פון בושע. אַלעקסאַנדער, אַ פריש געראַזירטער, מיט פאַרשיידענע פּעקלעך באַהאַנגען, ערשט פון מאַגאַזין, האָט אָ דאָ לעבן איר געדונגען אַ דראָשקע. זי האָט קלאָר געהערט—צו דער ראַהאַטקע, פאַר עפּעס גאָר אַסאַך געלט. אָבער אירע הענט האָבן ניט געדינט איר, ווען זי האָט אַ ביישעק באַקומען אָט אַזוי אים פאַרן קאָלנער אָנעמטאָן:

— וואוהין פאָרסטו עס, אַלעקסאַנדער?...

ער האָט איר שפּעטער גאַנץ רואיק געענטפערט אַף איר פראַגע:

— יאָ, ער האָט עס איר אַליין בעדייע געהאַט זאָגן, ער פאָרט צו אַ ווייב. זי האָט דאָך אים קיין קינדער ניט. ער וויל אַ קינד. יענץ ווייב שוואַנגערט. איגיכן וועט ער אַ פאָטער און זיי וועלן זיך דאַהפן צעגיין.

דאָס האָט איבערן קאָפּ געהאַקט, געשמיסן מיט בייטשן איבערן לייב, דאָק־טוירים געפינען דאָך, אַז זי קאָן קינדער געבוירן. אָבער איר איז גאָר ניט איינגע־פאַלן פאָלגן די כאַווערטע דעלעגאַטקע. ניין, זי האָט ניט געטראַכט וועגן קיין אַנדער מאַן. אָבער וואָס ערגער נאָך פּלאָגט זי, וואָס זי גלויבט אים ניט. אַן ערשטן מאָל גלויבט זי אים ניט און איר דאַכט, אַז ער ליגט און נאַרט זי... נאָר אַנטקעגן איז געשטאַנען אַלעקסאַנדער מיט אַ כוויזעקדיקן פּאָנעם:

— נו, וואָס, האָסט זיך איבערצייגט? איצט קאָנסטו גיין. איך בין אַ פאָטער פון אַ זון...

אין דער היים האָט כאַווע אַרויסגעוואָרפן פון איר צימער דער אַלטערס ספּאָ־רים, אָפּגעריסן די מעזוזע, און צעטראָטן און מיט עפּעס פאַרענדיקט. שפּעטער איז זי אַוועק און אַראָפּגענומען אירע שוואַרצע צעפּ, אָנגעטאָן אַ רויט טיכל אַפן קאָפּ און אַ בלאָע בלוזע. און אַז זי איז געקומען אַף דער אַרבעט, האָבן זיך כאַווער־טעס מיט איר געפרייט:

— אָט איצטער זעסטו אויס ווי אַן עכטע אַרבעטערין.

## 4

דריי יאָר אַרבעט אין פֿאַבריק פֿון די ווירקלערינס אין פֿאַק=אָפּטייל, אין מאַרמעלאַד אָפּטייל. אומעטום און אַלע הונדערטער אַרבעטער האָבן דערקאָנט יעווע מאַרקאָוונע, די איבערגעגעבנסטע כאַוועריטע.

אַף איינער אַן אָפֿענער פֿאַרזאַמלונג פֿון קאָמקעמערל, וואו עס זיינען געמאָלדן געוואָרן די רעזולטאַטן פֿון קעמערל־ביוראָ אַף די אָנגעגעבענע מעלדונגען וועגן אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי, איז געווען שטאַרק טומלדיק. אַ דיסקוסיע — צי דאַרף דער, צי טאָר יענער, צי איז עס צוועקמעסיק, ער זאָל טראָגן דעם פּאַרטיינאָמען — קאָמוניסט!

איז זי צווישן כאַווערטעס געשטאַנען. ברוין און מאָגער, אירע שוואַרצע האָר געשאָרן. די אויגן פֿלעמלען זיך און אינגאַנצן פֿיבערט זי.

— וואָס, וואָס, כ=טע יעווע, דו קאָנסט זיך שוין אָנרופֿן קאָמוניסטקע.

און זי לאָזט אירע אויגן אַראָפּ, זי ווערט בלייך פֿון גליקלעכער אויפֿרעגונג. אָט רופֿט מען איר נאָמען — יעווע ווייסבלאַט, אַלט אַזויפֿיל יאָר, פֿון קליינווייז אַ יעסוימע געוואַקסן, צווישן די בארג=אידן, צווישן מוסולמאַנער, טיורקן, צווישן פֿאַרשיידענעם אוילאָם, און שפּעטער אין די שטעט פֿון קאַווקאַז, געפּוצט הייט פֿאַר דאַמען, מיט קנעכטישער אונטערטעניקייט באַפֿרידיקט קאַפּריזן. ביז ער, דער קאָמוניסט אַלעקסאַנדער, האָט זי דאָרטן געפֿונען — הא, וואָס? וואָס רעדט מען דאָרטן, עס טומלט דער קאָפּ און דאָס האַרץ שפּרינגט פֿון אויפֿרעגונג.

— די ביוראָ האָט באַטראַכט די מעלדונג פֿון דער כ=טע ווייסבלאַט און אנערקענט, אַז זי קען אָנגענומען ווערן אַלס קאַנדידאַט פֿון דער „אַל. קא. פּע. (באָלשעוויקעס)“. ווער האָט קעגן?

אַ טומל, אַ גערויש. אַלע מיטאַמאָל: — קיינער ניט קעגן. אַלע פֿאַר!

— — —

אַ רויטינקע טיכעלע אַף שוואַרצע האָר צו אַ ברוינעם פּנים, מיט פּלאַמיקע קוילן=אויגן און אַ שלאַנקע פֿיגור. נאָך דער אַרבעט אין דער פֿאַבריק טראָגט זי זיך אין קינדער=שוץ, פֿון דאָרט אין די קינדער=הייזער, וואוהין זי איז אויסגעטיילט און ווידער אין דער סאַניטאַרער קאָמיסיע פֿון „געזונט=היטונג“ און נאָך אַף פֿאָרטראַגן אין קלוב, אין קעמערל. אַלע טאָג פֿול ביז די ברעגן, און אַז זי קערט זיך אַהיים שפּעט, שליסט זי אַליין די טיר אָפּ. אָבער אינעווייניק לויט דער געוואוינהייט איז עס שווער פֿאַריגלט. הערט זי, ווי אַלעקסאַנדער שלאָפֿט אין די שטעק=שיך און עפֿנט איר. קוקט אָן איר פּנים מיט טויבן בייניר.

איר האַרץ האָט איינגעאָטעמט אין זיך אַלץ מער די זודיקע לופֿט פֿון דער פֿאַבריק. אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפֿנט און דערזעען, אַז זי איז אין קאָך פֿון אַ גרויסן לעבן. טרייבט זי ניט און מישפּעט זיך ניט מיט אַלעקסאַנדערן. ער האָט קיין דירע ניט, קיין לעבן ניט, אַ פֿאַלש ווייב, אַ געגנאַרט קינד. האָט זי איר בעט אין אַ באַזונדער ווינקל, מיט אַ שירמע פֿאַרנומען. מער ניט, וואָס זי שלאָפֿט דאָ, און דאָס איבעריקע לעבט זי אויסער דער שטוב.

# אינהאלט

זייט


| | |
|---|---|
| א דירע | 3 |
| קולינקע | 70 |
| זיבעלע | 109 |
| דאָס מיידל פון די בערג | 134 |

OFFICIALLY WITHDRAWN
NEW HAVEN FREE PUBLIC LIBRARY

FREE PUBLIC LIBRARY

NEW HAVEN, CONNECTICUT

Established November, 1886. Opened to public use, February, 1887, in rented quarters, 793 Chapel Street. Occupied its own building, formerly Third Congregational Church, where Second National Bank Building now stands, 1891-1911. Its present central building, given to the City by MRS. MARY ELLEN IVES, dedicated 1911. Book fund of $65,000, bequeathed by PHILIP MARETT, received 1889. Bequest of $5,000 by PHILO S. BENNETT, received 1907. Bequest of $10,000 by THOMAS EMMET ADDIS, received 1910. Gift of $1,300 from NEW HAVEN EDUCATION EXTENSION CENTER, received 1921. Bequest of $5,000 by ELI MIX for KENNETH EARL MIX BOOK FUND, received 1932. Grant of $60,000 for three branch library buildings, made by CARNEGIE CORPORATION in 1913, received 1917-1924. MITCHELL MEMORIAL LIBRARY transferred to the City, 1922.

*Class* 892.4 *Book* Y14 *Volume* ......

*Accession* 511167